STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02777

# A DUEL UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. פּ. טשעכאָוו

# אַ דועל

## און אַנדערע דערציילונגען

יידיש—מרדכי ניידין

פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, וואַרשע.

Printed in Poland
A. P. Czechow
Pojedynek i inne
Wyd. „Kultur-Liga“, Warszawa, 1923.
Druk. „Hacefira“, Leszno 54.

## אינהאלט:

1) אַ דועל 1—162
2) אַן אַטאַק 165—199
3) אויף אַ זומער־וואוינונג 199—210
4) גנבים 215—239

א מתנה
פון
[illegible]
צום
1965
ר.א. אידישן טאָג

# א דועל

**From** *the Library of*
**H. ZEMELMAN**

# I

ס'איז געווען 8 אַ זייגער אינדערפרי — די צייט, ווען די אָפיצירן, באַאַמטע און צוגערייזטע פלעגן געוויינטלעך נאָך דער הייסער, דושנער נאַכט זיך באָדן אין ים און נאָכדעם גיין אין פּאַוויליאָן טרינקען קאַווע אָדער טיי. איוואַן אַנדרעיִטש לאַיעווסקי, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 28, אַ דאַרער בלאָנדין, אָנגעטון אין אַן אוניפאָרם־היטל פון פינאַנץ־מיניסטעריום און אין פּאַנטאָפל, איז געקומען זיך באָדן און געטראָפן אויפן ברעג אַ סך באַקאַנטע און צווישן זיי זיין חבר, דעם מיליטערישן דאָקטאָר סאַמאָילענקאָ.

האָבנדיק זיין אייגנס אַ גרויסן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אָן שום האַלדז, אַ רויט פּנים, אַ היפּשע נאָז, אָנגעשוואָלענע שוואַרצע ברעמען מיט גרויע באַקנבערד; אַ דיקער, אָנגעבלאָזענער און צו דעם אַלעם נאָך מיט אַ כריפּענדיקן מיליטערישן באַס — האָט דערדאָזיקער סאַמאָילענקאָ אויף יעדן פרישן צוגערייזטן מענטש געמאַכט אַ נישט אָנגענעמען איינדרוק פון אַ מרוק און אַ כריפּער. אָבער עס איז אַריבער צוויי־דריי טעג נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, און

דיין פנים פלעגט זיך אָנהייבן אויסווייזן אומגעווײנטלעך גוט, ליב און אפילו שיין. נישט געקוקט אויף זיין אומגעלומפערטקייט און גראָבלעכן טאָן, איז דאָס געווען אַ מענטש אַן עניוותדיקער, אומענדלעך גוטער, ווייכהאַרציקער און געפעליקער. מיט אַלע אין שטאָט איז ער געווען אויף דו, האָט יעדן געבאָרגט געלט, יעדן געהיילט, געשדכנט, אויסגעגלייכט; ער פלעגט איינאָרדענען פּיקניקן, אויף וועלכע ער אַליין פלעגט זייער באַטעמט פּרעגלען און קאָכן; תמיד האָט ער פאַר עמעצן זיך משתדל געווען און געבעטן און תמיד פון עפּעס זיך געפרייט. לויט דער אַלגעמיינער מיינונג, איז ער געווען ריין פון זינד, נאָר בלויז צוויי שוואַכקייטן האָט ער פאַרמאָגט: ערשטנס, האָט ער זיך געשעמט מיט זיין גוטסקייט און זיך באַמיט צו מאַסקירן זי מיט אַ שטרענגן בליק און מיט אַ בכיוונדיקער גראָבקייט און צווייטנס, האָט ער ליב געהאַט, אַז די פעלדשערס און זעלנער זאָלן אים טיטולירן מיט „אייער עקסעלענץ“, כאָטש ער איז נאָר געווען אַ מלוכה־ראַטמאַן.

— ענטפער מיר, אַלעקסאַנדער דאַווידאָוויטש אויף מיין פראַגע — האָט אָנגעהויבן לאַיעווסקי, בשעת זיי ביידע, ער און סאַמאָילענקאָ, זענען אַריינגעגאַנגען אין וואַסער ביז איבער די אַקסלען. — אַ שטייגער דו האָסט ליב געקריגן אַ פרוי און ביסט זיך צונויפגעגאַנגען מיט איר; האָסט אָפּגעלעבט מיט איר, לאָמיר זאָגן, העכער צוויי יאָר און נאָכדעם האָסטו, ווי ס׳טרעפט זיך, אויפגעהערט זי ליב האָבן און אָנגעהויבן פילן, אַז זי איז פאַר דיר אַ פרעמדע. ווי אַזוי וואָלסטו געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל?

— גאַנץ פשוט. גיי דיר, מאַמעניו, ווו דיין האַרץ גלוסט — און אויס מעשיות.

— ס׳איז זיך גרינג אָפּצוזאָגן! אָבער אויב זי האָט נישט ווו זיך אַהינצוטאָן? זי איז אַ פרוי אַן עלנדע, אָן משפחה, אָן אַ גראָשן געלט, קען נישט אַרבעטן...

— וואָס־זשע איז? גלייכצייטיק אַ פינפהונדערטער אין די ציין אַריין אָדער פינף און צוואַנציק חודשלעך — און קיין שום געשעפטן. גאַנץ פשוט.

— לאָמיר אָננעמען, אַז דו האָסט אי אַ פינפהונדערטער, אי

פינף און צוואַנציק הודשלעך, נאָר די פרוי, וועגן וועלכער איך רעד, איז אַן אינטעליגענטע און אַ שטאָלצע. צי וואָלסטו זיך אַנטשלאָסן איר פאָרצולייגן געלט? און אין וואָס פאַר אַ פאָרם?

סאַמאָילענקאָ האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר אין דער מינוט האָט אַ גרויסע כוואַליע באַדעקט זיי ביידע, נאָכדעם האָט זי זיך אָנגעקלאַפּט אָן ברעג און מיט גערויש זיך צוריקגעקייקלט איבער די דראָבנע שטיינער. די חברים זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן ברעג און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן.

— געוויס איז שווער צו לעבן מיט אַ פרוי, אויב האָסט נישט ליב — האָט. געזאָגט סאַמאָילענקאָ, אַרויסשאָקלענדיק פון שטיוול דאָס זאַמד. — נאָר מען דאַרף, וואַניאַ, באַטראַכטן על פּי מענטשלעכקייט. ווען ס׳טרעפט מיט מיר, וואָלט איך איר אַפילו מיט קיין מינע נישט אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב זי מער נישט ליב, נאָר וואָלט געלעבט מיט איר ביזן טויט.

ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַ בושה פאַר זיינע ווערטער; ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט און געזאָגט:

— אָבער פונמיינעטוועגן וואָלט געמעגט גאָר אינגאַנצן נישט זיין קיין ווייבער. כאַפּט זיי דער רוח!

די חברים האָבן זיך אָנגעטאָן און זענען אַוועק אין פּאַוויליאָן. דאָ איז סאַמאָילענקאָ געווען אַ היימישער מענטש, און פאַר אים איז געווען אַפילו באַזונדער געפעס. יעדן פרימאָרגן האָט מען אים דערלאַנגט אויף אַ טאַץ אַ פילזשאַנקע קאַווע, אַ הויך געשליפן גלאָז מיט וואַסער און מיט אייז און אַ כוסה קאָניאַק; ער פלעגט צום ערשט אויסטרינקען דעם קאָניאַק, דערנאָך די הייסע קאַווע, נאָכדעם דאָס וואַסער מיט אייז, און דאָס איז, משמעות, געווען זייער געשמאַק, ווארים נאָכן געטראַנק זענען די אויגן בא אים געוואָרן ברימלדיקע, ער פלעגט מיט ביידע הענט זיך גלעטן די באַקנבערד און זאָגן, קוקנדיק אויפן ים:

— אַ ווונדערלעך גרויסאַרטיקע לאַנדשאַפט!

נאָך דער לאַנגער נאַכט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אויף נישט פריילעכע און צוועקלאָזע געדאַנקען, וועלכע האָבן נישט געלאָזט שלאָפן און אַזוי ווי נאָך פאַרשטאַרקט די דושנעקייט און די פינצ-

טערניש פון דער נאכט, האט לאיעווסקי זיך געשפירט דערשלאגן און אפאטיש. פונם באדן און דער קאווע איז אים נישט בעסער געווארן.

— לאמיר, אלעקסאנדער דאווידיטש, פארזעצן אונזער שמועס — האט ער געזאגט. — איך וועל נישט פארהוילן און דיר זאגן אפנהארציק, ווי א פריינד: מיינע געשעפטן מיט נאדיעזשדא פעדאראוונען זענען שלעכט... זייער שלעכט! אנטשולדיק, וואס איך ציִ דיך אריין אין מיינע סודות, נאר איך מוז זיך אויסרעדן.

סאמאילענקא, וועלכער האט פארגעפילט, וועגן וואס עס וועט ווייטער גערעדט ווערן, האט אראפגעלאזט די אויגן און אנגעהויבן פויקן מיט די פינגער אן טיש.

— איך האב מיט איר אפגעלעבט צוויי יאר און אויפגעהערט ליב האבן... — האט פארגעזעצט לאיעווסקי. — דאס הייסט ריכטיקער, איך האב תופס געווען, אז ס'איז קיין שום ליבע נישט געווען... די דאזיקע צוויי יאר זענען געווען אן אפנארעריי.

לאיעווסקי האט געהאט א טבע בשעתן רעדן אויפמערקזאם צו באקוקן זייגע ראזע הענט, בייסן די נעגל אדער קנייטשן מיט די פינגער די מאנזשעטן. און אצינד האט ער אויך געטון דאס אייגענע.

— איך ווייס אויסגעצייכנט, דו קענסט מיר נישט העלפן — האט ער געזאגט — נאר איך דערצייל דיר, ווייל פאר אונזערס א ברודער — א לא־יצלח און איבריקן מענטש — איז די גאנצע ישועה אין שמועסן. איך מוז געפינען א דערקלערונג און א פארענטפער פאר מיין משוגהדיקן לעבן און וועמענס ס'איז טעאריעס, אין ליטעראַרישע טיפן, אין דעם, למשל, וואס מיר, אדל־לייט דעגענערירן און אזוי ווייטער... די פארגאנגענע נאכט, למשל, האב איך זיך געטרייסט דערמיט, וואס איך האב די גאנצע צייט געטראכט: אך, ווי גערעכט איז טאלסטאי, ווי אומברחמנותדיק גערעכט! און מיר איז געווען לייכטער דערפון. אינדעראמתן, ברודער, א גרויסער שרייבער! וואס זאלסט נישט זאגן.

סאמאילענקא, וועלכער האט קיינמאל נישט געלייענט טאלס־

טאָיען און יעדן טאָג זיך געקליבן אים דורכצופלייענען, האָט זיך פאַרשעמט און געזאָגט:

— יאָ, אַלע שרייבער שרייבן פון דער פאַנטאַזיע, און ער גלייך פון דער נאַטור...

— גאָט מיינער — האָט אָפּגעזיפצט לאַיעווסקי — ווי ווייט מיר זענען צעקאַלעטשעט פון דער ציוויליזאַציע! איך האָב ליב געקריגן אַ פאַרהייראַטע פרוי; זי מיך אויך... און אָנהייב זענען בײַ אונז געווען אי קושן, אי שטילע אָוונטן, אי שבועות, אי ספּענסער, אי אידעאַלן, אי בשותּפותדיקע אינטערעסן... סאַראַ שקר! מיר זענען אַנטלאָפן אייגנטלעך פון איר מאַן, נאָר זיך גענאַרט, אַז מיר אַנטלויפן פון דער פּוסטקייט פון אונזער אינטעליגענטישן לעבן. אונזער צוקונפט האָט זיך אונז געמאָלט אַזוי: אין אָנהייב אין קאַווקאַז; ביז וואַנען מיר וועלן זיך באַקענען מיטן אָרט און מיט די מענטשן, וועל איך אָנטאָן אַ ווייץ־מונדיר און דינען אַלס באַאַמטער, נאָכדעם אָבער אויף דער פרייהייט וועלן מיר זיך נעמען אַ שטיק ערד, מיר וועלן אַרבעטן בזעת אַפּינו, מיר וועלן זיך איינאָרדענען אַ ווייַנגאָרטן, פעלד און אַזוי ווייטער. ווען דו וואָלסט געווען אויף מיין אָרט, אָדער דער זאָאָלאָג, דייַנער פאָן־קאָרען, וואָלט איר, קען זיין, אָפּגעלעבט מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען דרייסיק יאָר און איבערגעלאָזט אייערע יורשים אַ רייכן ווייַנגאָרטן און טויזנט דעסיאַטין קוקורוזע; איך אָבער האָב זיך דערפילט באַנקראָט פונעם ערשטן טאָג אָן. אין שטאָט איז אַן אומדערטרעגלעכע היץ, אַ לאַנגווייליקייט, אַ מאַנגל פון מענטשן, און גייסט אַרויס אויפן פעלד, דאַכטן זיך דיר דאָרט אונטער יעדן קושאַק און שטיין פאַלאַנגעס, סקאָרפּיאָנען און שלאַנגען, און נאָכן פעלד בערג און מדבר... פרעמדע מענטשן, אַ פרעמדע נאַטור, אַ נעבעכדיקע קולטור — דאָס אַלץ, ברודער, איז נישט אַזוי גרינג, ווי שפּאַצירן אויף נייעווסקי אין אַ פוטער מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען אונטערן אָרעם און חלומען וועגן וואַרעמע לענדער. דאָ איז נייטיק אַ קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט, און וואָס פאַר אַ קעמפער בין איך? אַ נעבעכדיקער נעוראַסטעניקער, אַ ווילטעגער... פונעם ערשטן טאָג אָן האָב איך פאַר-

שטאנען, אַז מיינע רעיונות װעגן אַן אַרבעטזאַם לעבן און װעגן אַ װיינגאָרטן זענען נישט װערט קיין אויסגעבלאָזן איי, װאָס שייך אָבער דער ליבע, מוז איך דיר זאָגן, אַז לעבן מיט אַ פרוי, װאָס האָט געלייענט ספּענסערן און איז געגאַנגען פאַר דיר אין עק װעלט, איז פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, װי מיט דער ערשטער בעס־טער אַנפיסאַ אָדער אַקולינאַ. ס'שמעקט אויך אַזוי מיט פּרעס־אייזן, פּודער און רפואות, דיזעלביקע פּאַפּיליאָטקעס יעדן פרי־מאָרגן און דיזעלבע זעלבסטנאַרעריי.

— אָן אַ פּרעס־אייזן איז אין באַלעבאַטישקייט נישט מעג־לעך — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, זיך רויטלענדיק דערפון, װאָס לאַיעװסקי רעדט מיט אים אַזוי אָפנהאַרציק װעגן אַ באַקאַנטער דאַמע. — דו, װאַניאַ, ביסט היינט נישט אין הומאָר, באַמערק איך. נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ איז אַ הערלעכע פרוי, אַ געביל־דעטע, דו — אַ מענטש מיט אַ גרויסן שכל... געװיס, איר האָט נישט גענומען קיין חופּה וקדושין — האָט פאַרגעזעצט סאַ־מאָילענקאָ, זיך אומקוקנדיק אויף די שכנותדיקע טישן — נאָר דאָס איז דאָך נישט אייער שולד און דערביי... דאַרף מען זיין אָן פאָראורטיילן און שטיין אויפן ניװאָ פון די מאָדערנע אידעען. איך אַליין בין פאַר ציװילן צוזאַמענלעבן, יאָ... אָבער, לויט מיין מיינונג, קוים זענט איר איינמאָל זיך צונויפגעגאַנגען, דאַרף מען שוין לעבן ביזן טויט.

— אָן ליבע?

— איך װעל דיר באַלד דערקלערן, — האָט געזאָגט סאַ־מאָילענקאָ. — מיט אַ יאָר אַכט צוריק איז דאָ בײַ אונדז געװען אַלס אַגענט אַן אַלטיטשקער, אַ מענטש מיט אַ גרויסן שכל, פלעגט ער אַזוי זאָגן: אין פאַמיליען־לעבן איז דער עיקר — געדולד. הערסט, װאַניאַ? נישט ליבע, נאָר געדולד. ליבע קען לאַנג נישט דויערן. אַ יאָר צװיי האָסטו אָפּגעלעבט אין ליבע, און אַצינד, הפּנים, איז דיין פאַמיליענלעבן אַריינגעטרעטן אין יענעם פּעריאָד, װען כּדי אָפּצוהיטן דאָס גלייכגעװיכט, מוזסטו, אַזוי צוזאָגן, אָנװענדן דיין גאַנץ געדולד...

— דו גלייבסט דיין אַלטיטשקען דעם אַגענט, פֿאַר מיר אָבער איז זיין עצה אַן אומזין. דיין אַלטיטשקער האָט געקענט מאַכן אַ פֿאַלשן אָנשטעל, ער האָט זיך געקענט טרענירן אין גע-דולד און דערבײַ קוקן אויפֿן נישטגעליבטן מענטש, ווי אויף אַן אָביעקט, וואָס איז נייטיק צו זיינע איבונגען, נאָר איך בין נאָך נישט געפֿאַלן אַזוי נידעריק; אויב מיר וועט זיך פֿאַרגלוסטן צו איבן זיך אין געדולד, וועל איך מיר קויפֿן גימנאַסטישע געוויכטן אָדער אַ נאַראָווויסטע פֿערד, אָבער דעם מענטש וועל איך לאָזן צורו.

סאַמאָילענקאָ האָט געהייסן דערלאַנגען ווייסן וויין מיט אייז. ווען זיי האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזער, האָט לאַיעווסקי פּלוצלינג געפֿרעגט:

— זאָג, כ'בעט דיך, וואָס מיינט מען געהירן-פֿאַרווייכונג?

— דאָס איז, ווי אַזוי דיר דאָס דערקלערן... אַזאַ קראַנקייט, ווען די געהירן ווערן ווייכער... ווי זיי וואָלטן שיטערער געוואָרן!

— ס'איז אויסהיילבאַר?

— יאָ, ווען די קראַנקייט איז נישט פֿאַרלאָזט. קאַלטע בּרישניצעס, שפּאַנישע פֿליג... נו, איבעווייביק עפּעס.

— אַזוי... אָט אַזוי, זעסטו, איז מיין לאַגע. לעבן מיט איר קען איך נישט: דאָס איז איבער מיינע כּוחות. כּל-זמן איך בין מיט דיר, פֿילאָזאָפֿיר איך, שמייכל איך, נאָר אינדערהיים פֿאַרליר איך אינגאַנצן דעם מוט. מיר איז אַזוי ווייט אומהיימלעך, אַז ווען מען זאָל מיר זאָגן, אַ שטייגער, אַז איך בין מחויב צו לעבן מיט איר נאָך איין חודש, וואָלט איך, דאַכט זיך, אַריינגעלאָזט זיך אַ קויל אין קאָפּ. און אין דערזעלבער צייט קען איך מיך מיט איר נישט צעגיין. זי איז עלנד, קען נישט אַרבעטן, קיין געלט האָב איך נישט און זי האָט נישט... וווּ וועט זי זיך אַהינטון? צו וועמען וועט זי גיין? כ'קען גאָרנישט צוטראַכטן... נו, אָט זאָג דו: וואָס טוט מען?

— נ־יאָ... — האָט אַ צי געטון סאַמאָילענקאָ, נישט וויסנדיק, וואָס צו ענטפערן. — זי האָט דיך ליב?

— יאָ, זי האָט ליב אַזוי פיל, אויף וויפיל ס'איז איר אין אירע יאָרן און בײַ איר טעמפּעראַמענט נויטיק אַ מאַנסביל. מיט מיר צו שיידן זיך וואָלט איר געווען פּונקט אַזוי שווער, ווי מיט דעם פּודער, אָדער מיט די פּאַפּיליאָטקעס. איך בין פאַר איר אַ נויטווענדיקער באַשטאַנד־טייל פון איר בודואַר.

סאַמאָילענקאָ האָט זיך פאַרשעמט.

— דו, וואַניאַ, ביסט היינט נישט אין הומאָר — האָט ער געזאָגט. — ביסט נישט געשלאָפן, הפנים.

— יאָ, כ'בין שלעכט געשלאָפן... בכלל, ברודער, פיל איך זיך פּאַסקודנע. אין קאָפּ איז בײַ מיר פּוסט, דאָס האַרץ שטייט אָפּ, עפּעס אַ מין אָפּגעשוואַכטקייט... מען דאַרף אַנטלויפן!

— וווהין?

— אַהין, אויף צפון. צו די סאָסנעס, צו די שוואָמען, צו די מענטשן, צו די אידעען... איך וואָלט אַ האַלב לעבן אַוועקגעגעבן, צו קענען אַצינד ערגעץ אין מאָסקווער אָדער אין טולסקער גובערניע זיך אָפּבאָדן אין אַ טײַכל, כאַפּן אַ ציטער אַ ביסל, פאַרשטייסט, נאָכדעם אַרומקריכן אַ שעה דריי מיטן סאַמע ערגסטן סטודענט און פּלוידערן, פּלוידערן... און דאָס היי ווי ס'שמעקט דאָרט! געדענקסט? און אין די אָוונטן, בשעת דו שפּאַצירסט אין גאָרטן, דערטראָגן זיך פון שטוב קלאַנגען פון פּאָרטעפּיאַן, מען הערט, ווי ס'גייט דורך די באַן...

לאַיעווסקי האָט זיך צעלאַכט פון הנאה, ס'זענען אים אַרויסגעקומען טרערן אין די אויגן און, כדי זיי צו פאַרבאָרגן, האָט ער, נישט אויפשטייענדיק פון אָרט, זיך אַ צי געטון צום שכנותדיקן טיש נאָך שוועבעלעך.

—און איך בין שוין אַכטצען יאָר נישט געווען אין רוסלאַנד — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ. — איך האָב שוין פאַרגעסן, ווי אַזוי דאָרט איז. לויט מיר, איז גאָר נישטאָ קיין הערלעכער לאַנד פון קאַווקאַז.

— באַ ווערעשטשאַגינען איז פאַרהאַן אַ בילד: אויפן גרונט פון אַ טיפן ברוינעם מאַטערן זיך פאַרמשפּטע צום טויט. פּונקט אַזאַ ברוינעם זעט מיר אויס דיין הערלעכער קאַווקאַז. ווען מען זאָל מיר פאָרלייגן אײנס פון ביידע: זיין אַ קוימענקערער אין פּעטערבורג, אָדער זיין אַ היגער פירשט, וואָלט איך בעסער אויסגעקליבן די שטעלע פון אַ קוימענקערער.

לאַיעווסקי האָט זיך פאַרקלערט. קוקנדיק אויף זיין איינגעבויגענעם קערפּער, אויף די אויגן, אָנגעשטעלטע אין איין פּינטל אויף דעם בלייכן, פאַרשוויצטן פּנים און די איינגעפאַלענע שלייפן, אויף די אָרומגעביסענע נעגל און אויף דעם פאַנטאָפל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען באַם קנעכל און אויפגעדעקט אַ שלעכט פאַרצירעוועטן זאָק, — האָט סאַמאָילענקאָ רחמנות געקריגן אויף אים, און מסתמא דערפאַר, וואָס לאַיעווסקי האָט אים דערמאַנט אַן אומבאַהאָלפן קינד, האָט ער געפרעגט:

— דיין מאַמע לעבט?

— יאָ, נאָר כ׳בין מיט איר צעריסן. זי האָט מיר נישט געקענט מוחל זיין דידאָזיקע פאַרבינדונג.

סאַמאָילענקאָ האָט ליב געהאַט זיין חבר. ער האָט געזען אין לאַיעווסקין אַ ווילן יאַט, אַ סטודענט, אַ לייכטן מענטש, מיט וועלכן מען קען אי מאַכן אַ כּוסה, אי זיך פאַרווײלן, אי האַרציק זיך דורכשמועסן. דאָס, וואָס ער האָט אין אים פאַרשטאַנען, איז אים שטאַרק נישט געפעלן. לאַיעווסקי האָט געטרונקען אַ סך און נישט אין דער געהעריקער צייט, האָט געשפּילט אין קאָרטן, גרינגגעשעצט זיין אַמט, געלעבט נישט לויט די מיטלען, אָפט באַנוצט אין רעדן נישטאָנשטענדיקע אויסדרוקן, איז געגאַנגען אויף דער גאַס אין פאַנטאָפל און פאַר זייטיקע מענטשן זיך געקריגט מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען — און דאָס איז סאַמאָילענקאָן נישט געפעלן. דאָס אָבער, וואָס לאַיעווסקי איז אַמאָל געווען אויפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט, אַציגנד אַבאָנירט צוויי דיקע זשורנאַלן, גערעדט טיילמאָל אַזוי קלוג, אַז נאָר ווייניק-ווער האָט אים פאַרשטאַנען, געלעבט מיט אַן אינטעליגענטער פרוי — דאָס אַלץ האָט נישט פאַרשטאַ-

נען סאַמאָליענקאָ, נאָר דאָס איז אים געפעלן, און ער האָט געהאלטן לאַיעווסקין פאַר העכער פון זיך און אים געשעצט.

— נאָך איין פרט — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ. — נאָר דאָס בלייבט צווישן אונדז. איך פאַרבאָרג עס דערווייל פאַר נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, כאָפּ־זשע זיך נישט אַרויס פאַר איר... אייערנעכטן האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן פון געהירן־פאַרווייכונג.

— אַ ליכטיקן גן־עדן אים... — האָט אַ זיפץ געטון סאַמאָילענקאָ. — פאַרוואָס־זשע פאַרבאָרגסטו פאַר איר?

— ווייזן איר דעם בריוו וואָלט געהייסן: לאָמיר גיין אין קירכע אַריין נעמען חופּה־וקדושין. אָבער מען מוז פריער אויפקלערן אונזערע באַציונגען. ווען זי וועט זיך איבערצייגן, אַז מיר קענען ווייטער צוזאַמען נישט לעבן, וועל איך איר ווייזן דעם בריוו. דאַמאָלס וועט דאָס נישט זיין געפערלעך.

— ווייסט וואָס, וואַניאַ? — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, און זיין פּנים האָט פּלוצלינג אָנגענומען אַ טרויעריקן און בקשהדיקן אויסדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו בעטן עפּעס אַ זייער זיסע זאַך און האָט מורא, אַז מען וועט אים אָפּזאָגן. — האָב חתונה, מיין ליבער!

— נאָכוואָס?

— דערפיל דיין חוב פאַר דער דאָזיקער הערלעכער פרוי! איר מאַן איז געשטאָרבן, און אויף אַזאַ אופן ווייזט דיר די ה ש ג ח ה אַליין אָן, וואָס צו טון.

— אָבער פאַרשטיי, דו אויסטערלישער מענטש, אַז דאָס איז אוממעגלעך. חתונה האָבן אָן ליבע איז פּונקט אַזוי געמיין, ווי אָפּריכטן אַ תפילה, נישט גלייבנדיק.

— אָבער דו ביסט מחויב!

— פאַרוואָס בין איך מחויב? — האָט דענערווירט געפרעגט לאַיעווסקי.

— ווייל דו האָסט זי אַוועקגעפירט פונם מאַן און זי גענומען אויף דיין אחריות.

— אָבער איך זאָג דאָך דיר בפירוש: איך האָב נישט ליב!

— נו, איז נישט קיין ליבע, טאָ שעץ זי, גיב אָפּ כבוד...

— שעץ, גיב אָפּ כבוד... — האָט נאָכגעשפּעט לאַיעווסקי. — גלייך זי וואָלט געווען אַ סופּעריאָרקע. אַ שלעכטער פּסיכאָלאָג און פיזיאָלאָג ביסטו, אויב דו מיינסט, אַז לעבנדיק מיט אַ פרוי קען מען אויסקומען בלויז מיט אַכטונג און דרך ארץ. אַ פרוי דאַרף קודם כל אַ שלאָפצימער.

— וואַניאַ, וואַניאַ... — האָט זיך פאַרשעמט סאַמאָילענקאָ.

— דו ביסט אַן אַלט קינד, אַ טעאָרעטיקער, און איך בין — אַ יינגער זקן און אַ פּראַקטיקער, און מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. לאָמיר בעסער אָפּהאַקן פונם דאָזיקן שמועס. — מוסטאַפאַ! — האָט לאַיעווסקי אַ געשריי געטון צום קעלנער: — וואָס קומט פון אונדז?

— ניין, ניין... — האָט זיך דערשראָקן דער דאָקטאָר, אָנכאַפּנדיק לאַיעווסקין בײַ דער האַנט. — איך וועל באַצאָלן: איך האָב געהייסן דערלאַנגען. פאַרשרייב אויף מיר! — האָט ער אַ געשריי געטון צו מוסטאַפען.

די חברים זענען אויפגעשטאַנען און שווייגנדיק זיך געלאָזט גיין איבער דער ברעגגאַס. בײַם אַריינגאַנג אין בולוואַר האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און צום געזעגענען זיך אַ דריק געטון איינער דעם אַנדערן די הענט.

— איר זענט שטאַרק צעבאַלעוועט, מיינע הערן! — האָט אָפּגעזיפצט סאַמאָילענקאָ. דער גורל האָט דיר צוגעשיקט אַ פרוי — אַ יונגע, אַ שיינע, אַ געבילדעטע — און דו זאָגסט זיך אָפּ, און וואָלט מיר גאָט געגעבן כאָטש אַ האַלבקרומע זקנה, נאָר אַ ליבלעכע און אַ גוטע וואָלט איך געווען העכסט צופרידן! איך וואָלט געלעבט מיט איר אין מיין ווייַנגאָרטן און...

סאַמאָילענקאָ האָט זיך צוריקגעכאַפּט און געזאָגט:

— און זי וואָלט דאָרט, די אַלטע מכשפה, אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

נאָכן געזעגענען זיך מיט לאַיעווסקין איז ער אַוועק מיטן בולוואַר. בשעת ער פלעגט אַזוי גיין איבערן בולוואַר — אַ שווערלייביקער, אַ מאַיעסטעטישער, מיט אַ שטרענגער מינע אויפן פנים, אין זיין שניי=ווייסער בלוזע און אין די פיין אָפגעפוצטע שטיוול, מיט דער אַרויסגערוקטער ברוסט, אויף וועלכער ס׳האָט געשיינט אַ וולאַדימיר מיט אַ באַנד, — פלעגט ער דאַן זיך אַליין זייער געפעלן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט קוקט אויף אים מיט פאַרגעניגן. נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט ער געקוקט אין די זייטן און אויסגעפונען, אַז דער בולוואַר איז גאָר פיין איינגעאָרדנט, אַז די יונגע קיפּאַריסן, עווקאַליפּטן און די נישטשיינע געמיין=זאַפטיקע פּאַלמעס זענען זייער שיין און וועלן מיט דער צייט געבן אַברייטן שאָטן; אַז די טשערקעסן זענען אַן ערלעך, גאַסטפריינדלעך פאָלק. „מאָדנע, וואָס לאַיעווסקין געפעלט נישט קאַווקאַז — האָט ער געטראַכט — זייער מאָדנע". ס׳זענען אים אַקעגנגעקומען פינף זעלנער מיט ביקסן און האָבן אים סאַלוטירט. אויף דער רעכטער זייט פונם בולוואַר איז אויפן טראָטואַר דורכגעגאַנגען אַ פרוי פון אַ באַאַמטן מיט אַ זון אַ גימנאַזיסט.

— מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, גוט מאָרגן! — האָט איר אַ געשריי געטון סאַמאָילענקאָ מיט אַן אָנגענעמען שמייכל. — איר זענט זיך געגאַנגען באָדן? כאַ=כאַ=כאַ... אַ גרוס ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשן.

און ער איז געגאַנגען ווייטער מיטן אייגענעם אָנגענעמען שמייכל, נאָר דערזעענדיק דעם אַקעגנגייענדיקן מיליטערישן פעלדשער, האָט ער זיך פלוצלינג אָנגעכמורעט, אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ס׳איז דאָ עמעצער אין לאַזאַרעט?

— קיינער נישט, אייער עקסעלענץ.

— האַ?

— קיינער נישט, אייער עקסעלענץ.

— גוט, גיי...

מאַיעסטעטיש וויגנדיק זיך, איז ער צוגעגאַנגען צו דער לימאָנאַדן-בודקע, ווו הינטערן בופעט איז געזעסן אַן אַלטע פולברוסטיקע יידישע פרוי, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן אַלס גרוזינקע און געזאָגט איר אַזוי הויך, ווי ער וואָלט קאָמאַנדעוועט מיט אַ פאָלק:

— זייט אַזוי פריינדלעך, גיט מיר סאָדע-וואַסער!

II

לאַיעוווסקיס אומליבע צו נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען האָט זיך אויסגעדריקט הויפּטזאַכלעך דערין, וואָס אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט און געטון, האָט אים אויסגעזען פאַלש אָדער ענלעך צו פאַלש, און אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט קייגן פרויען און ליבע, האָט זיך אומגעוויינטלעך געפּאַסט צו אים, צו נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען און איר מאַן. ווען ער איז געקומען אַהיים, איז זי שוין געזעסן אָן אָנגעטוענע און פאַרקעמטע באַם פענצטער און מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים געטרונקען קאַווע און איבערגעבלעטערט אַ ביכל פון אַ דיקן זשורנאַל; ער האָט אַ קלער געטון, אַז טרינקען קאַווע איז אוודאי נישט אַזאַ מערקווירדיק געשעעניש, אַז ס'זאָל כדאי זיין פונוועגן דעם צו מאַכן אַ פאַרזאָרגט פּנים, און אַז בחנם האָט זי אָנגעוווירן צייט אויף אַ מאָדישער פריזור, מחמת געפעלן צו ווערן איז דאָ נישטאָ וועמען און צוליב וואָס. אויך אינם ביכל פונם זשורנאַל האָט ער דערזען פאַלשקייט. ער האָט אַ קלער געטון, אַז זי טוט זיך אָן און פאַרקעמט זיך, כדי אויסצוזען שיין, און לייענט צוליב דעם, אַז זי זאָל אויסזעען אַ קלוגע.

— ס'מאַכט נישט אויס, אַז כ'וועל הייגט גיין זיך באָדן? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס איז ? צי וועסט גיין, אָדער נישט גיין, וועט פון דעם, מיין איך, קיין ערדציטערניש נישט זיין...

— ניין, איך פרעג דערפאַר, צי דער דאָקטאָר וועט זיך נישט בייזערן.

— מילא, פרעג־זשע באַם דאָקטאָר. איך בין נישט קיין דאָק־טאָר.

דאָס מאָל איז לאַיעווסקין מער פון אַלעם נישט געפעלן גע־וואָרן באַ נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען איר ווייסער דעקאָלטירטער האַלז און די לאָקנדלעך אויפן נאַקן. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אננאַ קאַרענינען, ווען זי האָט אויפגעהערט ליב האָבן דעם מאַן, זענען קודם־כל נישט געפעלן זיינע אויערן, און ער האָט אַ קלער געטון: „ווי ריכטיק דאָס איז! ווי ריכטיק!" שפּירנדיק אַ שוואַכ־קייט אין אַ פּוסטקייט און קאָפּ, איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע און באַדעקט דאָס פּנים מיט אַ טיכל, אַז די פליגן זאָלן אים נישט שטערן. פוילע, שלעפּעדיקע רעיונות אַלץ וועגן דעם אייגענעם האָבן זיך אַנגעהויבן שלעפּן אין זיין מוח, ווי אַ לאַנגער צוג פון פורן אין אַ האַרבסטיקן מיאוסן אָוונט, און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שלעפּע־ריקן געדריקטן צושטאַנד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שול־דיק קייגן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען און קייגן איר מאַן, און אַז דער מאַן איז געשטאָרבן איבער זיין שולד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שולדיק קייגן אייגענעם לעבן, וועלכעס ער האָט איבערגע־פירט, קייגן דער וועלט פון די הויכע אידעען, פון וויסן און אַר־בעט, און דידאָזיקע הערלעכע וועלט האָט זיך אים פאָרגעשטעלט פאַר מעגלעך און רעאַל נישט דאָ אויפן ים־ברעג, וווּ ס'שלעפּן זיך אַרום הונגעריקע טערקן און פוילע אַבכאַזיאַנער, נאָר דאָרט אויף־צפון, וווּ ס'איז פאַראַן אָן אָפּערע, טעאַטערן, צייטונגען און אַלע פאָרמען פון גייסטיקער אַרבעט. ערלעך, קלוג, דערהויבן און ריין קען מען זיין נאָר דאָרט, אָבער נישט דאָ. ער האָט זיך באַשול־דיקט דערין, וואָס ער האָט נישט קיין שום אידעאַלן און קיין אָנ־פירנדיקע אידעע אין לעבן, הגם ער האָט אַצינד נעפּלדיק פאַרשטאַ־נען, וואָס דאָס באַטייט. מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער האָט ליב גע־

קריגן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דאַרף בלויז זיך צונויפגיין מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען און אַוועקפאָרן מיט איר קיין קאַווקאַז, ווי ער וועט שוין זיין געראַטעוועט פון דעם באַנאַלן און פוסטן לעבן; אַזוי איז ער אויך איצט געווען זיכער, אַז ער דאַרף בלויז אַוועקוואַרפן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען און אַוועקפאָרן קיין פעטערבורג, ווי ער וועט באַקומען אַלץ, וואָס איז אים נייטיק.

— אַנטלויפן! — האָט ער אַרויסגעמורמלט, אויפזעצנדיק זיך און בייסנדיק די נעגל. — אַנטלויפן!

זיין פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלט, ווי ער זעצט זיך אויפן דאַמפער און עסט נאָכדעם פרישטיק, טרינקט קאַלט ביר, שמועסט אויפן דעק מיט די דאַמען, דערנאָך זעצט ער זיך אין סעוואַסטאָפאָל אין באַן און פאָרט. זיי באַגריסט, פרייהייט! די סטאַציעס שווינדלען איינע נאָך דער אַנדערער, די לופט ווערט אַלץ קעלטער און האַרטער; אָט זענען בעריאָזעס און נאָדלביימער, אָט איז קורסק, מאָסקווע... בײַ די בופעטן איז דאָ באָרשט, שעפסנס מיט קאַשע, פיש, ביר, מיט איין וואָרט, נישט אַזיאַטשינע, נאָר רוסלאַנד, אמתדיק רוסלאַנד. די פאַסאַזשירן אין צוג רעדן וועגן האַנדל, וועגן נייע זינגער, וועגן די פראַנקאָ-רוסישע סימפּאַטיעס; איבעראַל פילט זיך אַ לעבעדיק, קולטורעל, אינטעליגענטיש, מונטער לעבן... גיכער, גיכער. אָט איז ענדלעך ניעווסקי, באָלשאַיאַ מאָרסקאַיאַ, און אָט איז קאָוונער געסל, ווו ער האָט אַמאָל געוווינט מיט סטודענטן, אָט איז דער ליבער, גרויער הימל, דאָס טריענדיקע רעגנדל, די נאַסע פורמאַנעס...

— איוואַן אַנדרעיִטש! — האָט עמעצער אַ רוף געטון פון שכנותדיקן צימער. — איר זענט אינדערהיים?

— איך בין דאָ! — האָט זיך אָנגערופן לאַיעווסקי. — וואָס דאַרפט איר?

– די פּאַפּירן!

לאַיעווסקי האָט זיך פויל אויפגעהויבן און מיט אַ קאָפּשווינדל, גענעצנדיק און שאַרנדיק מיט די פּאַנטאָפל, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שכנהשן צימער. דאָרטן איז בײַם אָפענעם פענצ-

טער געשטאַנען איינער פון זיינע יינגע קאָלעגן־באַאַמטע און האָט אויסגעלייגט אויפן פענצטער־אָנלען אַמטלעכע פּאַפּירן.

— באַלד, מיין ליבער — האָט ווייך געזאָגט לאַיעווסקי און איז געגאַנגען אָפּזוכן דעם טינטער; ווען ער איז צוריקגעקומען צום פענסטער, האָט ער, נישט איבערלייענדיק, אונטערגעשריבן די פּאַפּירן און געזאָגט: הייס!

— יאָ. איר וועט היינט קומען?

— גיכער נישט... כ׳בין עפּעס נישט געזונט. זאָגט, מיין ליבער, שעשקאָווסקין, אַז כ׳וועל נאָכן מיטאָג אַריינקומען צו אים.

דער באַאַמטער איז אַוועקגעגאַנגען. לאַיעווסקי האָט זיך ווידער אַנידערגעלייגט באַ זיך אויף דער סאָפע און אָנגעהויבן קלערן:

„אַלזאָ דאַרף מען איבערוועגן אַלע אומשטענדן און זיך איבערלייגן. איידער איך פאָר אַוועק פונדאַנען, מוז איך רעגולירן די חובות. כ׳בין שולדיק בערך צוויי טויזנט רובל. קיין געלט האָב איך נישט... דאָס איז נאַטירלעך נישט וויכטיק; אַ טייל וועל איך ווי ס׳איז באַצאָלן, און דעם אַנדערן טייל וועל איך נאָכדעם אָפּשיקן פון פעטערבורג. דער עיקר איז — נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ... קודם כל מוז מען אויפקלערן אונזערע באַציונגען... יאָ.“

אַביסל דערנאָך האָט ער געטראַכט: „אפשר בעסער גיין צו סאַמאָילענקאָן זיך אַן עצה האַלטן?“

„מ׳קען גיין — האָט ער געטראַכט — אָבער וואָסערע נוצן וועט דערפון זיין? כ׳וועל ווידער רעדן נישט אויפן אָרט וועגן בודואַר, וועגן פרויען, וועגן דעם, וואָס ס׳איז ערלעך און נישט ערלעך. וואָס פאַר אַ רייד קען דאָ, צום טייוול, זיין וועגן ערלעך אָדער נישט ערלעך, ווען כ׳דאַרף וואָס גיכער ראַטעווען מיין לעבן, ווען איך שטיק זיך אין דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער תפיסה און מאַך פון זיך אַ תל?.. מען מוז דאָך סוף כל סוף פאַרשטיין. אַז פירן ווייטער אַזאַ לעבן, ווי מיינס — איז אַ געמיינהייט און אַן אכזריות, קיגן וועלכער אַלדאָס איבעריקע איז קליינלעך און ניש-

טיק אַנטלויפן ! — האָט ער געמורמלט, זיך אויפּזעצנדיק. — אַנטלויפן !

דער וויסטער ים־ברעג, די אומרחמנותדיקע היץ און די איינטאָניקייט פון די רויכיקע, לילע, אייביק אַלצאיינע און שווייגנדיקע, אייביק איינזאַמע בערג, האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַן אומעט און האָבן אים, ווי ס׳האָט זיך אים געדאַכט, איינגעשלעפּט און באַגנבעט. ס׳קען זיין, ער איז זייער קלוג, טאַלענטירט, מערקווירדיק ערלעך ; ס׳קען זיין, אַז ווען אים זאָלן נישט פאַרשליסן פון אַלע זייטן דער ים און די בערג, וואָלט פון אים אַרויסגעקומען אַן אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ מלוכה־מאַן, אַן אָראַטאָר, אַ פּובליציסט, אַ רעפאָרמאַטאָר. ווער ווייסט ! אויב אַזוי, איז דען נישט באַריש זיך צו הקרענען, צי ס׳איז ערלעך אָדער נישט ערלעך, ווען אַ באַגאַבטער און נוצלעכער מענטש, אַ שטייגער, אַ מוזיקער אָדער אַ קינסטלער ברעכט אויס אַ וואַנט, כדי צו אַנטלויפן פון געפענגעניש און נאַרט דערביי אָפּ זיינע תפיסה־וועכטערס ? אין דער לאַגע פון אַזאַ מענטש איז אַלצדינג ערלעך.

אַרום צוויי אַ זייגער האָבן לאַיעווסקי מיט נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונען זיך געזעצט עסן מיטאָג. ווען די קעכין האָט זיי דערלאַנגט אַ רייז־זופּ מיט פּאָמידאָרן, האָט לאַיעווסקי געזאָגט :

— יעדן טאָג דאָס אייגענע, פאַרוואָס נישט אָפּקאָכן קיין קרויט־באָרשט ?

— ס׳איז נישטאָ קיין קרויט.

— מאָדנע. בא סאַמאָילענקאָן קאָכט מען קרויט־באָרשט, בא מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונען איז דאָ באָרשט, נאָר איך דאַרף איבער עפּעס עסן דידאָזיקע זיסלעכע קוואַטש. מען קען דאָך נישט אַזוי, טייבעלע.

ווי ס׳קומט פאַר באַם גרעסטן טייל פּאָרפּעלקער, איז פריער אויך בא לאַיעווסקין און נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען קיין איין מיטאָג זיך נישט באַגאַנגען אָן קאַפּריזן און סצענעס ; נאָר פון דער צייט אָן, וואָס לאַיעווסקי האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט

שוין נישט ליב, האָט ער זיך באַמיט אין אַלעם אָפּצוטרעטן נאַ־דיעזשדאַ פעדאָראָוונען, גערעדט מיט איר ווייך און העפלעך, גע־שמייכלט, גערופן טייבעלע.

— דידאָזיקע זופּ דערמאַנט דעם טעם פון לאַקריץ — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק; ער האָט זיך אָנגעשטרענגט אויס־צוזעען פריינדלעך, אָבער ער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און געזאָגט: — קיינער טוט באַ אונדז נישט אַכטונג אויף דער באַ־לעבאַטישקייט... אויב דו ביסט אַזש אַזוי קראַנק אָדער פאַר־נומען מיט לייענען, דאַן דערלויב, וועל איך זיך פאַרנעמען מיט דער קיך.

פריער וואָלט זי אים געענטפערט: „פאַרנעם זיך", אָדער „ווי כ'זע, ווילסטו פון מיר מאַכן אַ קעכין", נאָר אַצינד האָט זי בלויז נישט דרייסט אויף אים אַ קוק געטון און איז רויט גע־וואָרן.

— נו, ווי שפּירסטו זיך היינט? — האָט ער געפרעגט ליב־לעך.

— היינט נישקשה. אַזוי נאָר אַ ביסל שוואַכלעך.

— מען דאַרף זיך אָפּהיטן, טייבעלע. איך האָב שרעקלעך מורא פאַר דיר.

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ איז געווען אויף עפּעס קראַנק. סאַמאָילענקאָ האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ פעריאָדישן פיבער, און האָט זי געשפּייזט מיט כינע; אַ צווייטער דאָקטאָר איסטימאָ־וויטש — אַ הויכער, אַ דאַרער, אָפּגעזונדערטער מענטש, וועל־כער פלעגט באַטאָג זיצן אין שטוב, און אין די אָוונטן אַרומ־שפּאַצירן איבער דער האַפנגאַס מיט אַהינטער פאַרלייגטע הענט און מיט אַ שפּיצרוט אויסגעצויגן לענגויס דעם רוקן — האָט געהאַלטן, אַז באַ איר איז אַ ווייבערישע קרענק, און פאַרשריבן וואַרעמע קאָמפּרעסן. פריער, ווען לאַיעווסקי האָט ליב געהאַט, האָט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונעס קראַנקהייט געוועקט אין אים רחמנות און שרעק; אַצינד אָבער האָט ער אין דער קרענק אויך געזען פאַלשקייט. דאָס געלע, שלעפעריקע פּנים, דער פלעגמאַ־טישער בליק און דאָס געגעצן, וואָס פלעגט זיין באַ נאַדיעזשדאַ

פעדאָראָווגען נאָך די פיבער-אַטאַקן, און דאָס, וואָס בשעת די אַטאַקן איז זי געלעגן אונטער אַ פלעד און מער ענלעך געווען צו אַ יינגל, ווי צו אַ פרוי, און אויך דאָס, וואָס אין איר צימער איז געווען דושנע און אַ שלעכטער ריח — דאָס אַלץ האָט, לויט זיין מיינונג, צעשטערט די אילוזיע און איז געווען אַ פּראָטעסט קייגן ליבע און צוזאַמענלעבן.

צום צווייטן געריכטס האָט מען אים דערלאַנגט שפּינאַק מיט האַרטע אייער, און נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען, אַלס קראַנקער, קרעפּלעך מיט מילך. ווען זי האָט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים צומערשט אָנגערירט מיטן לעפל אַ קרעפּל און נאָכדעם גענומען עס פויל עסן, פאַרטרינקענדיק מיט מילך, און ער האָט געהערט אירע שלונגען, האָט אים באַהערשט אַ שווערע שנאה, אַז אים האָט אַזש אָנגעהויבן בייסן אין קאָפּ. ער האָט אָנערקענט, אַז אַזאַ געפיל וואָלט געווען אַן עוולה אפילו לגבי אַ הונט, אָבער אים האָט פאַרדראָסן נישט אויף זיך, נאָר אויף נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען דערפאַר, וואָס זי האָט אַרויסגערופן אין אים אַזאַ געפיל; און ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מענער דערהרגענען טיילמאָל זייערע געליבטע. ער אַליין וואָלט, נאַטירלעך, נישט דערהרגעט, נאָר זאָל אים אַצינד אויסקומען צו זיין אַ געשוואוירענער ריכטער, וואָלט ער פרייגעשפּראָכן דעם מערדער.

— מערסי, טייבעלע, — האָט ער געזאָגט נאָכן מיטאָג און אַ קוש געטון נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען אין שטערן.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין קאַבינעט איז ער אַ מינוט פינף אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, זייטיק געקוקט אויף די שטיוול, נאָכדעם זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און אַרויסגעמורמלט:

— אַנטלויפן, אַנטלויפן! אויפקלערן די באַציונגען און אַנטלויפן!

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפע און ווידער זיך דערמאַנט, אַז נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַס מאַן איז, קען זיין, געשטאָרבן איבער זיין שולד.

— באַשולדיקן אַ מענטש דערין, וואָס ער האָט ליב געקריגן אָדער אויפגעהערט ליבן, איז נאַריש, — האָט ער מיט זיך אַליין איינגעטענהט, ליגנדיק און אַראָפּהענגענדיק די פיס, כדי אָנצוטון די שטיוול. — ליבע און האַס ליגט נישט אין אונזער מאַכט. וואָס שייך ווידער דעם מאַן, בין איך אפשר אויף אַן אומדירעקטן אופן געווען איינע פון די סיבות פון זיין טויט, אָבער ווידער אַמאָל בין איך דען שולדיק דערין, וואָס איך האָב ליב געקריגן זיין פרוי, און די פרוי — מיך.

נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעזוכט דאָס היטל און אַוועק צו זיין אַמט־קאָלעגע שעשקאָווסקין, בא וועלכן ס'האָבן זיך יעדן טאָג צונויפגענומען די באַאַמטע שפּילן אין וויסט און טרינקען קאַלט ביר.

„מיט מיין נישט אַנטשלאָסנקייט דערמאַן איך אָן האַמלעטן — האָט לאַיעווסקי געטראַכט אויפן וועג. ווי ריכטיק שעקספּיר האָט דאָס אויפגעכאַפּט! אַך, ווי ריכטיק!“

## III.

כדי ס'זאָל נישט זיין לאַנגווייליק און אויך אקייגנקומענדיק דער שווערער לאַגע פון די פריש צוגערייזטע נישט־פאַמיליאַנטן, וועלכע האָבן, מחמת מאַנגל פון רעסטאָראַנען אין שטאָט, נישט געהאַט וואו צו עסן קיין מיטאָג, האָט דער דאָקטאָר סאַמאָילענקאָ איינגעאָרדנט בא זיך אַ מין טאַבלדאָט. אין דער באַשריבענער צייט האָבן בא אים געגעסן בלויז צוויי: דער יינגער זאָאָלאָג פאָן־קאָרען, וואָס פלעגט יעדן זומער קומען צו פאָרן צום שוואַרצן ים, כדי צו שטודירן די עמבריאָלאָגיע פון מעדוזעס, און דער דיאַקאָן פּאָביעדאָוו, וועלכער האָט נישט לאַנג פאַרלאָזט דעם סעמינאַר און איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין שטעטל, כדי אויסצופירן די פונקציעס פון דעם אַלטן דיאַקאָן,

וואָס איז אַוועקגעפאָרן זיך קורירן. זיי בײדע האָבן געצאָלט פּאַר מיטאָג און נאַכטעסן צו צוועלף רובל אַ חודש, און סאַמאָילענקאָ האָט בײַ זיי געגומען דאָס ערנוואָרט, אַז זיי וועלן קומען צום מי־טאָג פּינקטלעך אויף צוויי אַ זייגער.

דער ערשטער איז געוויינטלעך געקומען פאָן־קאָרען. ער האָט זיך שווייגנדיק אַוועקגעזעצט אין זאַל, גענומען פון טיש דעם אַלבאָם און אָנגעהויבן אויפמערקזאַם באַקוקן די אָפּגעבלאַקיר־טע פאָטאָגראַפיעס פון עפּעס אומבאַקאַנטע מענער אין ברייטע הויזן און צילינדערס און דאַמען אין קרינאָלינעס און הייבלעך; סאַמאָילענקאָ האָט נאָר אײניקע פון זיי געדענקט בײַ די נעמען, און וועגן די איבעריקע, וועלכע ער האָט נישט געדענקט, פלעגט ער זאָגן מיט אַ זיפץ: „אַ הערלעכער מענטש געוועזן מיט אַ גרויסן שכל!" ווען פאָן־קאָרען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אַלבאָם פלעגט ער נעמען פון עטאַזשערקע אַ פּיסטאָלעט און, פאַרזשמורענדיק דאָס לינקע אויג, לאַנג צילעוועון אין דעם פּאָרטרעט פון פּירשט וואָראָנצאָוו; אָדער ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן פאַרן שפּיגל באַ־טראַכטן זיין טונקל פּנים, גרויסן שטערן און שוואַרצע, ווי בײַ אַ נעגער, געקרויזלטע האָר, זיין בלוזע פון מאַטן סיטץ מיט היפשע בלומען, ענלעך צו אַ פּערסישן טעפּיך, און דעם ברייטן לעדער־נעם פּאַס אָנשטאָט אַ וועסטל. די זעלבסטבאַטראַכטונג האָט אים הפּנים פאַרשאַפט מער הנאה, ווי דאָס באַקוקן די פאָטאָגראַפיעס אָדער דעם פּיסטאָלעט אינם קאָסטבאַרן שיידל.

ער איז געווען זייער צופרידן הן מיט זיין פּנים, הן מיט זיין שיין צוגעשוירן בערדל, הן מיט די ברייטע אַקסלען, וועלכע האָבן אים געדינט אַלס באַשיינפּערלעכער באַווייז פון זיין גוטן גע־זונט און פעסטן קערפּער־בוי. ער איז אויך געווען צופרידן מיט זיין גאַלאַנטן קאָסטיום, אָנהייבנדיק פונם קראַוואַט, וואָס איז גע־ווען צוגעקליבן צו דער פאַרב פון דער בלוזע, און ענדיקענדיק מיט די געלע שיך.

אין דער צייט, וואָס ער האָט באַקוקט דעם אַלבאָם און איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, האָט דערווייל סאַמאָילענקאָ — אָנם סור־דוט און אָנם וועסטל, מיט דער נאַקעטער ברוסט, אַן אויפגערעג־

טער און פאַרשוויצטער געהאַוועט אין קיך און אינם דערבייִקן פּאָדערהויז באַ די טישן, צוגרייטנדיק שאַלאטן, אַ סאָס אָדער פלייש, אוגערקעס און ציבעלעס צו דער זופּ, און דערביי כסדר איסגעגלאָצט כעסיק די אויגן אויף דעם צוהעלפנדיקן אָרדינאַנס און אַלע מאָל זיך פאַרמאָסטן אויף אים דאָ מיט אַ מעסער, דאָ מיט אַ לעפל.

— דערלאַנג דעם עסיק! — האָט ער באַפוילן. — כ'מיין, חי הייסט עס, נישט דעם עסיק, נאָר דעם בוימאייל! — האָט ער געשריגן, טופּענדיק מיט די פיס. — וווהין ושע גייסטו, נבלה!

— נאָכן בוימאייל, אייער עקסעלענץ — האָט געענטפערט דער מבולבלער אָרדינאַנס מיט אַ געבראָכענעם טענאָר.

— שנעלער! ער איז אין אַלמער! און זאָג דאַריען, אַז זי זאָל אין סלאַי מיט די אוגערקעס צוגיסן קאָכעדיק וואַסער! קאָכעדיק וואַסער! פאַרדעק די סמעטענע, שלימזל, אַנישט וועלן אריין פליגן!

און דאָס גאַנצע הויז, האָט זיך געדאַכט, הודזשעט פון זייער קולות. אַרום 10 אָדער 15 מינוט פאַר צוויי פלעגט אָנקומען דער דיאַקאָן — אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 22, אַ מאָגערער, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, אָן אַ באָרד און מיט קוים קענטיקע וואָנסן. בשעת ער איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל, האָט ער זיך איבערגעצלמט פאַרן הייליקן בילד און שמייכלענדיק דערלאַנגט פאָן־קאָרענען די האַנט.

— גוט מאָרגן — האָט קאַלט געזאָגט דער זאָאָלאָג. — וווּ זענט איר געוועזן?

— באַם פאָרט געכאַפּט פיש.

— נו, געוויס... הפנים, דיאַקאָן, איר וועט זיך שוין קיינמאָל נישט פאַרנעמען מיט קיין ערנסטער אַרבעט.

— פאַרוואָס־זשע? די אַרבעט וועט מיר קיינמאָל נישט אַנטלויפן — האָט שמייכלענדיק געזאָגט דער דיאַקאָן און בשעת מעשה אַריינגערוקט די הענט אין די געוואַלטיק טיפע קעשענעס פון זיין ווייסער סוטאַנע.

— נישטאָ ווער ס'זאָל איך מקיים־פּסק זיין — האָט געזיפצט דער זאָאָלאָג.

ס'איז אַריבער נאָך אַ 15־20 מינוט, נאָר צום מיטאָג האָט מען אַלץ נישט גערופן און מען האָט נאָך אַלץ געהערט, ווי דער אָרדינאַנס איז געלאָפן פון פאָדערהויז אין קיך אַריין און צוריק און ווי סאַמאָילענקאָ האָט געשריגן:

— שטעל אַנידער אויפן טיש! וווהין לייגסטו? וואַש פריער אויס.

דער אויסגעהונגערטער דיאַקאָן און פאָן־קאָרען האָבן אָנגע־הויבן קלאַפּן מיט די אָפּצאַסן אָן דער פּאָדלאָגע, אויסדריקנדיק דערמיט זייער אומגעדולד, ווי דאָס גאַלעריע־פּובליקום אין טע־אַטער. ענדלעך האָט זיך געעפנט די טיר, און דער פאַרמאַטער־טער אָרדינאַנס האָט געמאָלדן: דאָס עסן איז גרייט! אין עסצימער האָט זיי באַגעגנט דער צונטער־רויטער, צעיאַכמעטער און בייזער סאַמאָילענקאָ; ער האָט כעסיק געקוקט אויף זיי און מיט אַן אויס־דרוק פון שרעק אויפן פּנים האָט ער אויפגעהויבן דאָס דעקל פון דער זופּנוואַזע און אָנגעגאָסן ביידע אין די טעלערס, און ערשט, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי עסן מיט אַפּעטיט און דאָס מאכל געפעלט זיי, האָט ער לייכט אָפּגעסעטעמט און זיך אַריינגע־זעצט אין זיין טיפן פאָטעל. זיין פּנים איז געוואָרן פאַרשמאַכט, בוימלדיק... ער האָט געלאָזן זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן און געזאָגט:

— פאַרן געזונט פון יינגן דור!

נאָכן שמועס מיט לאַיעווסקין האָט סאַמאָילענקאָ די גאַנצע צייט, פון דערפרי ביזן מיטאָג, נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסאַר־טיקער שטימונג, געפילט אין דער טיף פון זיין נשמה עפּעס אַ מין שוואַכקייט; ער האָט רחמנות געהאַט אויף לאַיעווסקין און געוואָלט אים העלפן. אויסטרינקענדיק דאָס גלעזל בראָנפן פאַר דער זופּ, האָט ער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— איך האָב היינט געזען וואַניאַ לאַיעווסקין. שווער לעבט זיך דעם מענטש. די מאַטעריעלע זייט איז נישט פרייליך, און

דער עיקר — די פּסיכאָלאָגיע האָט אים דערשלאָגן. אַ שאָד דער בחור.

— ווער־ווער — נאָר ער איז מיר שוין אוודאי נישט קיין שאָד! — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען. — ווען דערדאָזיקער ליבער מאַנסביל זאָל זיך טרענקען, וואָלט איך אים נאָך מיט אַ שטעקן אונטערגעשטופּט: טרענק זיך, ברודערלעב, טרענק זיך...

— ס'איז ליגנט. דו וואָלסט דאָס נישט געטון.

— פאַרוואָס מיינסטו? — האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען דער זאָאָלאָג. — איך בין אויך פעיק צו טון אַ גוטע זאַך, פּונקט ווי דו.

— דערטרינקען אַ מענטש — איז אַ גוטע זאַך? — האָט געפרעגט דער דיאַקאָן און זיך צעלאַכט.

— לאַיעווסקין? יאָ.

— אין דער זופּ פעלט, דאַכט זיך, עפּעס... — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, ווילנדיק איבערבייטן דעם שמועס.

— לאַיעווסקי איז אומבאַדינגט שעדלעך און פּונקט אַזוי געפערלעך פאַר דער געזעלשאַפט, ווי אַ כאָלערע־מיקראָב — האָט פאַרגעזעצט פאָן־קאָרען. — אים דערטרינקען איז אַ מצווה.

— ס'פאַרשאַפט דיר נישט קיין כבוד, וואָס דו דריקסט זיך אַזוי אויס בנוגע אַ נאָענטן מענטש. זאָג: פאַרוואָס האָסטו אים פיינט?

— רעד נישט, דאָקטאָר, קיין שטותים. פיינט האָבן און פאַראַכטן אַ מיקראָב — איז נאַריש, און האַלטן פאַר מיין נאָענטן יעדן באַקאַנטן אָן שום חילוק — פאַר דעם דאַנק איך הכנעהדיק; דאָס הייסט — נישט דענקען, אָפּזאָגן זיך פון אַ גערעכטער באַציִונג צו מענטשן, מיט איין וואָרט: נישט האָבן קיין קריטעריום. איך האַלט דיין לאַיעווסקין פאַר אַ מנוול, כ'פאַרבאָרג דאָס נישט און באַציי זיך צו אים, ווי צו אַ מנוול, מיט מיין גאַנצער געוויסנהאַפטיקייט. נו, און דו האַלטסט אים פאַר דיין נאָענטן — קוש־זשע זיך מיט אים; דו האַלטסט אים פאַר אַ נאָענטן, נאָר דאָס באַטייט, אַז דו באַציסט זיך צו אים אַקוראַט אַזוי, ווי צו מיר און צום

דיאַקאָן, ס׳הייסט — אומבאַשטימט. דו ביסט אַלצייטס גלייכגילטיק צו אַלע.

— אָנרופן אַ מענטש מנוול! — האָט אַ מורמל געטון סאַמאָילענקאָ, פאַרקרומענדיק זיך מיט עקל. — דאָס איז אַזוי ווייט נישט פיין, אַז איך קען עס דיר גאָר נישט אויסדריקן.

— וועגן מענטשן משפּט מען לויט זייערע מעשים — האָט פאָרגעזעצט פאָן-קאָרען. — אַצינד משפּט זשע איר, דיאַקאָן... איך וועל רעדן, דיאַקאָן, צו אייך. די טעטיקייט פון הער לאַיעווסקי איז אָפן פונאַנדערגעוויקלט פאַר אונז, ווי אַ לאַנגער כינעזישער אלף-בית, און איר קענט אים לייענען פון אָנהייב ביזן סוף. וואָס האָט ער אויפגעטון פאַר די צוויי יאָר, וואָס ער וווינט דאָ? לאָמיר רעכענען אויף די פינגער. ערשטנס, האָט ער אויסגעלערנט די איינוווינער פון שטעטל צו שפּילן אין ווינט; מיט צוויי יאָר צוריק איז נאָך דערדאָזיקער שפּיל געווען דאָ אומבאַקאַנט, אַצינד אָבער שפּילן אין ווינט פונדערפרי ביז שפּעטער נאַכט אַלע, אפילו פרויען און יוגנטלעכע; צווייטנס, האָט ער אויסגעלערנט די בירגער טרינקען ביר, וואָס איז אויך דאָ נישט באַקאַנט געווען; אים האָבן אויך די בירגער צו פאַרדאַנקען זייערע ידיעות אין פאַרשידענע סאָרטן בראָנפנס, אַזוי, אַז מיט פאַרבונדענע אויגן קענען זיי אַצינד אונטערשיידן קאַשעלעיעווס בראָנפן פון סמירנאָווס № 21. דריטנס, האָט מען פריִער דאָ געלעבט מיט פרעמדע ווייבער געהיים איבער דיזעלבע סיבות, וואָס גנבים גנבענען געהיים, און נישט אָפן; לעבן מיט אַן אשת-איש האָט מען דאָ געהאַלטן פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען האָט זיך דערמיט געשעמט אַרויסצושטעלן אויפן אַלגעמיינעם ווונדער; לאַיעווסקי איז דאָ דערשינען אין דער הינזיכט אַלס פּיאָנער: ער לעבט מיט אַ פרעמד ווייב אָפן. פערטנס...

פאָן-קאָרען האָט שנעל אויפגעגעסן זיין זופּ און אַוועקגעגעבן דעם אָרדינאַנס דעם טעלער.

— איך האָב תּופס געווען לאַיעווסקין באַלד אין ערשטן חודש פון אונזער באַקאַנטשאַפט — האָט ער פאָרגעזעצט, ווענדנדיק זיך צום דיאַקאָן. — מיר זענען אין איין צייט געקומען צו

פֿאָרן אַהער. אַזעלכע מענטשן, ווי ער, האָבן זייער ליב פֿריינדשאַפֿט, דערנענטערונג, סאָלידאַרישקייט וכדומה, ווייל זיי איז שטענדיק נייטיק קאָמפּאַניע אויף אַ וויסט, אויף אַ כּוסה מיט פֿאַרבייסעכץ; אגב זענען זיי פֿלוידערזעק און זיי דאַרפֿן האָבן צוהערער. מיר האָבן זיך באַפֿריינדעט, ס'הייסט, ער איז געקראָכן צו מיר יעדן טאָג, מיר געשטערט צו אַרבעטן און געווען מיט מיר אָפֿנהאַרציק בנוגע זיין קעפּסוויב. באַלד אין דער ערשטער צייט האָט ער מיך איבערראַשט מיט זיין אומגעווייגלעכער פֿאַלשקייט, פֿון וועלכער ס'האָט מיך געאיבלט. אַלס אַ פֿריינד פֿלעג איך אים מוסרן, נאָכוואָס ער טרינקט אַ סך, נאָכוואָס ער פֿאַרלעבט איבער זיינע מיטלען און מאַכט אָן חובות, פֿאַרוואָס ער טוט גאָרנישט און לייענט נישט, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי ווינציק קולטורעל און קען ווייניק — און אַלס ענטפֿער אויף אַלע מיינע פֿראַגן פֿלעגט ער ביטער צו שמייכלען, זיפֿצן און טענהן: — „איך בין אַ לא-יצלח, אַן איבעריקער מענטש", אָדער: — וואָס ווילט איר, באַטיענקאָ, פֿון אונז, ברעקלעך פֿון דער פּויערן-פֿאַרשקלאַפֿונג?" אָדער: — „מיר דעגענערירן..." אָדער ער האָט אָנגעהויבן האַלטן אַ לאַנגע גאַלימאַטיע מכּוח אָניעגיגען, פּיעטשאָרינען, בייראָנס קיין, באַזאַראָוון, וועגן וועלכע ער האָט געטענהט: „דאָס זענען אונזערע פֿאָטערס הן פֿיזיש, הן גייסטיק". פֿאַרשטייט בכן אַזוי, אַז נישט ער איז שולדיק דערין, וואָס אַמטלעכע פּאַקעטן ליגן אָפּ גאַנצע וואָכן נישט געעפֿנטערהייט, און וואָס ער אַליין טרינקט און שיכּורט אָן אַנדערע, נאָר שולדיק דערין זענען אָניעגין, פּיעטשאָרין און טורגעניעוו, וואָס האָט אויסגעקלערט אַ לא יצלח און איבעריקן מענטש; די סיבּה פֿון דער געוואַלטיקער צעלאָזנקייט און העסלעכקייט ליגט, פֿאַרשטייט איר, נישט אין אים גופֿא, נאָר ערגעץ מחוץ, אינם רוים, און אגב — אַ געשיקט שפּיצל! — צעלאָזט, פֿאַלש און העסלעך איז נישט ער אַליין, נאָר מיר... „מיר זענען מענטשן פֿון די אַכציקער יאָרן", מיר זענען דער פֿלעגמאַטישער, נערוועשער אָפּשטאַם פֿון פֿאַרשקלאַפֿונגס-געזעץ", „אונז האָט צעקאַלעטשעט די ציוויליזאַציע"... מיט איין וואָרט, מיר מוזן פֿאַרשטיין, אַז אַזאַ גרויסער מענטש, ווי לאַיעווסקי, איז אפֿילו אין זיין ירידה

גרויס; אַז זיין צעלאָזנקייט, אומגעבילדעטקייט און אומריינקייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַטור-געשיכטלעכע דערשיינונג, געהייליקט דורך דער נויטווענדיקייט, אַז די סיבות זענען דאָ קאָסמישע, סטיכישע און אַז פאַר לאַיעווסקין דאַרף מען אַן אייל-לעמפל אויפהענגען, מחמת ער איז — אַ פאַטאַלער קרבן פון דער צייט, שטרעמונגען, ירושה-פעלערן און דעסגלייכן. אַלע באַאַמטע און דאַמען האָבן, האָרכנדיק אים, געזיפצט און געאָכצט, און איך האָב לאַנג נישט געקענט תופס זיין, מיט וועמען האָב איך דאָ צו טון: מיט אַ ציניקער, אָדער מיט אַ געשיקטן אַפעריסט? אַזעלכע פאַרשויגען, ווי ער, וואָס מאַכן אַן איינדרוק פון אינטעליגענטע, אַביסל דערצויגענע און וואָס רעדן אָן אַ שיעור וועגן דער אייגענער איידלקייט, קענען שפּילן די ראָלע פון זייער קאָמפּליצירטע נאַטורן.

— שווייג! — האָט זיך אָנגעצונדן סאַמאָילענקאָ. — איך וועל נישט דערלויבן, אַז אין מיין אָנוועזנהייט זאָל מען רעדן שלעכטס וועגן אַ העכסט איידעלן מענטש!

— שלאָגט נישט איבער, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש — האָט קאַלט געזאָגט פאָן-קאָרען. — איך וועל באַלד ענדיקן. לאַיעווסקי איז אַ געניג נישטקאָמפּליצירטער אָרגאַניזם. אָט איז זיין מאָראַלישער סקעלעט: אינדערפרי פאַנטאָפל, באָדן און קאַווע, נאָכדעם ביזן מיטאָג פאַנטאָפל, מאָציאָן און שמועסן, אַרום צוויי אַ זייגער פאַנטאָפל, מיטאָג און ווייַן, פינף אַ זייגער באָדן, טיי און ווייַן, נאָכדעם וויסט און זאָגן ליגנט, צען אַ זייגער נאַכטעסן און ווייַן, און נאָך האַלבער נאַכט שלאָפן און la femme! זיין עקזיסטענץ איז איינגעשלאָסן אין דעמדאָזיקן ענגן פּראָגראַם, ווי אַן איי אין דער שאָל. צי ער גייט, צי ער זיצט, צי ער בייזערט זיך, צי ער שרייבט, אָדער פרייט זיך — אַלץ ווערט צוגעפּירט צו ווייַן, קאָרטן, פאַנטאָפל און אַ פרוי. די פרוי שפּילט אין זיין לעבן אַ פאַטאַלע, דערדריקנדיקע ראָלע. ער אַליין דערציילט, אַז בײַ 13 יאָר איז ער שוין געווען פאַרליבט; ווען ער איז געווען אַ סטודענט פון ערשטן קורס, האָט ער געלעבט מיט אַ דאַמע, וועלכע האָט געהאַט אויף אים אַ גינסטיקע ווירקונג און וועלכער ער האָט צו פאַרדאַנקען

זיין מוזיקאַלישע אויסבילדונג. אויפן צווייטן קורס האָט ער אויסגעקויפט אַ פּראָסטיטוטקע פון אַ שאַנדהויז און זי דערהויבן צו זיך, דאָס הייסט, גענומען זי צו זיך פאַר אַ קעפּסווייב; זי האָט אָפּגעלעבט מיט אים אַ האַלב יאָר און איז צוריק אַנטלאָפן צו דער באַלעבאָסטע, און דידאָזיקע פּליטה האָט אים פאַרשאַפט נישט ווייניק מאָראַלישע ליידן. אָך, ער האָט אַזוי געליטן, אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם אוניווערזיטעט און צוויי יאָר לעבן אינדערהיים אָן שום אַרבעט. אָבער דאָס איז אים געווען לטובת. אינדערהיים איז ער זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ געוויסער אלמנה, וועלכע האָט אים געעצהט צו פאַרלאָזן דעם יורידישן פאַקולטעט און איבערגיין אויפן פילאָלאָגישן. ער האָט אַזוי טאַקע געטון. ווען ער האָט געענדיקט דעם קורס, האָט ער ליידנשאַפטלעך ליב געקריגן זיין איצטיקע. ווי הייסט זי?... די פאַרהייראַטע, און האָט געמוזט מיט איר אַנטלויפן אַהער אויף קאַווקאַז, מכלומרשט צוליב אידעאַלן... נישט היינט — איז מאָרגן, וועט ער זי אויפהערן ליבן און צוריק אַנטלויפן קיין פּעטערבורג, און אויך צוליב אידעאַלן.

— אָבער פונוואַנען ווייסטו? — האָט אַ מרוקע געטון סאַמאָילענקאָ, מיט כּעס קוקנדיק אויפן זאַאָלאָג. — עס בעסער.

מען האָט דערלאַנגט אויסגעקאָכטע קעפּאַליעס מיט אַ פּוילישן סאָס. סאַמאָילענקאָ האָט אַוועקגעלייגט פאַר יעדן קעסטקינד אַ גאַנצע קעפּאַליע און אייגנהענטיק זי באַגאָסן מיט סאָס. אַ מינוט צוויי איז אַריבער אין שווייגן.

— די פרוי שפּילט אַ ממשותדיקע ראָל אין לעבן פון איטלעכן מענטש — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן. וועסט גאָרנישט מאַכן.

— יאָ, אָבער אין וואָסער מאָס? בײַ יעדן פון אונז איז די פרוי אַ מוטער, אַ שוועסטער, אַ פריינד, בײַ לאַיעווסקין אָבער איז זי אַלץ און דערבײַ נאָר אַ געליבטע. זי, ס׳הייסט, דאָס צוזאַמענלעבן מיט איר — איז דאָס גליק און דער ציל פון זיין לעבן; ער איז פריילעך, טרויעריק, אומעטיק, אַנטוישט — פון דער פרוי; דאָס לעבן איז נמאס געוואָרן — איז שולדיק די פרוי; האָט זיך

אָנגעצונדן אַ מאָרגן־שטראַל פון אַ נײַ לעבן, ס'זענען געפונען געוואָרן אידעאַלן — אויף דאָ זוך די פרוי... אים באַפרידיקן נאָר יענע ווערק און בילדער, ווו ס'איז פאַרהאַן אַ פרוי. אונזער דור איז שלעכט און ערגער פון די פערציקער און זעכציקער יאָרן נאָר דערפאַר, וואָס מיר קענען נישט ביז זעלבסטפאַרגעסונג זיך אָפּגעבן דעם עקסטאַז פון ליבע און ליידנשאַפט. באַ דידאָזיקע נואפים איז, משמעות, אויף די געהירן פאַרהאַן עפּעס אַ באַזונדערער אָנוווקס, אַ מין סאַרקאָם, וועלכע קוועטשט צונויף די געהירן און פירט אָן מיט דער גאַנצער פּסיכיק. אָבסערווירט אַמאָל לאַיעווסקין, ווען ער זיצט ערגעץ אין געזעלשאַפט. איר וועט באַמערקן: ווען מען באַרירט אין זײַן אָנוועזנהייט עפּעס אַן אַלגעמיינע פראַגע, דהיינו, וועגן אַ קעמערל, אָדער אַן אינסטינקט, זיצט ער אין דער זייט, שווייגט און הערט נישט; ער האָט דאַמאָלס אַ מינע אַ פאַרשמאַכטע, אַן אַנטוישטע, ס'איז פאַר אים גאָרנישט אינטערעסאַנט, אַלץ איז באַנאַל און נישטיק; אָבער אַזוי ווי נאָר איר הייבט אָן רעדן וועגן זכרים און נקבות, אַ שטייגער וועגן דעם, אַז באַ די שפּינען עסט אויף די נקבה נאָכן באַפרוכפּערט ווערן דעם זכר — ווי ס'צעצינדן זיך באַ אים די אויגן פון נײַגעריקייט, דאָס פּנים לייטערט זיך אויס, בקיצור — דער מענטש לעבט אויף. אַלע זײַנע געדאַנקען, ווי איידל, דערהויבן, אָדער פאַרשידן זיי זאָלן נישט זײַן, האָבן תמיד דעמזעלבן אַלגעמיינעם צונויפגאַנג־פּונקט. דו גייסט מיט אים אויף דער גאַס און באַגעגנסט, דהיינו, אַן אייזל... — „זאָגט, כ'בעט אײַך — פרעגט ער — וואָס וואָלט אַרויסגעקומען, ווען מען וואָלט צונויפגעפירט אַן אייזל אַ נקבה מיט אַ קעמל?" און די חלומות! ער האָט אײַך אַמאָל דערציילט זײַנע חלומות? דאָס איז גרויסאַרטיק! דאָ חלומט זיך אים, אַז מען מאַכט אים חתונה אויף דער לבנה, דאָ רופט מען אים כלומרשט אין פּאָליציי און מען באַפעלט אים דאָרט צו לעבן מיט אַ גיטאַרע...

דער דיאַקאָן האָט זיך הילכיק צעלאַכט; סאַמאָילענקאָ האָט זיך אָנגעכמורעט און בייז פאַרקרימט דאָס פּנים, כדי נישט אַרויסצולאַכן, נאָר ער האָט זיך נישט אײַנגעהאַלטן און זיך הויך צעלאַכט.

— אָבער דאָס אַלץ איז געהאַקט אַ טשייניק! — האָט ער געזאָגט, אויסווישנדיק די טרערן. — באמת, ער האַקט אַ טשייניק!

## IV

דער דיאַקאָן איז געווען שטאַרק לאַכעוודיק און ער האָט געלאַכט פֿון יעדער קלייניקייט ביז שטעכעניש אין דער זייט, ביז אַחעקפֿאַלן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט ליב געהאַט צו זײַן צווישן מענטשן נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי פֿאַרמאָגן קאָמישע זייטן און וואָס מ'קען זיי געבן קאָמישע צונעמען. סאַמאָילענקאָן האָט ער אַ נאָמען געגעבן טאַראַנטול, זײַן אָרדינאַנס — שלימאַק און איז געווען אין התפּעלות, ווען פֿאָן־קאָרען האָט אַמאָל אָנגערופֿן לאַיעווסקין און נאַדיעזשדאַ פֿעדאָראָווגען — מאַקאַקאָס. ער האָט זיך גיריק אײַנגעקוקט אין די פּנימער, געהערט נישט פּינטלענדיק מיט קיין אויג, און מ'האָט געזעען, ווי זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט געלעכטער און דאָס פּנים האָט זיך אָנגעשטרענגט אין דער דערוואַרטונג — צו קענען שוין פֿריי אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער.

— דאָס איז אַן אויסגעלאַסענער און פֿאַרקריפּלטער סוביעקט — האָט פֿאָרגעזעצט דער זאָאָלאָג, און דער דיאַקאָן, דערוואַרטנדיק קאָמישע ווערטער, האָט זיך אים אײַנגעזויגן אין פּנים. ס'איז זעלטן צו טרעפֿן אַזאַ גאָרנישט. קערפּערלעך איז ער פֿלעגמאַטיש, חלושדיק און אַלט, און אינטעלעקטועל שיידט ער זיך מיט גאָרנישט אונטער פֿון אַ נראָבער סוחרטע, וואָס פֿרעסט בלויז און זויפֿט, שלאָפֿט אויפֿן ווייכן געלעגער און האַלט בײַ זיך אַלס געליבטן איר קוטשער.

דער דיאַקאָן האָט ווידער אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— לאַכט נישט, דיאַקאָן — האָט געזאָגט פאָן־קאַרען — ס׳איז סוף כּל סוף נאַריש. איך וואָלט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין נישטיקייט — האָט ער פאַרגעזעצט, ווען דער דיאַקאָן האָט אויפגעהערט לאַכן. — איך וואָלט אים איינגאַנצן פאַרביגעגאַנגען, ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי שעדלעך און געפערלעך. די שעדלעכקייט זיינע באַשטייט קודם כּל דערין, וואָס ער האָט דערפאָלג בײַ פרויען און קען אויף אַזאַ אופן האָבן אַ דור פון נאָכפאָלגער, דאָס הייסט מזכּה זיין די וועלט מיט אַ טוץ לאַיעווסקיס, פונקט אַזעלכע חלושים און פאַרקריפּלטע ברואים, ווי ער אַליין. צווייטנס, איז ער אויפן העכסטן גראַד אָנשטעקנד. איך האָב אייך שוין געזאָגט וועגן וויסט און ביר. נאָך אַ יאָר צוויי — און ער וועט באַקומען שליטה איבערן גאַנצן קאַווקאַזער ים־ברעג. איר ווייסט דען, ווי ווייט די מאַסע, איבערהויפּט איר מיטלער שיכט, גלייבט אין אינטעליגענטישקייט און אוניווערזיטעט־בילדונג, אין איידעלע מאַנירן און אין ליטעראַרישער שפּראַך. וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקייט ער זאָל נישט טון, גלייבן אַלע, אַז ס׳איז גוט, אַז אַזוי האָט טאַקע געדאַרפט צו זיין, וואָרים ער איז אַן אינטעליגענטער, ליבעראַלער און געלערנטער מענטש. דערצו נאָך איז ער אַ לא יצלח, אַן איבעריקער מענטש, אַ נעווראַסטעניקער, אַ קרבן פון דער צייט, און דאָס באַטייט, אַז ער מעג אַלץ. ער איז אַ ליבער יאַט, אַ האַרציקער מענטש, ער פאַרמאָגט אַזאַ האַרציקע פאַרשטענדיש פאַר מענטשישע שוואַכקייטן; ער איז פשרהדיק, נאָכגיביק, ברייט־אויפנעמעריש, נישט גאווהדיק, מען קען מיט אים הן מאַכן אַ כּוסה, הן רעדן ניבול־פּה, הן רכילות־טרייבן. די מאַסע, וואָס איז שטענדיק געניגט צו אַנטראָפּאָמאָרפיזם אין דער רעליגיע און מאָראַל, האָט מער פון אַלץ ליב יענע אָפּגעטער, וועלכע האָבן פונקט אַזעלכע שוואַכקייטן, ווי זיי גופא. שטעלט זיך פאָר, סאַראַ ברייט פעלד ער האָט צום אָנשטעקן! אַ חוץ דעם איז ער נישט קיין שלעכטער אַקטיאָר און אַ געשיקטער חונף, און ער ווייסט אויסגעצייכנט, ווי אויס און ווי איין, גיט נאָר אַ קוק אויף די דריי־

עלעך און פּאָקוסן זיינע; אַ שטייגער, זיין באַציִונג צו דער ציוויליזאַציע. דער מענטש האָט נישט אַ שמעק געטון צו קיין ציוויליזאַציע און הערט נישט אויף איבערצוחזרן: — „אַך, ווי מיר זענען צעקאַליעטשעט פון דער ציוויליזאַציע. אַך, ווי איך בין מקנא יענע ווילדע, יענע נאַטור־קינדער, וואָס ווייסן נישט פון קיין ציוויליזאַציע!״ מען דאַרף דאָס פאַרשטיין, זעט איר, אַז ער איז אַמאָל, מיט אַ צייט צוריק, געווען איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה דער ציוויליזאַציע, האָט איר געדינט, האָט זי משיג געווען דורך און דורך, נאָר זי האָט אים מיד געמאַכט, אַנטוישט, אָפּגענאַרט; ער, זעט איר, איז פאַוסט, דער צווייטער טאָלסטאָי... שאָפּענהויערן און ספּענסערן טראַקטירט ער, ווי יינגלעך, קלאַפּט זיי פאָטערלעך אין דער פּלייצע: נו, וואָס, ברודער, ספּענסער? ער האָט נאַטירלעך ספּענסערן נישט געלייענט, נאָר ווי מלא חן ער איז, בשעת ער רעדט מיט אַ לייכטער ביטולדיקער איראָניע וועגן זיין פּריצה: „זי האָט געלייענט ספּענסערן!״ און מען הערט אים אויס, און קיינער וויל נישט פאַרשטיין, אַז דערדאָזיקער שאַרלאַטאַן האָט נישט קיין רעכט נישט נאָר זיך אויסצודריקן אין אַזאַ טאָן וועגן ספּענסערן, נאָר אפילו צו קושן ספּענסערס פּאָדעשווע! אונטערגראָבן זיך אונטער דער ציוויליזאַציע, אונטער אויטאָריטעטן, אונטער אַ פרעמדן מזבח, שפּריצן מיט בלאָטע, פּאַיאַציש אונטערווינקען אויף זיי נאָר צוליב דעם, כדי צו קענען רעכטפאַרטיקן און באַהאַלטן די אייגענע חלשה און מאָראַלישע אָרימקייט, דאָס קאָן נאָר זייער אַן אַמביציעזע, נידעריקע און געמיינע בריאה.

— איך ווייס נישט, קאָליאַ, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון אים — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, קוקנדיק אויפן זאָאָלאָג שוין נישט מיט קיין כעס, נאָר פאַרשולדיקט. — ער איז פּונקט אַזאַ מענטש ווי אַלע. געוויס, נישט אָן שוואַכקייטן, אָבער ער שטייט אויפן ניוואָ פון די מאָדערנע אידעען, דינט, ברענגט נוצן דעם פאָטערלאַנד. מיט צען יאָר צוריק האָט דאָ געדינט אַלס אַגענט אַן אַלטיטשקער, אַ מענטש מיט אַ גרויסן שכל... איז פּלעגט ער אַזוי זאָגן...

— גענוג, גענוג! — האָט איבערגעריסן דער זאָאָלאָג. — דו זאָגסט: ער דינט. אָבער ווי אַזוי דינט ער? צי דערפון, וואָס

נאָר איז דאָ אַהערגעקומען, זענען געוואָרן בעסער די מנהגים, און די באַאַמטע זענען געוואָרן טיכטיקער, ערלעכער און העפלעכער? פאַרקערט, מיט זיין אויטאָריטעט פון אַן אינטעליגענטן אוניווערזיטעט־מענטש האָט ער נאָר סאַנקציאָנירט זייער צעלאָזנקייט. פּינקטלעך איז ער נאָר דעם צוואַנציקסטן, ווען ער באַקומט געהאַלט, און די איבעריקע טעג קריכט ער אַרום בײַ זיך אין דער הײם און די פּאַנטאָפל און באַמיט זיך אָנצונעמען אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געטון דער רוסישער רעגירונג אַ גרויסע טובה דערמיט, וואָס ער וואוינט אויף קאַווקאַז. ניין, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, נעם דיך נישט אָן פאַר אים. דו ביסט נישט אויפריכטיק פון אָנהויב ביזן סוף. ווען דו וואָלסט אים באמת ליב געהאַט און געהאַלטן פאַר דיין נאָענטן, וואָלסטו קודם כּל נישט געווען מילד צו אים, נאָר פון זיין טובה וועגן וואָלסטו זיך באַמיט צו מאַכן אים אומשעדלעך.

— דאָס הייסט?

— אומשעדלעך מאַכן. היות אָבער ער איז נישט צום אויסבעסערן. דאַן קען מען אים מאַכן אומשעדלעך בלויז אויף איין אופן...

פאָן־קאָרען האָט אַ פיר געטון מיטן פינגער איבערן האַלז.

— אָדער דערטרינקען, ווייס איך... — האָט צוגעגעבן פאָן־קאָרען. — אין אינטערעס פון דער מענטשהייט און אויך אין אייגענעם אינטערעס מוזן אַזעלכע מענטשן פאַרטיליקט ווערן. אומבאַדינגט.

— וואָס רעדסטו?! — האָט אַרויסגעמורמלט סאַמאָילענקאָ, אויפהייבנדיק זיך און מיט פאַרוווּנדערונג קוקנדיק אויפן זאָאָלאָגס רויִקע, קאַלטע פּנים. — דיאַקאָן, וואָס רעדט ער? צי ביסטו באַם זינען?

— איך האַלט זיך נישט דווקא בײַ טויט־שטראָף — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען. — אויב ס'איז דערוויזן געוואָרן, אַז זי איז שעדלעך, דאַן טראַכט אויס עפּעס אַנדערש. אומברענגען לאַיעווסקין קען מען נישט, נו מילא, איזאָלירט־זשע אים, נעמט אים צו די פרייהייט, גיט אים אָפּ אויף עפנטלעכע אַרבעט...

— וואָס רעדסטו? — האָט מיט גרויל אויסגערעדט סאַמאָי־לענקאָ. — מיט פעפער, מיט פעפער! — האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ מוראדיק קול, באַמערקנדיק, אַז דער דיאַקאָן עסט פאַשערירט פלייש אָן פעפער. — דו, מענטש מיטן גרויסן שכל, וואָס רעדסטו? אונזערס אַ פריינד, אַ שטאָלצן אינטעליגענטן מענטש, אָפּגעבן אויף עפּנטלעכע אַרבעט!!

— נו אויב ער איז שטאָלץ, ער וועט זיך אַקייגנשטעלן — איז אין קייטן!

סאַמאָילענקאָ האָט שוין נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט און נאָר באַוועגט מיט די פינגער; דער דיאַקאָן האָט אַ קוק געטון אויף זיין דערשיטערטן און באמת קאָמישן פנים און זיך אויף זיין שטייגער צעלאַכט.

— לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן — האָט געזאָגט דער זאָאָלאָג. — געדענק נאָר איינס, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, אַז די פּאַרצייטישע מענטשהייט איז געשיצט געווען פון אַזעלכע, ווי לאַיעווסקי, אַ דאַנק דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ און דעם אָפּקלייב; אַצינד אָבער האָט אונזער קולטור באַדייטנד אָפּגעשוואַכט דעם קאַמף און דעם אָפּקלייב, און מיר מוזן אַליין זאָרגן מכוח דער פאַרטיליקונג פון חלושים און נישטויגער, אַנדערש, אויב ס'וועלן זיך פאַרמערן די לאַיעווסקיס, וועט די ציוויליזאַציע אונטערגיין, און די מענטשהייט וועט אינגאַנצן דעגענערירט ווערן. מיר וועלן זיין די שולדיקע.

— אויב צו דערטרינקען און הענגען מענטשן — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ — דאַן מעג גיין צום טייוול די ציוויליזאַציע, צום טייוול די מענטשהייט! צום טייוול! אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן: דו ביסט אַ געלערנטער מענטש מיט אַ גרויסן שכל און אַ שטאָלץ פאַרן פאָטערלאַנד, אָבער דיך האָבן די דייטשן קאַליע געמאַכט. יאָ, די דייטשן! די דייטשן!

זינט סאַמאָילענקאָ איז אַוועקגעפאָרן פון דערפּט, וווּ ער האָט שטודירט מעדיצין, האָט ער זעלטן געזען דייטשן און נישט איבערגעלייענט קיין איין דייטשיש בוך, נאָר לויט זיין מיינונג האָט דאָס גאַנצע שלעכטס אין דער פּאָליטיק און אין דער וויסנ־

שאַפּט געשטאַמט פֿון די דייטשן. פֿונוואַנען באַ אים האָט זיך גענומען אַזאַ מיינונג, האָט ער אַליין נישט געקענט זאָגן, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן באַ דעם פֿעסט.

— יאָ, די דייטשן! — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. — קומט אַרויס טרינקען טיי.

אַלע דריי זענען אויפֿגעשטאַנען און, אָנטוּענדיק די הוטן, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אין גערטל אַריין און האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אונטערן שאָטן פֿון בלאַסע קליאָנעס, באַרנביימער און אַ קאַשטן-בוים. דער זאָאָלאָג און דער דיאַקאָן האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק לעבן טישל, און סאַמאָילענקאָ האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ געפֿלאָכטענעם פֿאָטעל מיט אַ ברייטן, אַרונטערגעבויגענעם רוקן. דער אָרדינאַנס האָט דערלאַנגט טיי, איינגעמאַכטס און אַ פֿלאַש מיט סיראָפּ.

ס'איז געווען זייער הייס, אַ דרייסיק גראַדוסן אין שאָטן. די גליִיקע לופֿט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אָן שום באַוועגונג. און אַ לאַנגער שפּינוועבס, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון קאַשטאַן-בוים ביז דער ערד, איז פֿאַרחלשט געבליבן הענגען און זיך נישט גערירט.

דער דיאַקאָן האָט גענומען די גיטאַרע, וואָס איז כּסדר געלעגן אויף דער ערד לעבן טיש, האָט זי אָנגעסטראָיעט און אויפֿגעזונגען שטיל מיט אַ דין קולעכל: „אָטראָצי סעמינאַריסטי? אוּ קאַבאַקאַ סטאָיאַכו"... נאָר באַלד איז ער פֿון דער היץ פֿאַרשוויגן געוואָרן, האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן און אַ קוק געטון אינדערהייך אויף דעם בלויען צעגליטן הימל. סאַמאָילענקאָ האָט אָנגעהויבן דרימלען; פֿון דער היץ, שטילקייט און זיסער נאָכמיטאָגדיקער שלעפֿעריקייט, וואָס האָט שנעל באַהערשט אַלע זיינע גלידער, איז ער אָפּגעשוואַכט און פֿאַרשכּורט געוואָרן; די הענט זענען אים אַראָפּגעזונקען, די אויגן זענען קליין געוואָרן, דער קאָפּ האָט זיך צוגענייגט צו דער ברוסט. ער האָט אַ קוק געטון אויף פֿאָן-קאָרענען און דעם דיאַקאָן מיט אַ פֿאַרטרערטן נחתדיקן בליק און אַרויסגעמורמלט:

— יונגער דור... אַ שטערן פֿון דער וויסנשאַפֿט און אַ פֿאָר-

לייכטער פון דער קירכע... וועסט זען, דער לאנגפאליקער הללויה־
חעט נאך אַרויסשפּרינגען אַלס מעטראָפּאָליט און כ'קען מיך נאך
ריכטן צו דאַרפן אים קושן אין דער האַנט אַריין... מילא... זאָל
גאָט העלפן...

אינגיכן חאָט זיך דערהערט אַ כראָפּען. פאַן־קאָרען און דער
דיאַקאָן האָבן צוגעטרונקען די טיי און זענען אַרויסגעגאַנגען אויף
דער גאַס.

— איר גייט ווייטער צום פּאָרט כאַפּן פיש?

— ניין, ס'איז הייס.

— קומט צו מיר. איר וועט איינפּאַקן אַ פּאַקעט צום אָוועק־
שיקן און עפּעס איבערשרייבן. אגב וועלן מיר זיך דורכשמועסן,
מיט וואָס איר זאָלט זיך פאַרנעמען. מען דאַרף אַרבעטן, דיאַקאָן,
אַזוי טאָר מען נישט.

— אייערע רייד זענען ריכטיק און לאָגיש — האָט געזאָגט
דער דיאַקאָן — נאָר די פוילקייט מייגע געפינט זיך אַ פאַרענטפער
אין די אומשטענדן פון מיין איצטיקן לעבן. איר ווייסט אַליין, די
אומבאַשטימטקייט פון דער לאַגע העלפט אָן אַ שיעור מיט צום
אַפּאַטישן צושטאַנד פון מענטשן. צי האָט מען מיך דאָ אַהערגע־
שיקט צייטווייליק, צי אויף שטענדיק — ווייסט איין גאָט; איך
ליג דאָ אין אומבאַשטימטקייט, און מיין דיאַקאָנעכע מאַטערט זיך
נעבעך באַם פאָטער און בענקט. און פון דער היץ, מוז איך מודה
זיין, זענען באַ מיר די געהירן פאַרטעמפּט געוואָרן.

— ס'איז אַלץ שטותים. — האָט געזאָגט דער זאָאָלאָג. —
מען קען צו דער היץ זיך צוגעוויינען און מען קען אויך אָן דער
דיאַקאָנעכע זיך צוגעוויינען. מען דאַרף זיך נישט באַלעווען, מען
דאַרף זיך נעמען פעסט אין די הענט אַריין.

# V

נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ איז געגאַנגען אינדערפֿרי זיך באָדן, און נאָך איר איז מיט אַ קריג, מיט אַ קופּערנער טאַץ, מיט ליילעכער און אַ שוואָם נאָכגעגאַנגען איר קעכין אָלגאַ. אויף דעם רעיד זענען געשטאַנען צוויי אומבאַקאַנטע דאַמפּערס מיט אויסגעשמירטע ווייסע קוימענס, משמעות אויסלענדישע משא-שיפֿן. מענער אָנגעטאָן אין ווייסן, אין ווייסע שיך, זענען געגאַנגען איבערן פּאָרט און הויך געשריגן אויף פֿראַנצויזיש, און מ'האָט זיי צוריקגעענטפֿערט פֿון די דאָזיקע דאַמפּערס. אין דעם קליינעם שטאָטישן קלויסטער האָט מען מונטער געקלונגען אין די גלאָקן.

— היינט איז זונטיק! — האָט מיט פֿאַרגעניגן זיך דערמאָנט נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ.

זי האָט זיך געפֿילט פֿולשטענדיק געזונט און איז געווען אין אַ פֿריילעכער, יום-טובדיקער שטימונג. אין דעם נייעם לויזן קלייד פֿון גראָבער מענישער לייוונט און אינם גרויסן שטרויענעם הוט, וואָס זיינע ראַנדן זענען געווען שטאַרק אַראָפּגעבויגן צו די אויערן, אַזוי, אַז איר פּנים האָט אַרויסגעקוקט אַזויווי פֿון אַ שעכטל אַרויס, האָט זי זיך אַליין אויסגעוויזן זייער באַחנט. זי האָט געקלערט וועגן דעם, אַז אין דער גאַנצער שטאָט איז פֿאַראַן נאָר איין יונגע, שיינע אינטעליגענטע פֿרוי — דאָס איז זי, און אַז נאָר זי איינע קען זיך אָנטון ביליק, גאַלאַנט און מיט געשמאַק. דהיינו, דאָס קלייד קאָסט בלויז 22 רובל און פֿונדעסטוועגן ווי געשמאַקפֿול דאָס איז! אין דער גאַנצער שטאָט קען בלויז זי איינע געפֿעלן ווערן, און מענער איז דאָ אַ סך, מוזן זיי בכן ווילנדיק-נישט-ווילנדיק אַלע מקנא זיין לאַיעווסקין.

זי איז געווען צופֿרידן, וואָס לאַיעווסקי איז די לעצטע צייט

געווען, מיט איר קאַלט, צוריקגעהאַלטן־העפלעך און צייטנווייז אפילו עזותדיק, ביטולדיק און גראָב; אויף אַלע זיינע קאַפּריזן און ביטולדיקע, קאַלטע אָדער מאָדנע־אומפאַרשטענדלעכע בליקן, וואָלט זי פריער געענטפערט מיט טרערן, טענות און דראָונגען אַוועקצופאָרן פון אים, אָדער זיך צו פאַרפייניקן מיט הונגער; אַצינד אָבער האָט זי אַלס ענטפער בלויז זיך גערויטלט, געוואָרפן שולדיקע בליקן אויף אים און צופרידן געווען, וואָס ער צערטלט זי נישט. ווען ער זאָל זי זידלען, אָדער דראָען איר, וואָלט נאָך געווען בעסער און אָנגענעמער, מחמת זי האָט זיך געפילט אַרום און אַרום שולדיק קייגן אים. ערשטנס, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז שולדיק דערין, וואָס זי האָט נישט מיטגעפילט זיינע טרוימען וועגן אַ האַרעפּאַשנע לעבן, צוליב וועלכן ער האָט אַוועקגעוואָרפן פעטערבורג און איז געקומען אַהער אויף קאַווקאַז, און זי איז זיכער געווען, אַז ער איז די לעצטע צייט בייז אויף איר טאַקע דערפאַר. ווען זי איז געפאָרן קיין קאַווקאַז, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז באַלד אין ערשטן טאָג וועט זי דאָ געפינען אַ באַקוועם ווינקל אויפן ברעג, אַ געמיטלעך סעדל מיט אַ שאָטן, מיט פייגל און טייכלעך, ווו מען וועט קענען פאַרזעצן בלומען און גרינוואַרג, לאָזן אַרומגיין קאַטשקעס און הינער, אויפנעמען שכנים, היילן קראַנקע פויערן און צעטיילן זיי ביכלעך; האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז קאַווקאַז — איז נאַקעטע בערג, וועלדער און אומגעהייערע טאָלן, ווו מען דאַרף לאַנג אויסקלויבן, צולייגן מי, בויען, און אַז קיין שום שכנים איז דאָ נישט פאַרהאַן און ס'איז זייער הייס און מ'קען באַרויבן. לאַיעווסקי האָט זיך נישט געאיילט איינצוקויפן קיין נחלה; זי איז געווען צופרידן דערפון, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ביידע אין גערדאַנק אָפּגעמאַכט צווישן זיך קיינמאָל נישט צו דערמאָנען וועגן דעם האָרעפּאַשנעם לעבן. ער האָט געשוויגן, און זי האָט געמיינט, אַז ער איז בייז אויף איר דערפאַר, וואָס זי שווייגט.

צווייטנס האָט זי אָן זיין וויסן אין דידאָזיקע צוויי יאָר אָנגענומען אין אַטשמיאַנאָווס מאַגאַזין פאַרשידענע קלייניקייטן אויף אַן ערך דריי הונדערט רובל. זי האָט גענומען צוביסלעך דאָ

שטאָף, דאָ זייד, דאָ אַ שירם, און אומבאַמערקט האָט זיך אָנגע־זאַמלט אַזאַ חוב.

— נאָך היינט וועל איך אים זאָגן וועגן דעם... — האָט זי באַשלאָסן, נאָר זי האָט זיך באַלד איבערגערעכנט, אַז בײַ לאַיעוו־סקיס איצטיקער שטימונג איז נישט גאָר באַקוועם צו דערציילן אים וועגן חובות.

דריטנס, האָט זי שוין צוויי מאָל אין לאַיעווסקיס אָפּוועזנ־הייט אויפגענומען בײַ זיך קירילינען, דעם פּאָליציי־פּריסטאַוו: איין מאָל אינדערפרי, בשעת לאַיעווסקי איז אַוועקגעגאַנגען זיך באָדן, און דאָס צווייטע מאָל אַרום האַלבער נאַכט, ווען ער האָט גע־שפּילט אין קאָרטן. דערמאַנענדיק זיך אָן דעם, איז נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ אינגאַנצן פאַרפלאַמט געוואָרן און האָט זיך אומגע־קוקט אויף דער קעכין, ווי מורא האָבנדיק, אַז יענע זאָל נישט אונטערהערן אירע געדאַנקען. די לאַנגע, אומפאַרטראָגלעך הייסע, לאַנגווייליקע טעג, די הערלעכע, פאַרשמאַכטנדע אָוונטן, די דוש־נע נעכט, און דאָסדאָזיקע גאַנצע לעבן, ווען פונדערפרי ביזן אָוונט ווייסט נישט, ווי אַהינצוטון די ליידיקע צייט, און די צודרינגלע־כע געדאַנקען וועגן דעם, אַז זי איז די שענסטע יונגע פרוי אין שטאָט, און אַז איר יוגנט גייט אַוועק בחנם, און לאַיעווסקי אַליין, דער ערלעכער, אידעישער, נאָר איינטאָניקער, וואָס קריכט תמיד אַרום אין די פּאַנטאָפל, בייסט די נעגל און לאַנגווייליקט מיט זיי־נע קאַפּריזן — האָט געבערענגט דערצו, אַז זי איז ביסלעכווייז בײַ־הערשט געוואָרן פון פאַרלאַנגען און זי האָט, ווי אַ משוגענע, טאָג און נאַכט געקלערט וועגן דעם אייגענעם. אין איר עטעמען, אין די בליקן, אין טאָן פון דער שטימע און אינם גאַנג האָט זי געשפּירט בלויז פאַרלאַנג; דער רויש פון ים האָט איר געזאָגט, אַז מען דאַרף ליבן, די אָוונטיקע טונקלקייט — דאָסזעלבע, די בערג — דאָסזעלבע... און ווען קירילין האָט אָנגעהויבן זיך דרייען אַרום איר, איז זי נישט געווען בכוח און האָט נישט געוואָלט, נישט גע־קענט זיך אים אַקייגנשטעלן, און זיך אים אָפּגעגעבן...

אַצינד האָבן די אויסלענדישע דאַמפערס און די מענטשן אין ווייסן איבער עפּעס איר דערמאַנט אַ ריזיקן זאַל; צוזאַמען

מיט דער פראַנצויזישער שפּראַך האָבן אָנגעהויבן קלינגען אין אירע אויערן טענער פון אַ וואַלס און איר ברוסט האָט אָן אַ שום סיבה אַ ציטער געטון פון פרייד. ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט צו טאַנצן און רעדן פראַנצויזיש.

זי האָט מיט פרייד זיך איבערגעלייגט, אַז אין איר פאַרראַט איז נישטאָ קיין שום שרעקלעכס. די נשמה האָט אין איר פאַרראַט זיך נישט באַטייליקט; זי האָט ווייטער ליב לאַיעווסקין, און דאָס איז צו זען דערפון, וואָס זי אייפערט אים, באַדויערט און איז אומעטיק, ווען ער איז נישטאָ אינדערהיים. קירילין אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי זיך, אַ גראָבלעכער, הגם אויך אַ שיינער, נאָר מיט אים איז שוין אַלץ איבערגעריסן און ס׳העט שוין מער גאָרנישט זיין. וואָס געווען, איז פאַריבער, ס׳איז קיינעמס עסק נישט דערצו, און אויב לאַיעווסקי וועט זיך דערוויסן, וועט ער נישט גלייבן.

אויפן ברעג איז געווען בלויז איין באָד־צימער פאַר דאַמען, די מענער האָבן זיך געבאָדן אונטערן אָפענעם הימל. אַריינקומענדיק אין באָד־צימער, האָט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגאַ דאָרטן געטראָפן די עלטערע דאַמע מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ ביטיוגאָוואַ, אַ פרוי פון אַ באַאַמטן, מיט איר 15־יעריקער טאָכטער קאַטיאַ, אַ גימנאַזיסטין; זיי זענען ביידע געזעסן אויף אַ באַנק און זיך אויסגעטון. מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ איז געווען אַ גוטע, ענטוזיאַסטישע און דעליקאַטע דאַמע, וואָס האָט גערעדט צעצויגן און מיט פּאַטאָס. ביז 32 יאָר איז זי געווען אַ גוווערנאַנטין, דערנאָך האָט זי חתונה געהאַט מיטן באַאַמטן ביטיוגאָוו, אַ קליינטשיק, פליכיק און זייער עניוותדיק מענטשל, וואָס האָט פאַרקעמט די האָר אויף די שלייפן. זי איז עד היום געווען פאַרליבט אין אים, געווען אייפערזיכטיק, זיך גערויטלט באַם וואָרט „ליבע" און אַלעמען פאַרזיכערט, אַז זי איז זייער גליקלעך.

— מיין טייערע! — האָט זי געזאָגט ענטוזיאַסטיש, דערזעענדיק נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען און צוגעבנדיק איר פּנים אַ מינע, וואָס אַלע באַקאַנטע פלעגן אָנרופן לאַקריצדיקע. — מיין ליבע,

װי אַנגענעם דאָס איז, װאָס איר זענט געקומען!

אָלגאַ האָט שנעל אַראָפּגעװאָרפן פון זיך דאָס קלייד און דאָס העמד און אָנגעהויבן אויסטון איר מאַדאַם.

— הײַנט איז דאָס װעטער נישט אַזױ הײס, װי נעכטן, — אמת? — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ, טוליענדיק זיך פון די גראָבע באַרירונגען פון דער נאַקעטער קעכין. — נעכטן בין איך שיער נישט געשטאָרבן פון דושנעקייט.

— אָ, יאָ, מײַן ליבע! איך אַלײן בין שיער נישט דערשטיקט געװאָרן. איר װעט גלייבן, איך האָב מיך נעכטן געבאָדן דרײַ מאָל... שטעלט אײַך פאָר, ליבע, דרײַ מאָל! ניקאָדים אַלעקסאַנדרױטש האָט זיך אַזש באַאומרויקט.

„נו װי קען מען זײַן אַזױ מיאוס?" האָט אַ קלער געטון נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ, אַ קוק געבנדיק אויף אָלגען און אויף דער באַאַמטין; זי האָט געװאָרפן אַ בליק אויף קאַטיען און אַ קלער געטון: „דאָס מיידעלע איז נישט מיאוס געבױט", — אײער ניקאָדים אַלעקסאַנדרױטש איז זײער, זײער אַ ליבער! — האָט זי געזאָגט, — איך בין אין אים פשוט פאַרליבט.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָװנאַ זיך צעלאַכט מיט אַ געצװאונגען געלעכטער. — דאָס איז פּראַכטפול!

באַפרײַענדיק זיך פון די קליידער, האָט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ דערפילט אַ פאַרלאַנג צו פליען. און איר האָט זיך געדאַכט, אַז װען זי װאָלט נאָר אַ צפּאַך געטון מיט די הענט, װאָלט זי אומבאַדינגט אַ פלי געטון אינדערהייך. װען זי האָט זיך אויסגעטון, האָט זי באַמערקט, אַז אָלגאַ קוקט מיט עקל אויף איר װײַס לײַב. די ייִנגע סאָלדאַטקע אָלגאַ האָט געלעבט מיט אַ געזעצלעכן מאַן, און דעריבער זיך געהאַלטן פאַר בעסער און העכער פון איר. נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ האָט אויך געשפּירט, אַז מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָװנאַ און קאַטיאַ שעצן זי נישט און האָבן מורא פאַר איר. דאָס איז געװען נישט אָנגענעם און, כדי זיך אויפצוהייבן אין זײער מיינונג, האָט זי געזאָגט:

— בײַ אונז אין פעטערבורג איז דאָס דאַטשע-לעבן אַצינד

אין סאמע ברען. איך מיטן מאַן האָבן אַזוי פיל באַקאַנטע, אַז ס'וואָלט באַדאַרפט אַריבערפאָרן זיך זעען.

— אייער מאַן איז, דאַכט זיך, אַן אינזשיניער? — האָט נישט דרייסט געפרעגט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ.

— איך רעד וועגן לאַיעווסקין. ער האָט זייער אַ סך באַקאַנטע. נאָר, צום באַדויערן, איז זיין מוטער אַ שטאָלצע אַריסטאָקראַטין, אַ באַגרעניצטע . .

באַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט נישט דערזאָגט און זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין; נאָך איר זענען אַריינגעגאַנגען מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ מיט קאַטיען.

— בײַ אונז אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט איז פאַראַן זייער אַ סך פאָרורטיילן — האָט פאָרגעזעצט באַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ און ס'לעבט זיך נישט אַזוי לייכט, ווי ס'דאַכט זיך.

מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, וועלכע האָט געדינט אַלס גוּווערנאַנטין בײַ אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס און איז בכן געווען באַהאַוונט אין דער העכערער געזעלשאַפט, האָט געזאָגט:

— אָ יאָ! איר וועט גלייבן, מיין ליבע, בײַ די האַראַטינסקיס האָט זיך הן צום פרישטיק, הן צום מיטאָג אומבאַדינגט געפאָדערט אַ טואַלעט, אַזוי אַז איך פלעג, פּונקט ווי אַן אַקטאָרקע אַ חוץ דער שכירות באַקומען נאָך אויף גאַרדעראָב.

זי האָט זיך געשטעלט צווישן באַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען און קאַטיען, אַזוי ווי פאַרשטעלנדיק די טאָכטער פון דעם וואַסער, וואָס האָט אָפּגעוואַשן באַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען. דורך דער אָפענער טיר, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום ים, האָט מען געזען, ווי עמעצער איז געשווומען אַן ערך הונדערט טריט פון באָדצימער.

— מאַמע, דאָס איז אונזער קאָסטיאַ! — האָט אַ זאָג געטון קאַטיאַ.

— אַך, אַך! — האָט זיך צעקוואָקעט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ פון שרעק. — אַך! קאָסטיאַ, — האָט זי אַ געשריי געטון — שווים צוריק! קאָסטיאַ, שווים צוריק!

קאָסטיאַ, אַ יינגל פון אַ יאָר 14, האָט אָבער געוואָלט זיך אויספייגען פאַר דער מוטער און דער שוועסטער מיט זיין העלדישקייט; ער איז פאַרזונקען אונטערן וואַסער און גענומען שווימען ווייטער, אָבער ער האָט זיך איינגעמידט און אָנגעהויבן איילן צוריק, און לויט זיין ערגסט אָנגעשטרענגט פנים איז קענטיק געווען, אַז ער גלייבט נישט אין זיינע כוחות.

— אַן אומגליק איז מיט דיזאָזיקע יינגלעך, מיין ליבע! — האָט געזאָגט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, זיך באַרויקנדיק. יעדע רגע איז ער איינגעשטעלט. אַך, מיין ליבע, ווי אָנגענעם און גלייכצייטיק ווי שווער איז צו זיין אַ מוטער! פאַר אַלדינג האָסטו מורא.

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט אָנגעטון איר שטרויענעם הוט און זיך אַריינגעוואָרפן אין אָפענעם ים. זי איז אָפגעשוואומען אַן ערך פיר מעטר און האָט זיך געלייגט אויפן רוקן. זי האָט געזען דעם ים ביזן האָריזאָנט, די שיפן, די מענטשן אויפן ברעג, די שטאָט, און דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דער היץ און די דורכזיכטיקע צאַרטע וואָלקנס, האָט זי גערייצט און איר איינגערימט, אַז מען דאַרף לעבן, לעבן... פאַרביי איר האָט, האַסטיק, ענערגיש צעשניידנדיק די כוואַליעס און די לופט, זיך דורכגעטראָגן אַ זעגל-שיפל; דער מאַנסביל, וואָס איז געזעסן באַם רודער, האָט אויף איר געקוקט, און איר איז אָנגענעם געווען, וואָס מען קוקט אויף איר...

די דאַמען האָבן זיך אויסגעבאָדן, זיך אָנגעטון און זענען צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען.

— יעדן צווייטן טאָג איז באַ מיר אַ פיבער, און פונדעסטוועגן ווער איך נישט מאָגערער — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. אָפלעקנדיק די ליפן, געזאַלצענע פון ים-וואַסער און מיט אַ שמייכל ענטפערנדיק אויף די באַגריסונגען פון די באַקאַנטע. — איך בין תמיד געווען אַ דיקע און אַצינד בין איך, דאַכט זיך, נאָך דיקער געוואָרן.

— דאָס איז, מיין ליבע, אַזאַ נאַטור. ווער ס'איז נישט גענייגט דיק צו ווערן, אַזוי ווי איך, למשל, וועט אים קיין שום

קעסט נישט העלפֿן. איר זעט, מײַן ליבע, איר האָט פֿאַרנעצט אײַער הויט.

— ס'מאַכט נישט אויס, ער וועט זיך אויסטריקענען.

נאַדיעזשדאַ פֿעדאָראָוונאַ האָט ווידער דערזען די מענטשן אין ווײַסן, וואָס זענען געגאַנגען איבערן ברעג און גערעדט פֿראַנצויזיש: און ווידער האָט אין איר ברוסט אויפֿגעברויזט אַ פֿרייד און נעפֿלדיק האָט זיך איר דערמאַנט אַ גרויסער זאַל, אין וועלכן זי האָט אַמאָל געטאַנצט, אָדער וועלכער האָט זיך איר אפֿשר געחלומט, און טיף אין איר נשמה האָט עפּעס נעפֿלדיק און שטיל געפֿליסטערט, אַז זי איז אַ קליינלעכע, אַ באַנאַלע, אַ פּוסטע נישטיקע פֿרוי...

מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ איר טיר און זי פֿאַרבעטן אַ ביסל אַרײַנצוגיין צו איר.

— קומט אַרײַן, מײַן טײַערע! — האָט זי געזאָגט מיט אַ בקשהדיקן טאָן און אין דער זעלבער צײַט אַ קוק געטון אויף נאַדיעזשדאַ פֿעדאָראָוונען מיט צער און מיט האָפֿנונג: אפֿשר וועט זי זיך אָפּזאָגן און נישט אַרײַנגיין!

— מיט פֿאַרגעניגן — האָט אײַנגעשטימט נאַדיעזשדאַ פֿעדאָראָוונאַ. — איר ווייסט דאָך, ווי איך האָב ליב צו זײַן בײַ אײַך.

און זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָט זי געבעטן זיצן, געגעבן קאַווע, מכבד געווען מיט באַטעמטע זעמעלעך, נאָכדעם איר געוויזן די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די פֿריילינס האַראַטינסקעס, וואָס זענען דורך איר דערצויגן געוואָרן און וואָס זענען שוין איצט אַלע חתונה-געהאַטע, האָט אויך געוויזן די עקזאַמען-נאָטעס פֿון קאַטיען און קאָסטיען; די נאָטעס זענען געווען זייער גוטע, אָבער כּדי זיי זאָלן זיך אויסווײַזן נאָך בעסער, האָט זי מיט אַ זיפֿץ זיך באַקלאָגט, ווי שווער ס'איז אַצינד צו לערנען זיך אין גימנאַזיע... זי האָט פֿרײַנדלעך אויפֿגענומען דעם גאַסט, נאָר גלײַכצײַטיק האָט זי באַדויערט נאַדיעזשדאַ פֿעדאָראָוונען און געהאַט עגמת-נפֿש דערפֿון, וואָס מיט איר אָנוועזנהייט קען זי שלעכט ווירקן אויף דער זיטלעכקייט פֿון קאָס-

טיען און קאַטיען, און האָט זיך געפרייט, וואָס איר ניקאָדים אַלעקסאַנדריטש איז נישטאָ אינדערהיים. היות, לויט איר מיינונג האָבן אַלע מענער ליב „אַזעלכע“, האָט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ אויך געקענט שלעכט ווירקן אויף ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשן.

שמועסנדיק מיטן גאַסט, האָט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ די גאַנצע צייט געדענקט, אַז היינט אינאָוונט וועט זיין אַ פיקניק, און אַז פאָן-קאָרען האָט שטאַרק געבעטן נישט צו דערציילן וועגן דעם די מאַקאַקאָס, ד. ה. לאַיעווסקין און נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, נאָר זי האָט אומגערן זיך אַרויסגעכאַפּט, איז אינגאַנצן פאַרפלאַמט געוואָרן און געזאָגט אין פאַרלעגנהייט:

— איך האָף, איר וועט אויך זיין!

## VI

מ'האָט זיך אָפּגערעדט אַרויסצופאָרן זיבן ווי"אָרסט הינטער דער שטאָט אויפן וועג צו דרום, אָפּשטעלן זיך דאָרט לעבן דוכאַן, באַם צונויפגאָס פון די צוויי טייכלעך — דעם שוואַרצן און געלן, און דאָרטן קאָכן אַ גריץ. אַרויסגעפאָרן איז מען נאָך פינף. פאָרויס פון אַלע, אין שאַראַבאַן, זענען געפאָרן סאַמאָילענקאָ מיט לאַיעווסקין, נאָך זיי אין אַ קאָטש, געשפּאַנט אין דריי פערד, מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, קאַטיאַ און קאָסטיאַ; זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ קויש מיט פּראָוויאַנט און געפעס. אין דער פאָלגנדיקער קאָטש איז געפאָרן דער פּריסטאַוו קירילין און דער יינגער אַטשמיאַנאָוו, דער זון פון דעם אייגענעם סוחר אַטשמיאַנאָוו, וועלכן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ איז שולדיק געווען דריי הונדערט רובל, און אַקעגנאיבער זיי איז אויפן בענקעלע, איינגעקאָרטשעטערהייט, מיט די פיס הינטער זיך, געזעסן ניקאָדים אַלעקסאַנדריטש, אַ קליינטשיקער, אַן אַקוראַטניקער, מיט פאַרקעמטע

הערעלעך אויף די שליפן. הינטער אַלע איז געפֿאָרן פֿאָן-קאָרען מיטן דיאַקאָן; באַם דיאַקאָנס פּיס איז געשטאַנען אַ קויש מיט פֿיש.

— ר'רעכטס! — האָט געשריגן מיטן גאַנצן האַלז סאַמאָי-לענקאָ, בשעת ס'איז אָנגעקומען אַן אַרבאַ אָדער אַן אַבכאַזיאַנער רייטנדיק אויף אַן אייזל.

— אין צוויי יאָר אַרום, ווען איך וועל האָבן גרייט די מיטלען און די מענטשן, וועל איך זיך אַוועקלאָזן אויף דער עקס-פּעדיציע — האָט פֿאָן קאָרען דערציילט דעם דיאַקאָן. — איך וועל דורכגיין מיטן ברעג פֿון וולאַדיוואָסטאָק ביזן בערינג-ים-גאָס, און נאָכדעם פֿון ים-גאָס ביזן אויסגאַנג יעניסיי. מיר וועלן אָנצײ-כענען אַ מאַפּע, וועלן אויסשטודירן די פֿאַונע און די פֿלאָרע און גרינדלעך זיך פֿאַרנעמען מיט געאָלאָגיע, מיט אַנטראָפּאָלאָגיע און עטנאָגראַפֿישע פֿאָרשונגען. ס'ווענדט זיך אָן אײַך — צו פֿאָרן מיט מיר אָדער נישט.

— ס'איז אוממעגלעך, — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן.

— פֿאַרוואָס?

— איך בין אַן אָפּהענגיקער מענטש, אַ פֿאַמיליאַנט.

— די דיאַקאָנעכע וועט אײַך אַוועקלאָזן. מיר וועלן זי באַ-וואָרענען. ס'וואָלט נאָך בעסער געווען, ווען איר זאָלט זי איבער-צייגן, אַז זי זאָל צוליב טובת הכּלל ווערן אַ מאָנאַכין; דאָס וואָלט אײַך געגעבן די מעגלעכקייט אַליין אויך אַרייַנצוטרעטן אין אַ מאָנאַסטיר און פֿאָרן אין דער עקספּעדיציע אַלס יעראָמאָנאַך. איך קען אײַך דאָס אײַנאָרדנען.

דער דיאַקאָן האָט געשוויגן.

— איר קענט גוט אײַער טעאָלאָגיש געביט? — האָט גע-פֿרעגט דער זאָאָלאָג.

— קנאַפּלעך.

— הם... איך קען אײַך נישט געבן קיין שום אָנווייזונגען בנוגע דעם, ווײַל איך בין אַליין ווייניק באַקאַנט מיט טעאָלאָגיע. גיט מיר אַ צעטעלע פֿון די ביכער, וואָס זענען אײַך נייטיק, וועל איך אײַך צושיקן פֿון פּעטערבורג. איר וועט אויך דאַרפֿן איבער-

לייענען באַטיצן פון גייסטלעכע רייזנדע; צווישן זיי טרעפן זיך גוטע עטנאָלאָגן און קענערס פון מזרח-שפּראַכן. ווען איר וועט זיך באַקענען מיט זייער צוגאַנג, וועט אייך לייכטער זיין צוצוטרעטן צום ענין. נו, און כל זמן איר האָט נישט קיין ביכער, פאַרלירט נישט אומזיסט קיין צייט, קומט אַריין צו מיר, וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיטן קאָמפּאַס, מיר וועלן דורכגיין מעטעאָראָלאָגיע, דאָס אַלץ איז נייטיק.

— יאָ, ס'איז אמת... — האָט דער דיאַקאָן אַ מורמל געטון און זיך צעלאַכט. — איך האָב געבעטן פאַר זיך אַן אָרט אין צענטראַל רוסלאַנד און מיין פעטער — אַ פּראָטאָיערײ — האָט מיר צוגעזאָגט צוצוהעלפן. אויב איך וועל פאָרן מיט אייך, וועט עס הייסן, אַז איך האָב זיי בחנם באַאומרויקט.

— איך פאַרשטיי נישט איירע קווענקלענישן. אויב איר וועט ווייטער בלייבן אַ געוויינטלעכער דיאַקאָן, וואָס איז מחויב צו דינען נאָר אין די יום-טובים, און די איבעריקע טעג צו רוען, וועט איר אין צען יאָר אַרום אויך פאַרבלייבן דער אייגענער, וואָס איצט, און ס'וועט אייך העכסטנס צוקומען נאָר אַ פּאָר וואָנסן מיט אַ בערדל; דערפאַר אָבער, צוריקקומענדיק פון דער עקספּעדיציע, וועט איר אין דיזעלבע צען יאָר ווערן אַן אַנדערער מענטש, איר וועט זיך באַרייכערן מיטן באַוווסטזיין, אַז איר האָט עפּעס אויפגעטון.

פון דער דאַמען-קאָטש האָבן זיך דערהערט געשרייען פון שרעק און התפעלות. די עקיפּאַזשן זענען געפאָרן איבער אַ וועג, וואָס איז דורכגעגראָבן געוואָרן אין אַ פולשטענדיק ווערטיקאַלן פעלזיקן ברעג, און ס'האָט זיך אַלעמען געדאַכט, אַז מען פאָרט איבער אַ פּאָליצע, וואָס איז צוגעמאַכט געוואָרן צו אַ הויכער וואַנט, און אַז באַלד וועלן די עקיפּאַזשן אַראָפּפאַלן אין אַן אָפּגרונט. רעכטס האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ים, לינקס — איז געווען אַ נישט גלייכע ברוינע וואַנט מיט שוואַרצע פלעקן, רויטע אָדערן און קריכעדיקע גראָבע וואָרצלען, און פונדערהייך, איבערבייגנדיק זיך אַזוי ווי מיט שרעק און נייגיר, האָבן אַראָפּגעקוקט געקרויזלטע באָדל-צווייגן. אין אַ מינוט אַרום ווידער אַ קוויטש און אַ געלעכ-

טער: ס'איז אויסגעקומען צו פאָרן אונטער אַ ריזיקן הענגענדיקן שטיין.

— איך פאַרשטיי נישט, צו וועלכן טייוול איך פאָר מיט אייך — האָט געזאָגט לאַיעווסקי. ווי נאַריש און באַנאַל! איך דאַרף פאָרן אויף צפון, אַנטלויפן, זיך ראַטעווען, און איך פאָר אויף דעמדאָזיקן נאַרישן פיקניק.

— אָבער דו זע נאָר, סאַראַ פּאַנאָראַמע! — האָט אים געזאָגט סאַמאָילענקאָ, בשעת די פערד האָבן זיך אַ קער געטון אויף לינקס און ס'האָט זיך אַנטפּלעקט דער טאָל פון געלן טייכל, און ס'האָט אַ גלאַנץ געטון דאָס טייכל גופא — אַ געלס, אַ טריבס, אַ ווילדס. . .

— קיין שום שיינס, סאַשאַ, זע איך נישט דערין — האָט געענטפערט לאַיעווסקי. — כסדר זיך באַגייסטערן מיט דער נאַטור — הייסט אַרויסווייזן אָרעמקייט פון דער אייגענער פאַנטאַזיע. אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר קען געבן מיין פאַנטאַזיע, זענען די אַלע טייכלעך און פעלזן — הוילע נאַרישקייט און מער גאָרנישט.

די קאָטשן זענען שוין געפאָרן איבערן ברעג פון טייכל. די הויכע באַרגיקע ברעגעס זענען ביסלעכווייז זיך צונויפגעגאַנגען, דער טאָל איז געוואָרן שמעלער און האָט אויסגעזען ווייטער ווי אַ שמאָלער קאַנאַל; דער שטייניקער באַרג, לעבן וועלכן מ'איז געפאָרן, איז געווען צונויפגעשלאָגן פון דער נאַטור פון ריזיקע שטיינער, וואָס האָבן געדריקט איינער דעם אַנדערן מיט אַזאַ מוראדיקער קראַפט, אַז סאַמאָילענקאָ האָט איטלעכעס מאָל, אַ קוק געבנדיק אויף זיי, נישט ווילנדיק געקרעכצט. דער פינצטערער און שיינער באַרג איז ערטערווייז דורכגעשניטן געווען מיט שמאָלע שפּאַלטן און קאַנאַלן, פון וועלכע ס'האָט אַרויסגעווייעט אויף די דורכפאָרער מיט פייכטקייט און סודותדיקייט; דורך די קאַנאַלן האָבן זיך אַרויסגעזען אַנדערע בערג, רויטלעכע, ראָזע, לילע, רויביקע אָדער באַגאָסענע מיט העלן ליכט. פון צייט צו צייט, בעת מ'איז פאַרבייגעפאָרן די קאַנאַלן, האָט מען געהערט, ווי ער-

גען אינדערהייך איז געפאַלן וואַסער און געפּליושקעט איבער די שטיינער.

— אַך, די פאַרשאָלטענע בערג — האָט געזיפצט לאַיעווסקי — ווי זיי זענען מיר נמאס געוואָרן!

אויף דעם אָרט, ווו דאָס שוואַרצע טייכל איז אַריינגעפאַלן אין געלן, און דאָס שוואַרצע וואַסער, ענלעך צו טינט, האָט געשמירט דאָס געלע און זיך געראַנגלט דערמיט, איז אין דער זייט פונם וועג געשטאַנען דער דוכאַן פונם טאָטער קערבאַלאַי מיט אַ רוסישן פאָן אויפן דאַך און מיט אַ שילדל, אָנגעשריבן מיט קרייד: „אָן אָנגענעמער דוכאַן"; לעבן אים איז געווען אַ נישטגרויס גערטל, אַרומגעצוימט מיט אַ געפלאָכטן פלעטל, ווו ס'זענען געשטאַנען טישן מיט בענק, און צווישן נעבעכדיקע קושאַקעס האָט זיך דערהויבן אַן איינציקער קיפּאַריס, אַ שיינער און אַ טונקעלער.

קערבאַלאַי, אַ קליינער, פלינקער טאָטער, אין אַ בלויער בלוזע און מיט אַ ווייס פאַרטוך, איז געשטאַנען אויפן וועג און, אָנגענעמענדיק זיך באַם בויך, האָט ער זיך נידעריק געבויגט אַקייגן די עקיפּאַזשן און, שמייכלענדיק, געוויזן זיינע ווייסע ציין.

— וואָס מאַכסטו, קערבאַלאַיקאַ! — האָט צו אים אַ געשריי געטון סאַמאָילענקאָ. — מיר וועלן אָוועקפאָרן אַ ביסל ווייטער, און דו ברענג אַהין אַ סאַמאָוואַר מיט שטולן! שנעלער!

קערבאַלאַי האָט געשאָקלט מיט זיין געשוירענעם קאָפּ און עפּעס געמורמלט און נאָר די, וואָס זענען געזעסן אין דער לעצטער קאַטש, האָבן געקענט דערהערן: „כ'האָב פאָרעלן, אייער עקסעלענץ".

— ברענג, ברענג! — האָט אים געזאָגט פאָן־קאָרען.

אָפּפאָרנדיק בערך פינף הונדערט טריט פונם דוכאַן, האָבן די עקיפּאַזשן זיך אָפּגעשטעלט. סאַמאָילענקאָ האָט אויסגעקליבן אַ נישט גרויסע לאָנקע, אויף וועלכער ס'זענען געווען פונאַנדערגעוואָרפן שטיינער, באַקוועמע צו זיצן אויף זיי, און ס'איז געלעגן אַ בוים, וואָס איז אומגעלייגט געוואָרן דורך אַ שטורמווינט, מיט אַן אַרויסגעריסענעם האָריקן וואָרצל און מיט אויסגעטריקנטע געלע

נאָדלען. דאָ איז איבערן טייכל געווען אַריבערגעוואָרפן אַ שיטערע האָלצערנע בריק, און אויפן צווייטן ברעג, פּונקט קייגנאיבער, איז אויף פיר נישטהויכע דרענגלעך געשטאַנען אַ קעמערל, אַ טרוקן-שייער אויף קוקורוזע, וואָס האָט דערמאַנט אַ לעגענדאַריש שטיבעלע אויף הינערישע פיסלעך; פון דער טיר פונם שייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן אַ לייטערל.

דער ערשטער איינדרוק איז בײַ אַלע געווען אַזעלכער, ווי מען וואָלט שוין קיינמאָל נישט געקענט זיך אַרויסקריגן פונדאַנען. פון אַלע זייטן, ווו האָסט נאָר אַ קוק געטון, האָבן זיך געדראַפּעט און אָנגערוקט בערג, און שנעל, שנעל איז פון דער זייט פונם דוכאַן און טונקעלן קיפּאַריס אָנגעלאָפן אָוונט-שאָטן, און דערפון איז דער שמעלער קרומער טאָל פון *שוואַרצן טייכל* געוואָרן שמאָלער, און די בערג העכער. מ'האָט געהערט, ווי דאָס טייכל האָט געוואָרטשעט און ס'האָבן אָן אויפהער געשריגן די ציקאַדעס.

— פּראַכטפול! — האָט געזאָגט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, טיף עטעמענדיק פון התפעלות. — קינדער, זעט נאָר, ווי שיין, סאַראַ שטילקייט!

— יאָ, באמת שיין, — האָט מסכים געווען לאַיעווסקי, וועלכן ס'איז געפעלן געוואָרן די לאַנדשאַפט, נאָר ווען ער האָט אַ קוק געטון אויפן הימל, און נאָכדעם אויפן בלויען רויכל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פונם קוימען פון דוכאַן, איז אים איבער עפּעס געוואָרן טרויעריק. — יאָ, ס'איז שיין! — האָט ער איבערגעחזרט.

— איוואַן אַנדרעיִטש, באַשרייבט דאָסדאָזיקע בילד! — האָט אַ געריִרטע געזאָגט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ.

— נאָכוואָס? — האָט געפרעגט לאַיעווסקי. — דער איינדרוק איז בעסער פון יעדער באַשרייבונג. די דאָזיקע רייכקייט פון פאַרבן און קלאַנגען, וואָס איטלעכער באַקומט פון דער נאַטור דורך אומיטלבאַרע איינדרוקן, גיבן איבער די שרייבער אין אַן אומגעלומפּערטער, צעקריפּלטער פאָרם.

— אַזוי גאָר? — האָט קאַלט געפרעגט פאָן-קאָרען, אויס-

קלויבנדיק זיך דעם סאַמע גרעסטן שטיין לעבן וואַסער און באַ־מיענדיק זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אים און זיך אַוועקזעצן. — אַזוי גאָר — האָט ער איבערגעחזרט, קוקנדיק נאָכאַנאַנד אויף לאַיעווס־קין. — און ראָמעאָ און יוליאַ? און, למשל, פּושקינס אוקראַיִנישע נאַכט? די נאַטור מעג קומען און צו די פיס זיך בוקן.

— מעגלעך... — האָט איינגעשטימט לאַיעווסקי, וועלכער האָט זיך געפילט אַ קלער צו טון און אָפּענטפערן. — איבעריקנס — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע — וואָס איז דען אייגנטלעך ראָמעאָ און יוליאַ? די שיינע, פּאָעטישע, הייליקע ליבע — דאָס זענען רויזן, אונטער וועלכע מ'וויל באַהאַלטן דעם שימל. ראָמעאָ — איז פּונקט אַזאַ חיה, ווי אַלע.

— וועגן וואָס מ'זאָל מיט אייך נישט אָנהייבן רעדן, מוזט איר אַראָפּפירן אויף... פאָן־קאָרען האָט זיך אומגעקוקט אויף קאַ־טיען און נישט דערזאָגט.

— אויף וואָס פיר איך אַראָפּ? — האָט געפרעגט לאַ־יעווסקי.

— מען זאָגט אייך דהיינו: „ווי שיין איז אַ בינטל ווייַנ־טרויבן". און איר: „יאָ, אָבער ווי העסלעך איז עס, ווען מען קייעט עס און מען צעקאָכט עס אין מאָגן". צוואָס אַזוי רעדן? ס'איז נישט ניי און... בכלל איז עס אַן אויסטערלישער מאַניר.

לאַיעווסקי האָט געוווּסט, אַז פאָן־קאָרען האָט אים נישט ליב, און דעריבער האָט ער פאַר אים מורא געהאַט און אין זיין אָנ־וועזנהייט זיך געפילט אַזוי, ווי ס'וואָלט כלומרשט אַלע ענג גע־ווען און עמעצער וואָלט געשטאַנען הינטער דער פּלייצע. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט און באַדויערט, וואָס ער איז מיטגעפאָרן.

— מייַנע הערן, מאַרש נאָך טרוקענע צווייַגלעך אויף אַ פייער! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון סאַמאָילענקאָ.

אַלע זענען זיך צעקראָכן אין פאַרשידענע זייטן. און אויפן אָרט זענען נאָר פאַרבליבן קירילין, אַטשמיאַנאָוו און ניקאָדים אַלעקסאַנדריטש. קערבאַלאַי האָט געבראַכט שטולן, אויסגעשפרייט אויף דער ערד אַ טעפּיך און אַוועקגעשטעלט עטלעכע פלעשער

וויין. דער פּריסטאַוו קירילין, אַ הויכער, אָנגעשוואָלענער מאַנסביל, וואָס פלעגט בײַ יעדן וועטער טראָגן אַ חוץ דער בלוזע דעם שי־נעל, האָט מיט זיין שטאָלצן שטעל, חשיבותדיקן גאַנג און געדיכטן, עטוואָס הייזעריקן קול דערמאָנט אַ יונגן פּראָווינציאָנעלן פּאָליצ־מייסטער. אַ מינע האָט ער געהאַט אַ טרויעריקע און שלעפעריקע, אַזוי ווי מען וואָלט אים נאַרוואָס אויפגעוועקט קיינן זיין ווילן.

— וואָס האָסטו געבערענגט, נבלה? — האָט ער געפּרעגט קערבאַלאַיען, געלאָזן אַרויסרעדנדיק יעדעס וואָרט. — איך האָב דיר באַפוילן צו ברענגען קוואַרעל, און דו האָסט געבערענגט וואָס, די טאָטערישע מאָרדע? האַ? וועמען?

— מיר האָבן גענוג אייגענעם וויין, יעגאָר אַלעקסעיִטש — האָט נישט דרייסט און העפלעך באַמערקט ניקאָדים אַלעקסאַנ־דריטש.

— וואָס? אָבער איך וויל, אַז ס'זאָל זיין מיין וויין אויך. איך נעם אָנטייל אין פּיקניק און, כ'מיין, איך האָב דאָס פולע רעכט אַריינצוטראָגן מיין חלק. א י ך מ י י ן! ברענג צען פלע־שער קוואַרעל!

— נאָכוואָס אַזוי פיל? — האָט זיך פאַרוואונדערט ניקאָדים אַלעקסאַנדריטש, וועלכער האָט געוווּסט, אַז קירילין האָט נישט קיין געלט.

— צוואָנציק פלעשער! דרייסיק! — האָט אַ געשריי געטון קירילין.

— נישטקשה, זאָל זיין — האָט איינגערוימט אַטשמיאַנאָוו. — ניקאָדים אַלעקסאַנדראָוויטש, איך וועל באַצאָלן.

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ איז געווען אין אַ פריילעכער, שטי־פערישער שטימונג. איר האָט זיך געגלוסט צו שפּרינגען, לאַכן, שרייען, רייצן, קאָקעטירן. אין איר ביליקן קלייד פון סיטץ מיט בלויע אייגעלעך, אין די רויטע פאַנטאָפעלעך און אין דעמזעלבן שטרויענעם הוט האָט זי זיך אויסגעוויזן אַ קליינינקע, אַן איינפאַ־כע, אַ לייכטע און לופטיקע, ווי אַ שמעטערלינג. זי איז אַריבער־געלאָפן איבערן שיטערן בריקל און אַ מינוט געקוקט אין וואַסער אַריין, אַז ס'זאָל זיך איר פאַרדרייען דער קאָפּ, נאָכדעם האָט זי

אויסגעשריגן און מיט אַ געלעכטער אַ לויף געטון אויף יענער זייט צום טרוקן־שייער, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן, אפילו קערבאַלאַי, אַנטציקן זיך מיט איר. ווען אין דער שנעל אָנקומענדיקער פינצטערניש האָבן זיך די ביימער צונויפגעגאָסן מיט די בערג, די פערד מיט די עקיפּאַזשן און אין די פענצטער פונם דוכאַן האָט אַ בלישטש געטון אַ פייערל, האָט זי איבערן שטעגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די שטיינער און שטעכיקע קושאַקעס, אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין. אונטן האָט שוין געברענט אַ פייער. לעבן פייער האָט מיט פאַרשאַרצטע אַרבל זיך באַוועגט דער דיאַקאָן, און זיין שוואַרצער שאָטן איז ווי אַ ראַדיוס אַרומגעגאַנגען אַרום דעם פייער; ער האָט אַרונטערגעלייגט טרוקענע צווייגלעך און מיט אַ לעפל, צוגעבונדן צו אַ לאַנגן שטעקן, האָט ער געמישט אינם קעסל. סאַמאָילענקאָ, מיט אַ קופּער־רויט פּנים, האָט געהאַוועט באַם פייער, ווי באַ זיך אין קיך און געשריגן מיט רציחה:

— ווו זשע איז דאָס זאַלץ, מיינע הערן? זיכער פאַרגעסן! וואָס זשע האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט, ווי גוטבאַזיצער, און איך אַליין זאָל האָרעווען?

אויף דעם אומגעלייגטן בוים זענען באַנאַנד געזעסן לאַיעווסקי און ביקאָדים אַלעקסאַנדריטש און פאַרקלערט געקוקט אויפן פייער. מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, קאַטיאַ און קאָסטיאַ האָבן אַרויסגענומען פון די קוישן דאָס געפעס מיט די טעלערס. מיט געקרייצטע הענט און מיט איין פוס אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטיין איז געשטאַנען פאָן־קאָרען אויפן ברעג לעבן סאַמע וואַסער און וועגן עפּעס געטראַכט. רויטע פלעקן פון פייער, צוזאַמען מיט שאָטנס, זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער ערד לעבן די מענטשלעכע פיגורן, האָבן געציטערט אויפן באַרג, אויף די ביימער, אויף דער בריק, אויפן טרוקן־שייער; אויף דער צווייטער זייט איז דער אָפּגעבראָכענער, צעגראָבענער ברעג אינגאַנצן געווען באַלויכטן, האָט געשימערט און זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייכל, און דאָס האַסטיק לויפנדיקע שטורמדיקע וואַסער האָט געריסן אויף טיילן זיין אָפּשפּיגלונג.

דער דיאַקאָן איז געגאַנגען נאָך די פיש, וועלכע קערבאַלאַי האָט אויפן ברעג גערייניקט און געוואַשן, נאָר אין האַלבן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט.

„גאָט מייַנער, ווי שיין! — האָט ער אַ קלער געטון. — מענטשן, פייער, בין=השמשות, אַ צעקרומטער בוים — גאָרנישט מער, נאָר ווי שיין!"

אויף יענעם ברעג לעבן דעם טרוקן=שייער האָבן זיך באַוויזן עפּעס אומבאַקאַנטע מענטשן. מחמת דעם, וואָס די שיין האָט געשימערט און דער רויך האָט זיך געטראָגן פון פייער אויף יענער זייט אַוועק, האָט מען נישט געקענט דערבליקן דידאָזיקע אַלע מענטשן מיטאַמאָל, נאָר מען האָט זיי געזען טיילווייז: דאָ אַ האָריק היטל און א גראָע באָרד, דאָ אַ בלויע בלוזע, דאָ לאַכעס פון די אַקסלען ביז די קני:ען און אַ קינזשאַל איבערן בויך, דאָ אַ יינג טונקל פּנים מיט שוואַרצע ברעמען, אַזעלכע געדיכטע און בולטע, ווי זיי וואָלטן געווען געצייכנט מיט קויל. אַ פינף מאַן פון זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ רעדל אויף דער ערד, און די איבעריקע פינף זענען אַרייַנגעגאַנגען אין טרוקן=שייער. איינער איז געבליבן שטיין אין דער טיר מיטן רוקן צום פייער און, פאַרלייגנדיק די הענט אַהינטער, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן עפּעס, ווייזט אויס, זייער אינטערעסאַנטס, ווארים בעת סאַמאָילענקאָ האָט אונטערגעלייגט טרוקענע צווייגלעך און דאָס פייער האָט אויפגעפלאַקערט, זיך צעשפריצט מיט פונקען און העל באַלויכטן דעם טרוקן=שייער, האָט מען געזען, ווי פון דער טיר האָבן אַרויסגעקוקט צווי פיזיאָנאָמיעס, רו:יקע, וואָס האָבן אויסגעדריקט טיפע אויפמערקזאַמקייט, און ווי יענע, וואָס זענען געזעסן אין רעדל, האָבן זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן זיך צוהערן צו דער דערציילונג. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן די זיצנדיקע עפּעס שטיל אויפגעזונגען, צעצויגן, מעלאָדיש. ענלעך צו אַ קירכן=געזאַנג... הערנדיק זיי, האָט דער דיאַקאָן זיך פאָרגעשטעלט, וואָס מיט אים וועט זיין אין צען יאָר אַרום, ווען ער וועט זיך אומקערן פון דער עקספּעדיציע: ער — אַ יינגער יעראָמאָנאַך=מיסיאָנער, אַן אויטאָר מיט אַ נאָמען און מיט אַ הערלעכער פאַרגאַנגענהייט; מען נאָמי=

נירט אים אַלס אַרכימאַנדריט, נאָכדעם אַלס אַרכיעריי; ער ריכט אָפּ די מאָרגן־תּפֿילה אין קאַטעדראַלן סאָבאָר; אין דער גאָלדענער מיטרע, מיט דער פּאַנאַגיע, גייט ער אַרויס אויף דער אַמבאָנע, בענטשט דאָס פֿאָלק און הייבט אָן די תּפֿילה, און די קינדער מיט זייערע מלאכישע שטימען ענטפֿערן אים, אָפּ מיט געזאַנג"...

— דיאַקאָן, וווּ־זשע זענען די פֿיש? — האָט זיך דערהערט סאַמאָילענקאָס קול.

צוריקקומענדיק צום פֿייער, האָט דער דיאַקאָן זיך אויסגעמאָלט, ווי אין אַ הייסן תּמוזדיקן טאָג גייט איבער אַ שטויביקן וועג אַ פּראָצעסיע; פֿאָרויס טראָגן פּויערן די כּרובים און די פּויערטעס מיט די מיידלעך די הייליקע בילדער, נאָך זיי גייען די יינגעלעך — די זינגער און דער דיאַק מיט אַן אונטערגעבונדענער באַק און מיט שטרוי אין די האָר; נאָכדעם על־פּי סדר, ער, דער דיאַקאָן, נאָך אים דער פּאָפּ אין דער סקופּייקע און מיטן צלם, און פֿון הינטן שטויבט אַ מחנה פּויערן, פּויערטעס און יינגלעך; דאָ גייען אויך די פּאָפּעכע און די דיאַקאָנעכע אין פֿאַטשיילעכלעך. ס'זינגען די משוררים, ס'ליאַרמען די קינדער, ס'שרייען די פּוזשעפּיוריקלעך, ס'צעגיסט זיך די לערכע... אָט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און באַנעצט מיטן הייליקן וואַסער די עדה... מען גייט ווייטער און, קניענדיק, בעט מען אויף אַ רעגן. נאָכדעם פֿאַרבייסעכץ, שמועסן...

„און דאָס איז אויך שיין..." — האָט אַ קלער געטון דער דיאַקאָן.

## VII

קירילין און אַטשמיאַנאָוו האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג דורכן שטעגל. אַטשמיאַנאָוו איז געבליבן הינטערשטעליק און האָט זיך אָפּגעשטעלט, און קירילין איז צוגעגאַנגען צו נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען.

— גוטן אָוונט! — האָט ער געזאָגט, סאַלוטירנדיק.

— גוטן אָוונט.

— יאָ! — האָט געזאָגט קירילין, קוקנדיק פאַרקלערט אויפן הימל.

— וואָס — יאָ? — האָט געפרעגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, שווייגנדיק אַ ווײַלע און באַמערקנדיק, אַז אַטשמיאַנאָוו אָבסערווירט זיי בײדע.

— אַלזאָ, הייסט עס, — האָט געלאַסן געזאָגט דער אָפיציר — אונזער ליבע האָט פאַרוועלקט איידער זי האָט באַוויזן זיך צו צעבליִען, אַזוי צו זאָגן. ווי אַזוי הייסט איר מיך דאָס פאַרשטיין? צי איז דאָס אַזאַ מין קאָקעטעריע פון אייער זייט, אָדער איר האַלט מיך פאַר עפּעס אַ נאָכשלעפּער, מיט וועמען מען קען זיך באַגיין, ווי ס׳גלוסט זיך?

— דאָס איז געווען אַ טעות! לאָזט מיך צורו! — האָט שאַרף געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, קוקנדיק אויף אים איצט, אין דעמדאָזיקן הערלעכן, וווּנדערלעכן אָוונט מיט שרעק און מיט שטוינונג זיך פרעגנדיק: — צי איז באמת געווען אַ מינוט, ווען דערדאָזיקער מענטש איז מיר געפעלן און געווען נאָענט?“

— אַזוי! — האָט געזאָגט קירילין; ער איז שווייגנדיק געשטאַנען אַ ביסל, האָט אַ קלער געטון און געזאָגט: — מילא, מיר וועלן צווואַרטן, ווען איר וועט זיין אין אַ בעסערער שטימונג, און

דערווייל וואַג איך אייך צו פאַרזיכערן, אַז איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש און וועל קיינעם נישט דערלויבן צו צווייפלען דערינען... זיך מיט מיר קען מען נישט! אַדיע!

ער האָט סאַלוטירט און איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט, דורכקלייבנדיק זיך צווישן די קזשאַקעס. אַ ביסל אָפּוואַרטנדיק, איז נישט אַנטשלאָסן צוגעגאַנגען אַטשמיאַנאָוו.

— אַ שיינער אָוונט היינט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ לייכטן אַרמעניש אַקצענט.

ער איז געווען אַ שיינער, זיך געקליידט לויט דער מאָדע, זיך געהאַלטן איינפאַך, ווי אַ פיין דערצויגענער יינגערמאַן, נאָר נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט אים נישט ליב געהאַט דערפאַר, וואָס זי איז שולדיק געווען זיין פאָטער דריי הונדערט רובל; איר איז אויך נישט אָנגענעם געווען, וואָס אויפן פּיקניק האָט מען איינגעלאַדן אַ קרעמער, און ס'איז נישט אָנגענעם געווען, וואָס ער איז צו איר צוגעקומען גראָד אין דאָזיקן אָוונט, וואָס בא איר אויף דער נשמה איז געווען אַזוי ריין.

— בכלל האָט דער פּיקניק זיך איינגעגעבן — האָט ער געזאָגט, שווייגנדיק אַ ווײַלע.

— יאָ, — האָט זי איינגעשטימט און, אַזוי ווי זי וואָלט זיך כלומרשט נאָר-וואָס דערמאָנט אָן איר חוב, האָט זי אַ זאָג געטון כל אחר יד: — יאָ, זאָגט דאָרט אין אייער מאַגאַזין, אַז די טעג וועט איוואַן אַנדרעיִטש אַריינגיין און באַצאָלן דאָרט די דריי הונדערט... אָדער איך געדענק נישט וויפיל.

— איך בין גרייט צו געבן נאָך דריי הונדערט, אַבי איר זאָלט נישט יעדן טאָג דערמאָנען וועגן דעם חוב, צוּוואָס דאַרף מען די פּראָזע?

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך צעלאַכט; איר איז געקומען אין קאָפּ אַריין אַ קאָמישער געדאַנק, אַז ווען זי וואָלט געווען נישט גענוג אָנשטענדיק און געוואָלט, וואָלט זי אין איין מינוט געקענט אַראָפּפּטרן פון זיך דעם חוב. ווען, אַ שטייגער, דעם דאָזיקן שיינעם יינגן שוטה צו פאַרדרייען דעם קאָפּ! ווי דאָס וואָלט באמת געווען קאָמיש, משוגעדיק, ווילד! און איר האָט זיך פּלוצ-

לינג פאַרגלוסט אים איינצוליבן אין זיך, אויסצוקאַשפּערן אים [illegible] אוועקוואַרפן, נאָכדעם זען, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

— דערלויבט מיר צו געבן אייך אַ געוויסע עצה — האָט נישט דרייסט געזאָגט אַטשמיאַנאָוו. — איך בעט אייך, היט זיך פאַר קירילינען. ער דערציילט וועגן אייך איבעראַל שרעקלעכע זאַכן.

— מיר איז נישט אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס ס'דערציילט וועגן מיר אַ וועלכער ס'איז שוטה, — האָט קאַלט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, און עס האָט זי באַהערשט אַן אומרויִקייט, און דער קאָמישער געדאַנק אַ שפּיל צו טון מיטן יונגן חנעוודיקן אַטשמיאַנאָוון האָט פּלוצלינג פאַרלוירן זיין רייץ.

— מען דאַרף אַראָפּגיין אונטן — האָט זי געזאָגט. — מען רופט.

אונטן איז שוין פאַרטיק געווען די גריץ. מ'האָט זי צעגאָסן אויף טעלערס און מען האָט געגעסן, ווי מען וואָלט אָפּגעריכט אַן עבודה, ווי מען עסט נאָר אויף פּיקניקן; אַלע האָבן געהאַלטן, אַז די גריץ איז זייער געשמאַק, און אַז אינדערהיים האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געגעסן אַזאַ באַטעמטע עסן. ווי ס'פירט זיך אויף אַלע פּיקניקן, האָט מען זיך נישט געקענט געפינען אין דער מאַסע סערוועטקעלעך, פאַרשידענע פּעקעלעך, נישט נייטיקע, פון ווינט אַרומקריכנדיקע פּאַרפעצטע פּאַפּירלעך, מען האָט נישט געוווּסט, וווּ ס'איז וועמענס גלאָז און וווּ ס'איז וועמענס ברויט, מ'האָט פאַרגאָסן דעם ווייַן אויף דעם טעפּיך און צו זיך אויף די קניען, מ'האָט צעשיט דאָס זאַלץ; און אַרום איז געווען פינצטער, דאָס פייער האָט שוין נישט געברענט אַזוי העל, און ווייל יעדן האָט זיך געפוילט אויפצוהייבן און אונטערצולייגן צווייגלעך. אַלע האָבן געטרונקען וויין, און קאָסטיען האָט מען אויך געגעבן צו האַלבע גלעזער. נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז, נאָכדעם אַ צווייטס, איז פאַרשיכורט געוואָרן און פאַרגעסן אָן קירילינען.

— אַ פּראַכטפולער פּיקניק, אַ כשופדיקער אָוונט — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, ווערנדיק בגילופין פונם וויין. — אָבער איך וואָלט פונדעסטוועגן בעסער פון דעם אַלעם געוואָלט אַ שיינעם

ווינטער. „מיט פּראַסטיקן שטויב זילבערט זיך דער שאָפּן־קאָל־נער".

— איטלעכער האָט זיך זיין געשמאַק — האָט באַמערקט פאָן־קאָרען.

לאַיעווסקי האָט דערפילט אַ פאַרלעגנהייט: אין רוקן האָט אים געשלאָגן אַ היץ פונם פייער, און אין דער ברוסט און אין פּנים — פאָן־קאָרענס שנאה; דידאָזיקע שנאה פון אַן אָרנטלעכן, קלוגן מענטש, וועלכע האָט מסתמא געהאַט אונטער זיך אַ גרינד־לעכע סיבה, האָט אים דערנידעריקט, אָפּגעשוואַכט, און נישט זיי־ענדיק בכוח איר זיך אַקעגנצושטעלן, האָט ער געזאָגט מיט אַ נושא־פּנימדיקן טאָן:

— איך האָב ליידנשאַפטלעך ליב די נאַטור און כ'באַדויער, וואָס איך בין נישט קיין נאַטור־וויסנשאַפטלער. איך בין אייך מקנא.

— נו, און איך באַדויער נישט און בין נישט מקנא — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. — איך פאַרשטיי נישט, ווי מ'קען עס ערנסט זיך פאַרנעמען מיט ווערעמלעך און פליגעלעך, בשעת דאָס פאָלק ליידט.

לאַיעווסקי האָט געהאַט דיזעלבע מיינונג. ער איז געווען לגמרי אומבאַקאַנט מיט נאַטורוויסנשאַפט און האָט דעריבער קיינ־מאָל נישט געקענט שלום מאַכן מיטן אויטאָריטעטישן טאָן און מיט דער געלערנטער, טיפזיניקער מינע פון די מענטשן, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט וואָנסעלעך פון מוראַשקעס און פיסעלעך פון גרילן; אים האָט שטענדיק פאַרדראָסן, וואָס אויפן גרונט פון די וואָנסע־לעך, פיסעלעך און עפּעס אַ מין פּראָטאָפּלאַזם (ער האָט זי אי־בער עפּעס זיך פאָרגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַן אוסטריצע), נעמען זיך דידאָזיקע מענטשן לייזן פראַגן, וואָס נעמען אַרום די אָפּשטאַמונג און דאָס לעבן פון מענטשן. אָבער אין נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונעס רייד האָט ער דערהערט פאַלשקייט, און ער האָט געזאָגט בלויז צוליב דעם, אַז ער זאָל איר דערווידערן:

— ס'האַנדלט זיך נישט אין די ווערימלעך, נאָר אין די אויכפירן.

## VIII

מען האָט אָנגעהויבן זיך זעצן אין די עקיפּאַזשן צו פאָרן אַהיים, שפּעט, אַרום עלף אַ זייגער. אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט און ס׳האָבן נאָר געפעלט נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ און אַטשמיאַנאָוו, וועלכע זענען געלאָפן אויף יענער זייט טייך און יאָגעלעך און האָבן הויך געלאַכט.

— מיינע הערן, גיכער, — האָט צו זיי אַ געשריי געטון סאַמאָילענקאָ.

— מען האָט נישט באַדאַרפט צו געבן די דאַמען קיין וויין — האָט שטיל געזאָגט פאָן-קאָרען.

אַ מידער פון פּיקניק, פון פאָן-קאָרענס שנאה און פון זיינע אייגענע מחשבות איז לאַיעווסקי אַקייגנגעגאַנגען נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונען און ווען זי האָט אַ לוסטיקע, אַ פריידיקע, אַ פאַרסאַפּעטע, פילנדיק זיך גרינג, ווי אַ פּעדערל, אים אָנגעכאַפּט באַ ביידע הענט און, לאַכנדיק, אים אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, האָט ער געמאַכט אַ טריט צוריק און שטרענג געזאָגט:

— דו פירסט זיך אויף, ווי... אַ שאַנסאָנעטקע.

דאָס איז אַרויסגעקומען שוין צופיל גראָב, אַז ער האָט אַזש אַליין רחמנות געקריגן אויף איר. אויף זיין בייזן, מידן געזיכט האָט זי איבערגעלייענט שנאה, רחמנות, פאַרדראָס אויף זיך, און זי האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם הומאָר. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַז זי האָט זיך געפירט צו פריי, און אַ טרויעריקע, פילנדיק זיך שווער, דיק, ברוטאַל און שכור, האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין דער ערשטער ליידיקער קאָטש צוזאַמען מיט אַטשמיאַנאָוון. לאַיעווסקי איז איינגעזעסן מיט קירילינען,

דער זאָלאָג מיט סאַמאָילענקאָן, דער דיאַקאָן מיט די דאַמען, און דער צוג האָט גערירט.

— אָט דאָס זענען די מאַקאַקאָס... — האָט אָנגעהויבן פאָן־קאָרען, הילנדיק זיך אין פּלאַשטש און פאַרמאַכנדיק די אויגן. — דו האָסט געהערט, זי וואָלט זיך נישט געוואָלט פאַרנעמען מיט ווערעמלעך און פליגעלעך, וואָרים דאָס פאָלק ליידט. אַזאַ מיינונג האָבן וועגן אונזערס אַ ברודער אַלע מאַקאַקאָס. דאָס איז אַ קנעכטישער שבט, וואָס איז צען דורות נאָכאַנאַנד אָנגעשראָקן געוואָרן פון דער בייטש און דער פויסט; ער ציטערט, קומט אין התפּעלות און פאַלט כורעים נאָר פאַר געוואַלט־טאַט, אָבער לאָז נאָר אַריין אַ מאַקאַקאָ אויף אַ פרייַ געביט, וווּ ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אים נעמען פאַרן קאָלנער, דאָ וויקלט ער זיך גלייך פונאַנדער און גיט זיך צו פילן. גיב אַ קוק, ווי דרייסט דאָס איז אויף בילדער־אויסשטעלונגען, אין מוזייען, אין טעאַטער, אָדער ווען עס רעדט וועגן וויסנשאַפט: ווי ס׳צעשפּרייט זיך, שטעלט זיך אויף די פאָדערשטע פיס, זידלט, קריטיקירט... און קריטיקירט אומבאַדינגט — אַ כאַראַקטעריסטישער קנעכטישער שטריך! דו הער זיך צו: מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס זידלט מען אָפטער, ווי שווינדלער — דאָס איז דערפאַר, וואָס דריי פערטל פון דער געזעלשאַפט באַשטייט פון קנעכט, פון אָט אַזעלכע מאַקאַקאָס. ס׳האָט זיך נישט געטראָפן, אַז אַ קנעכט זאָל דיר אויסשטרעקן די האַנט און זאָגן דיר אויפריכטיק אַ דאַנק דערפאַר, וואָס דו אַרבעטסט.

— איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט! — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, גענעצנדיק. דער אָרעמער האָט זיך נעבעך פאַרגלוסט אַ רעד צו טון מיט דיר וועגן הויכע ענינים, און דו מאַכסט שוין דערפון אַן אויספיר, דו ביסט עפּעס בייז אויף אים, און איינוועגס שוין אויף איר אויך. אָבער זי איז אַ הערלעכע פרוי!

— עי, לאָז אָפּ! אַ געוויינטלעכע קעפּסווייב, אַן אויסגעלאַסענע און אַ געמיינע. הער, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, ווען דו באַגעגנסט אַ פּראָסטע פויערטע, וואָס לעבט נישט מיטן מאַן, טוט נישט גאָרנישט און נאָר כי־כי און כאַ־כאַ, זאָגסטו איר: גיי אַרבעטן. פאַרוואָס־זשע ווערסטו דאָ אָפּהענטיק און האָסט מורא צו זאָגן

דיםם אמת ? צי נאָר דערפאַר, וואָס נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ לעב-זישט מיט קיין מאַטראָס, נאָר מיט אַ באַאמטן ?

— וואָס-זשע זאָל איך איר טון ? — האָט זיך צעבייזערט סאַמאָליענקאָ. — שלאָגן זי אפשר, צי וואָס ?

— נישט חנפעגען די זינד. מיר טאָדלען די זינד נאָר הינטער די אויגן, דאָס איז פונקט ווי געוויזן אַ פייג אין קעשענע. איך בין אַ זאָאָלאָג אָדער אַ סאָציאָלאָג, וואָס איז אַלץ איינס, דו ביסט אַ דאָקטאָר ; די געזעלשאַפט גלייבט אונז ; מיר זענען מחויב איר אָנצוווייזן דעם שאָדן, וואָס ס׳ברענגען איר אַזעלכע פריצהטעס, ווי נאַדיעזשדאַ איוואַנאָוונאַ.

— פעדאָראָוונאַ — האָט פאַרריכט סאַמאָליענקאָ. — און וואָס דאַרף טון די געזעלשאַפט ?

— די געזעלשאַפט ? דאָס איז איר זאַך. לויט מיין מיינונג, איז דער גלייכסטער און ריכטיקסטער וועג — רעפרעסיעס. מיט געוואַלט דאַרף מען זי אַוועקפירן צום מאַן, און אויב דער מאַן וועט זי נישט צונעמען, דאַרף מען זי אָפגעבן אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט, אָדער אין אַן אויסבעסערונג-אַנשטאַלט.

— אוף ! — האָט סאַמאָליענקאָ אָפגעזיפצט ; ער האָט אַ ווילע געשוויגן און שטיל געפרעגט : — מיט עטלעכע טעג צוריק האָסטו מיר געזאָגט, אַז אַזעלכע מענטשן, ווי לאַיעווסקי, דאַרף מען פאַרניכטן. . . זאָג מיר, ווען דהיינו. . . די מלוכה, אַ שטייגער, אָדער די געזעלשאַפט וואָלט דיר איבערגעגעבן אומצוברענגען אים, וואָלסטו זיך. . . אַנטשלאָסן ?

— די האַנט וואָלט נישט קיין ציטער געטון.

## IX

לאַיעווסקי מיט נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונען זענען צוגעפאָרן אַהיים און אַרײַנגעגאַנגען אין זייערע פינצטערע, דושנע, אומעטיקע צימערן. זיי האָבן בײדע געשוויגן. לאַיעווסקי האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, און נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט און, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס מאַנטל מיטן הוט, האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר טרויעריקע, שולדיקע אויגן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וואַרט פון אים אַ דערקלערונג, נאָר דערקלערן זיך וואָלט געווען אומעטיק, נוצלאָז און פיינלעך, און אויפן געמיט איז אים געווען שווער, וואָס ער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און געזאָגט אַ גראָבקייט. צופעליק האָט ער אָנגעטאַפּט בײַ זיך אין קעשענע דעם בריוו, וואָס ער האָט יעדן טאָג זיך געקליבן איר איבערצולייענען, און ער האָט אַ קלער געטון, אַז אויב ער וועט איצט ווייזן דעמדאָזיקן בריוו, וועט ער אָפּציִען איר אויפמערקזאַמקייט אין אַן אַנדער ריכטונג.

„ענדלעך שוין צייט אויפצוקלערן די באַציונגען — האָט ער אַ קלער געטון. — כ'וועל איר געבן; וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין".

ער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו און איר דערלאַנגט.

— לייען איבער. דאָס האָט אַ שייכות צו דיר — האָט ער געזאָגט.

נאָכדעם איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און זיך אַוועקגעלייגט אינדערפינצטער אויף דער סאָפע, אָן אַ קישן. נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער סופית האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און די ווענט זענען נאָענט צוגעגאַנגען צו איר. ס'איז פּלוצלינג גע-

וואָרן ענג, פינצטער און שרעקלעך. זי האָט זיך שנעל דריי מאָל איבעגעצלמט און אַ זאָג געטון:

— ברוך דיין אמת... ברוך דיין אמת...

און זי האָט זיך צעוויינט.

— וואַניאַ! — האָט זי אַ רוף געטון. — איוואַן אַנדרעיִטש!

קיין ענטפער איז נישט געווען. מיינענדיק, אַז לאַיעווסקי איז אַריינגעקומען און ער שטייט בײַ איר הינטער דער שטול, האָט זי אַרויסגעכליפּעט, ווי אַ קינד, און געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו מיר פריער נישט געזאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן? איך וואָלט נישט געווען געפאָרן אויפן פּיקניק, כ׳וואָלט נישט געווען געלאַכט אַזוי שרעקלעך... מענער האָבן מיר געזאָגט געמיינע רייד. סאַראַ זינד, סאַראַ זינד! ראַטעווע מיך, וואַניאַ, ראַטעווע מיך... איך בין אַראָפּ פון זינען... איך בין פאַרלוירן...

לאַיעווסקי האָט געהערט איר כליפּען. ס׳איז אים געוואָרן אומדערטרעגלעך דושנע, און דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. אַ שווערמוטיקער האָט ער זיך אויפגעהויבן, געשטאַנען אַ ווײַלע אינמיטן שטוב, אָנגעטאַפּט אינדערפינצטער אַ פאָטעל לעבן טיש און זיך אַוועקגעזעצט.

„דאָס איז אַ תפיסה... — האָט ער אַ קלער געטון. — מען דאַרף אַוועקגיין... כ׳קען נישט“...

גיין שפּילן אין קאָרטן איז שוין שפּעט געווען, קיין רעסטאָראַנען איז אין שטאָט נישט געווען. ער האָט זיך ווידער אַנידערגעלייגט און פאַרשטאָפּט די אויערן, כדי נישט צו הערן דאָס כליפּען, און פּלוצלינג זיך דערמאָנט, אַז ער קען גיין צו סאַמאָילענקאָ. כדי נישט פאַרבייצוגיין לעבן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, איז ער דורכן פענצטער אַרויסגעקראָכן אין גאָרטן אַריין, זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פּלעטל און זיך געלאָזט גיין איבער דער גאַס. ס׳איז געווען פינצטער. ס׳איז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען אַ דאַמפּער, ווי ס׳האָט אויסגעזען לויט די פייערן, אַ גרויסע פּאַסאַזשירשיף... ס׳האָט אַ קלומפּער געטון אַן אַנקער-קייט. פון ברעג אין

דער ריכטונג צו דער שיף האָט זיך שנעל באַוועגט אַ רויט פּייערל: דאָס איז געשווומען אַ צאַל־שיפל.

„ס'שלאָפן זיך די פּאַסאַזשירן אין די קאַיוטעס"... — האָט אַ קלער געטון לאַיעווסקי און מקנה געווען די פרעמדע רו.

די פענצטער אין סאַמאָילענקאָס הויז זענען געווען אָפן. לאַיעווסקי האָט אַ קוק געטון אין איינעם פון זיי, דערנאָך אין אַנדערן; אין די צימערן איז געווען פינצטער און שטיל.

— אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, דו שלאָפסט? — האָט ער אַ רוף געטון. — אַלעקסאַנדער דאַווידיטש!

ס'האָט זיך דערהערט אַ הוסט און אַן אומרויִקער אויסגעשריי:

— ווער איז דאָרט? וואָסערן טייוול האָט עס אָנגעטראָגן?

— דאָס בין איך, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש. אַנטשולדיק.

נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט זיך געעפנט אַ טיר; ס'האָט אַ בלישטש געטון אַ ווייך ליכט פון אַן אייל־לעמפּל און ס'האָט זיך באַוויזן דער ריזיקער סאַמאָילענקאָ אינגאַנצן אין חייסן און אין אַ ווייס מיצל.

— וואָס איז דיר? — האָט ער געפרעגט, אָטעמענדיק שווער פון פאַרשלאָפנקייט און קראַצנדיק זיך. — וואַרט צו, כ'וועל דיר באַלד אויפעפענען.

— זיי זיך נישט מטריח, איך וועל דורכן פענצטער...

לאַיעווסקי איז אַרייַנגעקראָכן דורכן פענצטער און, צוגייענדיק צו סאַמאָילענקאָן, האָט ער אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול — ראַטעווע מיך! איך בעט דיך, כ'באַשווער, פאַרשטיי מיך! מיין לאַגע איז אַ פּיינלעכע. אויב זי וועט געדויערן נאָך בלויז אַ טאָג צוויי, וועל איך זיך דערשטיקן... ווי אַ הונט!

— שטיי... וועגן וואָס רעדסטו אייגנטלעך?

— צינד אָן אַ ליכט.

— אָך, אָך... — האָט אָפּגעזיפצט סאַמאָילענקאָ, אָנצינדנ־

יק אַ ליכט. — גאָט מײנער, גאָט מײנער... ס'איז שוין צװײ אַ זײגער, ברודער.

— אַנטשולדיק, נאָר איך קען נישט זיצן אינדערהײם — האָט געזאָגט לאַיעװסקי, פילנדיק אַ גרױסע פאַרלײכטערונג פון דער ליכטיקײט און פון סאַמאָילענקאָס אָנװעזנהײט. — דו, אַלעקסאַנדער דאַװידיטש, ביסט מײן אײנציקער, מײן בעסטער פרײנד... מײן גאַנצע האָפנונג איז אויף דיר. צי דו װילסט, צי דו װילסט נישט, נאָר למען השם, העלף אַרױס. איך מוז פאַר יעדן פרײז אַװעקפאָרן פונדאַנען. דו מוזסט מיר באָרגן געלט!

— אָך, גאָט מײנער, גאָט מײער!... — האָט אָפגעזיפּצט סאַמאָליענקאָ, זיך קראַצנדיק. — כ'האָב געהאַלטן אין אײנשלאָפן און הער אַ פײף, אַ שיף איז אָנגעקומען, און דערנאָך דו... דו דאַרפסט אַ סך?

— װײניקסטנס אַ דרײ הונדערט רובל. מען מוז איר איבערלאָזן הונדערט און אױפן װעג צװײ הונדערט... איך בין דיר שױן שולדיק באַ אַ פירהונדערט, נאָר איך װעל אַלץ אַרױסשיקן... אַלץ...

סאַמאָילענקאָ האָט אַרײנגענומען אין אײן האַנט בײדע באַקנבערד, האָט צעשטעלט די פיס און זיך פאַרקלערט.

— יאָ... — האָט ער אַרױסגעמורמלט אין פאַרטראַכטקײט. — דרײ הונדערט... יאָ... נאָר איך האָב נישט אַזױ פיל. ס'װעט אױסקומען צו לײען באַ עמעצן.

— לײע, למען השם! — האָט געזאָגט לאַיעװסקי, זעענדיק אויף סאַמאָילענקאָס פנים, אַז ער װיל אים געבן דאָס געלט און ער װעט אים אומבאַדינגט געבן. — לײע, איך װעל דיר זיכער אָפּשיקן. כ'װעל אַרױסשיקן פון פּעטערבורג, אַזױ װי נאָר איך װעל אַהינקומען. װעגן דעם זײ רױק. אָט װאָס סאַשאַ, — האָט ער געזאָגט, װערנדיק הײטער, — לאָמיר אױסטרינקען אַ ביסל װײן.

— יאָ... מילא זאָל זײן װײן.

בײדע זענען אַרײנגעגאַנגען אין עסצימער.

— און װי אַזױ איז מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנען? —

האָט געפרעגט סאַמאָילענקאָ, שטעלנדיק אויפן טיש דריי פלעשער ווײַן און אַ טעלער פּרוכטן. — זי פאַרבלייבט דען?

— איך וועל אַלץ איינאָרדנען, כ'וועל אַלץ איינאָרדנען... — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, שפּירנדיק אַן אומגעריכטן שטראָם פון פרייד. — איך וועל איר דערנאָך אַרויסשיקן געלט, זי וועט קומען צו פאָרן צו מיר... דאָרטן וועלן מיר שוין אויפקלערן אונזערע באַציִונגען. פאַר דײַן געזונט, פרײַנד.

— וואַרט צו! — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ. — צומערשט טרינק דעמדאָזיקן... דאָס איז פון מײַן ווײַנגאָרטן, און דאָס איז פון אַרכאַטולאָווס... פרוּוו אַלע דריי סאָרטן און זאָג אָפנהאַרציק. מײַנער איז עפּעס אַזוי ווי מיט אַ זויערן טעם. האַ? דו געפינסט נישט?

— יאָ. דו האָסט מיך באַרויִקט, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש. אַ דאַנק. איך האָב אויפגעלעבט.

— זויערלעך?

— דער טייוול ווייסט אים, כ'ווייס נישט. נאָר דו ביסט אַ טייערער, וווּנדערלעכער מענטש!

קוקנדיק אויף זײַן בלייך, אויפגערעגט, גוט פּנים, האָט סאַמאָילענקאָ זיך דערמאַנט פאָן־קאָרענס מיינונג, אַז מען דאַרף אַזעלכע אומברענגען, און לאַיעווסקי האָט זיך אים אויסגעוויזן אַ שוואַך, אומבאַשיצט קינד, וואָס יעדער קען באַליידיקן און פאַרניכטן.

— און אַז דו וועסט פאָרן, בעט זיך איבער מיט דער מוטער — האָט ער געזאָגט. — נישט גוט אַזוי.

— יאָ, יאָ, אומבאַדינגט.

זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. ווען זיי האָבן אויסגעטרונקען די ערשטע פלאַש, האָט סאַמאָילענקאָ געזאָגט:

— דו וואָלסט אויך געדאַרפט שלום־מאַכן מיט פאָן־קאָרענען. איר זענט בײדע אויסגעצייכנטע, קלוגע מענטשן, און קוקט אײנער אויפן אַנדערן, ווי די וועלף.

— יאָ, ער איז אַן אויסגעצייכנטער, קלוגער מענטש — האָט מסכּים געווען לאַיעווסקי, וועלכער איז גרייט געווען אַצינד אַלעמען צו ליבן און מוחל צו זײַן. — ער איז אַ מערקווירדיקער

מענטש, נאָר צונויפגיין זיך מיט אים באַגענט איז פאַר מיר אומ־מעגלעך. ניין! אונזערע נאַטורן זענען צו פאַרשידן. איך בין אַ פלעגמאַטישע, שוואַכע, כאַראַקטערלאָזע נאַטור; מעגלעך אין אַ גוטער מינוט וואָלט איך אים אפילו אויסגעשטרעקט די האַנט. אָבער ער וואָלט זיך אָפּגעקערט פון מיר... מיט פאַראַכטונג.

לאַיעווסקי האָט אַ זיפּ געטון וויין, איז זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק און פאַרגעזעצט, שטייענדיק אינמיטן שטוב:

— איך פאַרשטיי אויסגעצייכנט פאָן־קאָרענען. דאָס איז אַ נאַטור אַן אַנטשלאָסענע, אַ שטאַרקע, אַ דעספּאָטישע. דו האָסט געהערט, ער רעדט כסדר וועגן אַן עקספּעדיציע, און דאָס זענען נישט קיין פּוסטע רייד. ער דאַרף האָבן אַ מדבר, אַ לבנה־נאַכט: אַרום און אַרום אין געצעלטן און אונטערן אָפענעם הימל שלאָפן זייַנע הונגעריקע און קראַנקע, אויסגעפּייניקטע פון די שווערע אי־בערגענג, קאָזאַקן, וועגווייזער, טרעגער, דער דאָקטאָר, דער גלח, און נאָר ער אַליין שלאָפט נישט און, ווי סטענלי, זיצט ער אויף דער אויסלייג־שטול און פילט זיך אַלס קייסער פון דער מדבר און באַלעבאָס פון די מענטשן. ער גייט, גייט, גייט ערגעץ־וווּ, זייַנע מענטשן קרעכצן און שטאַרבן איינער נאָכן אַנדערן, אָבער ער גייט און גייט, סוף כל סוף קומט ער אַליין אום און בלייבט פונדעסטוועגן דעספּאָט און קייסער פון דער מדבר, ווייל דעם צלם בײַ זיין קבר זעען די קאַראַוואַנען דרייסיק־פערציק מייל פונדער־ווייטנס און ער געוועלטיקט איבער דער מדבר. אַ שאָד, וואָס דערדאָזיקער מענטש דינט נישט אין מיליטער. פון אים וואָלט אַרויסגעקומען אַ גרויסאַרטיקער, געניאַלער מיליטער־פירער. ער וואָלט געקענט דערטרינקען זיין קאַוואַלעריע אין טייך און מאַכן פון די טויטע בריקן, און אַזאַ דרייסטקייט איז אויף דער מלחמה בייטיקער, ווי כלערליי פאָרטיפיקאַציעס און טאַקטיקעס. אָ, איך פאַרשטיי אים אויסגעצייכנט! זאָג, נאָכוואָס ברענגט ער זיך דאָ אַוועק? וואָס דאַרף ער דאָ?

— ער שטודירט די ים־פאַונע.

— ניין. ניין. ברודער, ניין! — האָט אַ זיפץ געטון לאַ־יעווסקי. — מיר האָט אויף דער שיף אַ דורכפאָרנדיקער געלער־

טער דערציילט, אַז דער שוואַרצער ים איז אָרים אין פֿאַונע און אַז אין זיין טיפֿעניש איז, אַ דאַנק דער גרויסער צאָל שוועבל=וואַסערשטאָף, נישט מעגלעך קיין אָרגאַניש לעבן. אַלע ערנסטע זאָאָלאָגן אַרבעטן אויף די ביאָלאָגישע סטאַציעס אין נעאַפּאָל, אָדער אין Villefranche נאָר פֿאָן=קאָרען איז זעלבסטשטענדיק און איינגעשפּאַרט: ער אַרבעט אויפֿן שוואַרצן ים, ווייל קיינער אַרבעט דאָ נישט; ער האָט איבערגעריסן מיטן אוניווערזיטעט, ווייל נישט קענען די געלערנטע און די חברים, וואָרים ער איז קודם=כּל אַ דעספּאָט, און דערנאָך ערשט זאָאָלאָג. און פֿון אים, וועסט זען, וועט אַרויסקומען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. ער טרוימט שוין אַצינד, אַז ווען ער וועט צוריקקומען פֿון דער עקספּעדיציע, וועט ער אויסרויכערן פֿון אוניווערזיטעט די אינטריגע און מיטלמעסיקייט און וועט געבן צו שמעקן די געלערנטע. דעספּאָטישקייט איז אין דער וויסנשאַפֿט פּונקט אַזוי מעכטיק, ווי אויף דער מלחמה. און ער לעבט שוין דעם צווייטן זומער אין דעמדאָזיקן פֿאַרשטונקענעם שטעטל, ווייל ס'איז בעסער צו זיין דער ערשטער אין דאָרף, ווי דער צווייטער אין שטאָט. ער איז דאָ דער קעניג און דער אָדלער; ער האַלט דאָ אַלע איינוווינער פֿעסט אין די הענט און דערדריקט זיי מיט זיין אויטאָריטעט. ער מישט זיך אין פֿרעמדע געשעפֿטן, אַלץ דאַרף ער האָבן און אַלע האָבן מורא פֿאַר אים. איך גליטש מיך אָפּ פֿון אונטער זיין לאַפּע, ער פֿילט דאָס, און האַסט מיך. צי האָט ער דיר נישט געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך פֿאַרשיקן אָדער אַוועקשיקן אויף עפֿנטלעכער אַרבעט?

— יאָ — האָט זיך צעלאַכט סאַמאָילענקאָ.

לאַיעווסקי האָט זיך אויך צעלאַכט און אַ טרונק געטאָן ווײַן.

— און די אידעאַלן זענען בײַ אים אויך דעספּאָטישע — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק. געוויינטלעכע שטערבלעכע, אויב זיי אַרבעטן לטובת הכּלל, האָבן זיי אין זינען זייער נאָענטן: מיך, דיך, מיט איין וואָרט דעם מענטש. פֿאַר פֿאָן=קאָרענען אָבער זענען מענטשן — הינטלעך, נישטיקייטן, צו קליינטשיקע דערויף, אַז זיי זאָלן זיין דער ציל פֿון לעבן. ער אַרבעט, ער וועט גיין אין אַן

עקספּעדיציע און דאָרטן אומקומען נישט אין נאָמען פון ליבע צום נאָענטן, נאָר אין נאָמען פון אַזעלכע אַבסטראַקטן, ווי מענטשהייט, קינפטיקע דורות, אידעאַלער מענטשלעכער מין; ער אַרבעט אַבער דער אויסבעסערונג פון מענטשלעכן מין און אין דער היגזיכט זענען מיר פאַר אים נאָר קנעכט, האַרמאַטן-פלייש, געשטאָפּטע חיות; אַ טייל פון אונז וואָלט ער פאַרטיליקט אָדער אַוועקגעפּאַקט אויף קאַטאָרגע, אַ צווייטן טייל וואָלט ער געצוימט דורך דיסציפּלין, וואָלט געצוווּנגען, ווי אַראַקטשעיעוו, אויפצושטיין און לייגן זיך, ווען די פּויק וועט הייסן, ער וואָלט אַוועקגעשטעלט סריסים, אַז זיי זאָלן היטן אונזער צניעות און זיטלעכקייט, וואָלט געהייסן שיסן איטלעכן, וואָס טרעט אַריבער דעם קרייז פון אונזער שמאָלער, קאָנסערוואַרטיווער מאָראַל, און דאָס אַלץ אין נאָמען פון אויסבעסערן דעם מענטשלעכן מין... און וואָס איז אַזוינס דער מענטשלעכער מין? אַן אילוזיע, אַ מיראַזש... דעספּאָטן זענען תמיד געווען אילוזיאָניסטן. איך, ברודער, פאַרשטיי אים אויסגעצייכנט. איך שעץ אים און לייקן נישט זיין ווערט; אויף אַזעלכע, ווי ער, האַלט זיך די וועלט, און ווען די וועלט וואָלט איבערגעגעבן געוואָרן נאָר אונז אַליין, וואָלטן מיר, באַ אונזער גאַנצער גוטסקייט און בעסטע כוונות, געמאַכט פון איר דאָס אייגענע, וואָס אָט די פליגן פונם דאָזיקן בילד. יאָ.

לאַיעווסקי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן סאַמאָילענקאָן און געזאָגט מיט אויפריכטיקער עקזאַלטאַציע:

— איך בין אַ פּוסטער, נישטיקער, געפאַלענער מענטש! די לופט, מיט וועלכער איך אָטעם, איז — ווייַן, ליבע; מיט איין וואָרט: דאָס לעבן האָב איך ביז איצט געקויפט מיטן פּרייז פון שקר, פּוסט-און-פּאַסקייט און קליינמוטיקייט. איך האָב ביז אַצינד אָפּגענאַרט מענטשן און זיך, כ'האָב געליטן פון דעם, און מיינע ליידן זענען געווען ביליק און באַנאַל. פאַר פאָן-קאָרענס שנאה בייג איך אָפּהענטיק דעם רוקן, ווייל צייטנווייז האָס איך זיך אַליין און פאַראַכט זיך.

לאַיעווסקי איז ווידער אין אויפרעגונג זיך דורכגעגאַנגען אַהין און צוריק און געזאָגט:

— איך בין צופרידן, וואָז איך זע קלאָר מיינע חסרונות און אָנערקען זיי. דאָס וועט מיר העלפן צו באַנייען זיך און ווערן אַן אנדערער מענטש. מיין טייערער, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי ליידנשאַפטלעך, מיט וואָס פאַר אַ בענקשאַפט איך לעכץ נאָך מיין באַנייונג. און כ'שווער דיר, איך וועל זיין אַ מענטש! איך וועל זיין! איך ווייס נישט, צי דאָס האָט זיך איצט דער ווין צערעדט אין מיר, אָדער דאָס איז טאַקע אינדעראמתן, נאָר איך האָב שוין לאַנג נישט איבערגעלעבט אַזעלכע ליכטיקע, ריינע מינוטן, ווי דאָ אצינד בײַ דיר.

— ס'איז צייט, ברודער, צו גיין שלאָפן... — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ.

— יאָ, יאָ... — אַנטשולדיק, איך גיי שוין.

לאַיעווסקי האָט גענומען זוכן זיין היטל.

— אַ דאַנק דיר... — האָט ער געמורמלט, אָפּזיפצנדיק. אַ דאַנק... אַ צערטלעכע באַציונג און אַ גוט וואָרט איז מער ווערט, ווי אַ נדבה. דו האָסט מיך מחיה געווען.

ער האָט געפונען זיין היטל, זיך אָפּגעשטעלט און שולדיק אַ קוק געטון אויף סאַמאָילענקאָן.

— אַלעקסאַנדער דאַווידיטש! — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ בקשהדיקן טאָן.

— וואָס?

— דערלויב, מיין טייערער, צו בלייבן בײַ דיר נעכטיקן.

— מיט פאַרגעניגן... פאַרוואָס נישט?

לאַיעווסקי האָט זיך געלייגט שלאָפן אויף דער סאָפע און נאָך לאַנג געשמועסט מיטן דאָקטאָר.

## X

אַן ערך דריי טעג נאָכן פּיקניק איז צו נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען אומגעריכט געקומען מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ און, נישט באַגריסנדיק זיך, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם הוט, האָט זי אָנגעכאַפּט באַ ביידע הענט, זיי צוגעדריקט צו איר ברוסט און געזאָגט אין שטאַרקער אויפרעגונג:

— טייערע מיינע, כ׳בין אויפגערעגט, איבערראַשט. אונזער ליבער, סימפּאַטישער דאָקטאָר האָט נעכטן איבערגעגעבן מיין ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשן, אַז אייער מאַן איז כּלומרשט געשטאָרבן. זאָגט מיר, טייערע... זאָגט, ס׳איז אמת!

— יאָ, אמת, ער איז געשטאָרבן — האָט געענטפערט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ.

— דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך, טייערע! אָבער ס׳איז נישטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס. אייער מאַן איז מסתמא געווען אַ וואונדערבאַרער, אַ הערלעכער, אַ הייליקער מענטש, און אַזעלכע זענען אויפן הימל נייטיקער, ווי אויף דער ערד.

אויף מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונעס פּנים האָט געציטערט יעדער שטריך און יעדעס אָדערל, אַזוי ווי ס׳וואָלטן אונטער דער הויט זיך צעשפּרונגען קליינטשיקע שפּילקעלעך. זי האָט לאַקריצדיק אַ שמייכל געטון און געזאָגט ענטוזיאַסטיש:

— איר זענט אַלזאָ, פריי, מיין טייערע. איר קענט אַצינד הויך האַלטן דעם קאָפּ און קוקן דרייסט מענטשן אין די אויגן אַריין. פון היינט אָן וועלן גאָט און לייט בענטשן אייער פאַרבאַנד מיט איוואַן אַנדרעיטשן. דאָס איז פּראַכטפול. איך ציטער פון פרייד. איך געפין נישט קיין ווערטער. מיין ליבע, איך וועל זיין אייער אונטערפירערין... איך מיט ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשן האָבן

אייך אַזוי ליב, איר וועט אונז דערלויבן צו בענטשן אייער גע־זעצ־לעכן, ריינעם פאַרבאַנד. ווען, ווען קלערט איר צו נעמען חופּה־קדושין?

— איך האָב אפילו נישט געקלערט וועגן דעם — האָט גע־זאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, באַפרייענדיק אירע הענט.

— דאָס איז נישט מעגלעך, מיין ליבע. איר האָט געקלערט, געקלערט!

— בנאמנות, כ׳האָב נישט געקלערט — האָט זיך צעלאַכט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. נאָכוואָס זאָלן מיר נעמען חופּה־קדושין? איך זע נישט דערין קיין שום נויטווענדיקייט. מיר ווילן לעבן אַזוי, ווי מיר האָבן געלעבט.

— וואָס רעדט איר! — האָט זיך דערשראָקן מאַריאַ קאָנס־טאַנטינאָוונאַ. — אום גאָטס ווילן, וואָס רעדט איר!

— דערפון, וואָס מיר וועלן נעמען חופּה־קדושין וועט נישט ווערן בעסער, אדרבא, נאָך ערגער. מיר וועלן פאַרלירן אונזער פרייהייט.

— מיין ליבע! ליבע, וואָס רעדט איר! — האָט אויסגערופן מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, צוריקטרעטנדיק און אַ פּאַטש געבנדיק מיט די הענט. — לייגט זיך איבער! צוימט זיך איין אַ ביסל!

— וואָס הייסט — זיך איינצוימען? איך האָב נאָך גאָרנישט געלעבט, און איר הייסט מיך זיך איינצוימען!

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט אינדערעמתן נאָך נישט געלעבט. זי האָט געענדיקט דעם קורס אין אינסטיטוט און חתונה געהאַט מיט אַן אומגעליבטן מענטש, נאָכדעם איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט לאַיעווסקין און די גאַנצע צייט געלעבט מיט אים אויף דעמדאָזיקן אומעטיקן, וויסטן ברעג, אין דערוואַרטונג פון עפּעס בעסערס. צי איז דאָס — לעבן?

„נאָר נעמען חופּה־קדושין וואָלט מען באַדאַרפט...״ — האָט זי אַ קלער געטון, נאָר זי האָט זיך דערמאַנט אָן קירילינען און אַטשמיאַנאָוון, איז רויט געוואָרן און געזאָגט:

— ניין, דאָס איז נישט מעגלעך. ווען אפילו איוואַן אַנדרע־

-טש זאָל מיך וועגן דעם בעטן אויף די קניען, וואָלט איך מיך אויך אָפּגעזאָגט:

מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ איז אַ מינוט געזעסן שווייגנדיק אויף דער סאָפע, אַ טרויעריקע, אַן ערנסטע, און געקוקט אין איין פּינטל. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען און קאַלט געזאָגט:

— זייט געזונט, מיין ליבע! אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייך באַאומרויקט. הגם ס'איז פאַר מיר נישט גרינג, אָבער איך דאַרף אייך פונדעסטוועגן זאָגן, אַז פון היינטיקן טאָג אָן איז צווישן אונדז אַלץ געענדיקט און, טראָץ מיין אַכטונג צו איוואַן אַנדרעיטשן, איז די טיר פון מיין הויז פאַר אייך פאַרמאַכט.

זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַ פייערלעכקייט, און אַליין טאַקע געוואָרן געדירט פון איר פייערלעכן טאָן; איר פּנים האָט ווידער אַ ציטער געטאָן, צוריק אָנגענומען אַ ווייכן, לאַקריצדיקן אויסדרוק; זי האָט אויסגעשטרעקט דער איבערגעשראָקענער, פאַרשעמטער נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען ביידע הענט און געזאָגט בקשה-דיק:

— מיין ליבע, דערלויבט מיר כאָטש איין מינוט צו זיין אייער מוטער, אָדער אייער עלטערע שוועסטער! איך וועל זיין מיט אייך אָפנהאַרציק, ווי אַ מוטער.

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט דערפילט אין איר ברוסט אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַ פרייד און מיטלייד צו זיך, ווי איר מוטער וואָלט בלומרשט אינדערזמתן אויפגעשטאַנען תחית המתים און איצט גע-שטאַנען פאַר איר. זי האָט האַסטיק אַרומגענומען מאַריאַ קאָנסטאַנ-טינאָוונען און זיך צוגעדריקט מיטן פּנים צו איר אַקסל. ביידע האָבן זיך צעוויינט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און עטלעכע מינוט געכליפּעט, נישט קוקנדיק איינע אויף דער אַנ-דערער און נישט זייענדיק בכוח אַרויסצורעדן קיין איין וואָרט.

— ליבע, קינד מיינס — האָט אָנגעהויבן מאַריאַ קאָנסטאַנ-טינאָוונאַ, איך וועל אייך אַרויסזאָגן שאַרפע אמתן, נישט שוינע-דיק אייך.

— אדרבא, אדרבא!

— פאַרטרויט זיך מיר, מיין ליבע. דערמאַנט זיך, פון אַלע

היגע דאָמען האָב איך אייגע אייך אויפגענומען. איר האָט מיך אָנ־געפּולט מיט שרעק פון ערשטן טאָג אָן, אָבער איך בין נישט גע־ווען בכוח צו באַציִען זיך צו אייך מיט פאַראַכטונג, ווי אַלע. איך האָב געליטן פאַר דעם ליבן גוטן איוואַן אַנדרעיִטשן, ווי פאַר אַ זון. אַ יינגער מענטש אין אַ פרעמדן קאַנט, נישט דערפאַרן, שוואַך, אָן אַ מוטער, און איך האָב מיך געפּייניקט, געפּייניקט... דער מאַן איז געווען קייגן דער באַקאַנטשאַפט מיט אים, נאָר איך האָב אים איבערגערעדט... כ׳האָב אים איבערצייגט... מיר האָבן אָנ־געהויבן אויפנעמען איוואַן אַנדרעיִטשן, און מיט אים, באַטירלעך, אייך אויך, אַנדערש וואָלט ער זיך באַליידיקט. איך האָב אַ טאָכ־טער, אַ זון... איר פאַרשטייט, דער צאַרטער קינדישער שכל, דאָס ריינע האַרץ... ס׳זאָל נאָר נישט פאַרפירט ווערן איינס פון דידאָ־זיקע קליינע... איך האָב אייך אויפגענומען, נאָר געציטערט פאַר די קינדער. אָ, ווען איר וועט זיין אַ מוטער, וועט איר פאַרשטיין מיין מורא. און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס איך האָב אייך אויפגענומען, אַנטשולדיקט, ווי אַן אָרנטלעכע, מען האָט מיר גע־געבן אָנצוהערעניש... נו, געוויס, רכילות, היפּאָטעזן... אין דער טיפעניש פון מיין נשמה האָב איך אייך פאַראורטיילט, אָבער איר זענט געווען אומגליקלעך, נעבעכדיק, עקסטראַוואַגאַנט, און איך האָב געליטן פון רחמנות.

— אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט געפרעגט באַדיעזש־דאַ פעדאָראָוונאַ, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער. — וואָס האָב איך וועמען געטון?

— איר זענט אַ שרעקלעכע זינדיקערין. איר האָט עובר גע־ווען אויף דעם נדר, וואָס איר האָט געגעבן דעם מאַן אונטערן אַלטאַר. איר האָט פאַרפירט אַ פיינעם יונגנמאַן, וואָס וואָלט, אפשר, נישט באַגעגנענדיק זיך מיט אייך, זיך גענומען אַ געזעצלעכע לעבנס־פריינדין פון אַ שיינער משפחה פון זיין ספערע, און וואָלט געווען אַצינד, אַזוי ווי אַלע. איר האָט אַ תּל געמאַכט פון זיין יוגנט. רעדט נישט, רעדט נישט, מיין ליבע! איך וועל נישט גלייבן, אַז אין אונזער זינד זאָל שולדיק זיין דער מאַנסביל. שטענ־דיק זענען שולדיק די פרויען. די מענער זענען אין היימישן לעבן

לייכטזיניק, זיי לעבן מיטן פארשטאַנד, און נישט מיטן האַרץ ; זיי פאַרשטייען נישט זייער אַ סך, אָבער אַ פרוי פאַרשטייט אַלץ. פון איר הענגט אַלץ אָפּ. איר איז אַ סך געגעבן געוואָרן, דאַרף פון איר אַ סך געמאָנט ווערן. אָ, מיין ליבע, ווען די פרוי וואָלט אין דער הינזיכט געווען נאַרישער און שוואַכער פונם מאַנסביל, וואָלט איר גאָט נישט אָנגעטרויט צו דערציִען יונגלעך און מיידלעך. און דערביי, טייערע, זענט איר אַרויף אויפן שטעגל פון זינד, פאַר־געסנדיק אָן יעדער בושה ; אַן אַנדערע אויף אייער אָרט וואָלט זיך באַהאַלטן פון מענטשן, וואָלט געזעסן פאַרשלאָסן אין שטוב, און מענטשן וואָלטן זי נאָר געזען אין גאָטס טעמפּל, אַ בלאַסע, אָנגעטאָן אינגאַנצן אין שוואַרצן, אַ פאַרוויינטע, און איטלעכער וואָלט מיט אויפריכטיקן צער געזאָגט : — „גאָט, דער פאַרזינדיקטער מלאך קערט זיך צוריק אום צו דיר...“ אָבער איר, מיין ליבע, האָט פאַרגעסן יעדע באַשיידנקייט, האָט געלעבט אָפן, עקסטראַוואַגאַנט, גלייך איר וואָלט שטאָלצירט מיט דער זינד, איר האָט געשטיפט, געלאַכט, און איך האָב טיילמאָל, קוקנדיק אויף אייך, געציטערט פון שרעק און מורא געהאַט, אַז אַ דונער פון הימל זאָל נישט צע־שמעטערן אונזער הויז אין דער צייט, וואָס איר זיצט בײַ מיר. מיין ליבע, רעדט נישט, רעדט נישט ! — האָט אויסגערופן מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, באַמערקנדיק, אַז נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונא וויל רעדן. — פאַרטרויט זיך מיר, איך וועל אייך נישט אָפּנאַרן און וועל נישט פאַרהוילן פאַרן בליק פון אייער נשמה קיין איין אמת־דיקע זאַך. הערט־זשע מיך אויס, מיין טייערע... גאָט צייכנט די גרויסע בעל־עבירהניקעס, און איר זענט אויך געצייכנט געוואָרן. דערמאַנט זיך, אייערע קליידער זענען תּמיד געווען שרעקלע־כע !

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ, וואָס איז שטענדיק געווען אין דער בעסטער מיינונג וועגן איר קליידער, האָט אייפגעהערט צו וויינען און אַ קוק געטון אויף איר מיט פאַרוווּנדערונג.

— יאָ, שרעקלעך ! — האָט פאַרגעזעצט מאַריאַ קאָנסטאַנ־טינאָוונאַ — לויט דער אויסטערלישקייט און פילפאַרביקייט פון אייערע שטעטער קען איטלעכער משפטן וועגן אייער אויפפירונג.

אַלע האָבן, קוקנדיק אויף אייך, געלאַכט און געקוועטשט מיט די אַקסלען, נאָר איך האָב געליטן, געליטן... איך זייט מיר מוחל, מיין ליבע איר זענט נישט קיין ריינלעכע! ווען מיר פלעגן זיך טרעפן באַם באָדן, האָט איר אַרויסגערופן בײַ מיר אַ שוידער. דאָס אויבערשטע קלייד איז נאָך ווי ס'איז, אָבער דאָס אונטערקלייד דאָס העמד... מיין ליבע, איך ווער רויט! דעם אָרעמען אייזאַן אַנדרעיטשן פאַרבינדט אויך קיינער נישט דעם קראַוואַט, ווי ס'געהער צו זיין, און לויט דער וועש, לויט די שטיוול פון דעם אָרעמען נעבעך, זעט מען, אַז אינדערהיים קוקט זיך קיינער אויף אים נישט אום. און תמיד איז ער בײַ אייך נעבעך הינגעריק, וואָרים באמת, אויב אינדערהיים איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זאָרגן וועגן סאַמאָוואַר און קאַווע, וועסטו נישט ווילנדיק מוזן פאַרלעבן אין פאַוויליאָן אַ העלפט פון דער פענסיע. און אין שטוב בײַ אייך איז דאָך פשוט אַ שרעק, אַ שרעק! אין דער גאַנצער שטאָט איז בײַ קיינעם נישטאָ קיין פליגן, און בײַ אייך קען מען זיך נישט אָפּיאָגן פון זיי; אַלע טעלערס און טעצעלעך זענען שוואַרץ. אויף די פענצטער און אויף די טישן, גיט אַ קוק, אַ שטויב, געפּגרטע פליגן, גלעזער... נאָכוואָס שטייען דאָ גלעזער? און, ליבע מיינע, ביז אַצינד איז נאָך בײַ אייך נישט אָפּגערוימט פון טיש. און אין שלאָפצימער צו אייך אַריינצוגיין איז אַ חרפּה: ס'איז אומעטום אָנגעוואָרפן וועש, אויף די ווענט הענגען די פאַרליי קאַוטשוקן איירע, ס'שטייט אָנגעשטעלט עפּעס געפּעס... מיין ליבע! דער מאַן דאַרף גאָרנישט צו וויסן און דאָס ווייב דאַרף זיין פאַר אים ריין, ווי אַ מלאך. איך שטיי יעדן טאָג אויף באַגינען און וואַש מיט קאַלט וואַסער דאָס פּנים, כּדי מיין ניקאָדים אַלעקסאַנדראָוויטש זאָל נישט באַמערקן, אַז איך בין פאַרשלאָפן.

— דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן — האָט זיך צעיאָמערט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. — ווען איך וואָלט נאָר געווען גליקלעך, אָבער איך בין אַזוי אומגליקלעך!

— יאָ, יאָ, איר זענט זייער אומגליקלעך! — האָט אַ זיפץ געטון מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, קוים איינהאַלטנדיק זיך

אַרויסצוווייגען. — און אייך דערוואַרט אין דער צוקונפט אַ שרעק־לעכן אומגליק! אַן עלנדע עלטער, קראַנקייטן, און נאָכדעם אַן ענטפער פאַרן בית־דין של מעלה... שרעקלעך, שרעקלעך! אַצינד שטרעקט אייך דאָס מזל אַליין אויס אַ האַנט פון הילף, און איר וואַרפט זי אָן פאַרשטאַנד צוריק. נעמט חופּה־קדושין, שנעלער נעמט חופּה־קדושין!

— יאָ, מען דאַרף, מען דאַרף — האָט געזאָגט באַדיעזשדאַ פעדאָראָווגאַ, — נאָר דאָס איז נישט מעגלעך!

— פאַרוואָס זשע?

— ס'איז אוממעגלעך! אָ, ווען איר וואָלט געוואוסט!

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט געוואָלט דערציילן וועגן קי־רילינען און וועגן דעם, ווי זי האָט נעכטן אינאָווגט באַם פּאָרט זיך געטראָפן מיטן יינגן אַטשמיאַנאָוון און ווי איר איז געקומען אין קאָפּ אַריין אַ משוגענער, קאָמישער געדאַנק אַראָפּצופּטרן פון זיך דעם חוב פון דריי הונדערט רובל, ס'אַהאָט איר אויסגעזען זייער קאָמיש, און זי האָט זיך אומגעקערט אַ היים שפּעט אינ־אָווגט, פילנדיק זיך אויף אייביק געפאַלן און פאַרקויפט. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. און איר האָט זיך איצט געוואָלט שווערן פאַר מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָווגען, אַז זי וועט אומבאַדינגט אָפּגעבן דעם חוב, נאָר דאָס העשען און די בושה האָט איר געשטערט צו רעדן.

— איך וועל אַוועקפאָרן — האָט זי געזאָגט. — זאָל איוואַן אַנדרעיטש בלייבן, און איך וועל אַוועקפאָרן.

— וואוהין?

— קיין רוסלאַנד.

— אָבער פון וואָס וועט איר דאָרט לעבן? איר האָט דאָך גאָרנישט.

— איך וועל זיך פאַרנעמען מיט איבערזעצן אָדער... כ'וועל עפענען אַ ביבליאָטעק...

— פאַנטאַזירט נישט, מיין ליבע. אויף אַ ביבליאָטעק באַ־דאַרף מען האָבן געלט. נו, איך וועל אייך אַצינד לאָזן, און איר באַרויקט זיך און קלערט זיך איבער, און מאָרגן קומט צו מיר אַ

פרייל̄עכע. דאָס וועט זיין פּראַכטפול. גו זייט געזונט, מיין מלאכל̄. לאָזט, כ׳וועל אייך אַ קוש טון.

מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָט אַ קוש געטון נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען אין שטערן, האָט זי איבערגעצלמט און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען.

ס׳איז שוין געוואָרן פינצטער און אָלגאַ האָט אין קיך אָנגעצונדן פייער. נישט אויפהערנדיק צו וויינען, איז נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ אַריינגעגאַנגען אין של̄אָפצימער און זיך געל̄ייגט אויפן געל̄עגער. ס׳האָט זי אָנגעהויבן וואַרפן אַ שטאַרקער פיבער. ל̄יגנדיק, האָט זי זיך אויסגעטון, צונויפגעקנייטשט דאָס קל̄ייד צו די פיס און זיך צונויפגעוויקל̄ט אונטער דער קאָל̄דרע אין אַ קנויל̄. ס׳האָט זיך איר געוואָל̄ט אַ טרינק טון, און ס׳איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל̄ דערל̄אַנגען.

— איך וועל̄ אָפּגעבן! — האָט זי גערעדט צו זיך, און איר האָט זיך אין דער היץ געדאַכט, אַז זי זיצט ל̄עבן עפּעס אַ קראַנקער און דערקענט אין איר זיך אַליין. — איך וועל̄ אָפּגעבן. ס׳וואָל̄ט געווען נאַריש צו קל̄ערן, אַז איך האָב פונוועגן געל̄ט... איך וועל̄ אַוועקפאָרן און אַרויסשיקן אים געל̄ט פון פעטערבורג. צוערשט הונדערט... נאָכדעם הונדערט... און נאָכדעם — הונדערט...

שפּעט באַנאַכט איז געקומען ל̄איעווסקי.

— צוערשט הונדערט... — האָט אים געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ — נאָכדעם הונדערט...

— דו וואָל̄סט איינגענומען כינע — האָט ער געזאָגט און אַ קל̄ער געטון: „מאָרגן איז מיטוואָך, גייט אָפּ די שיף, און איך פאָר נישט. הייסט עס, ס׳וועט אויסקומען צו זיין דאָ ביז שבת".

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך אויפגעהויבן אין בעט אויף די קניען.

— איך האָב דאָ גאָרנישט גערעדט? — האָט זי געפרעגט, שמייכל̄ענדיק און פאַרזשמורענדיק די אויגן פונם ל̄יכט.

— גאָרנישט. מאָרגן וועט מען דאַרפן שיקן נאָכן דאָקטאָר, שלאָף.

ער האָט געמומען אַ קישן און געמומען גיין צו דער טיר. נאָכדעם, ווי ער האָט ענדגילטיק באַשלאָסן אַוועקצופאָרן און אי־בערצולאָזן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, האָט זי אָנגעהויבן צו וועקן אין אים רחמנות און אַ געפיל פון שולד; אין איר אָנוועזנהייט איז אים געווען אַ ביסל איבער דער טבע, אַזויווי אין דער אָנ־וועזנהייט פון אַ קראַנק, אָדער אַלט פערד, וואָס מען האָט באַ־שלאָסן צו דערהרגענען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער טיר און זיך אומגעקוקט אויף איר.

— אויפן פּיקניק בין איך געווען אויפגערייצט און דיר גע־זאָגט אַ גראָבקייט. אַנטשולדיק מיר, כ׳בעט דיך.

ער איז אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, זיך געלייגט און לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן.

ווען אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי איז סאַמאָילענקאָ, אָנ־געטון צוליבן גאַלאַ־טאָג אין דעם פולן פּאַראַד־אוניפאָרם, מיט די עפּאָלעטן און די אָרדנס, אַרויסגעגאַנגען פון נאַדיעזשדאַ פעדאָ־ראָוונעס שלאָפצימער, האָט לאַיעווסקי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל, אים אַ פרעג געטון מיט אומרו:

— נו, וואָס? וואָס?

זיין פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק, געוואַלטיקע אומרויִקייט און האָפנונג.

— באַרויִק זיך, קיין שום געפערלעכס — האָט געזאָגט סאַ־מאָילענקאָ — אַ געוויינלעכער פיבער.

— נישט וועגן דעם פרעג איך — האָט אומגעדולדיק זיך אַ קרום געטון לאַיעווסקי. — האָסט געקריגן געלט?

— פריינד מיינער, אַנטשולדיק, — האָט שטיל אַ זאָג געטון סאַמאָילענקאָ, אומקוקנדיק זיך אויף דער טיר מיט פאַרלעגנהייט. — האָב נישט פאַראיבל, כ׳בעט דיך. קיינער האָט נישט קיין פריי געלט, און איך האָב צונויפגענומען דערווייל צו פינף, צו צען רובל — סך הכל הונדערט צען. הייגט וועל איך נאָך פּרוּוון מיט עמעצן רעדן, זיי געדולדיק.

— נאָר דער לעצטער טערמין איז שבת! — האָט אַרויס־געפּליסטערט לאַיעווסקי, ציטערנדיק פאַר אומגעדולד. — למען השם, ביז שבת! אויב איך וועל שבת נישט אַוועקפאָרן, דאַרף איך שוין גאָרנישט... גאָרנישט! איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי ס'קאָן בײַ אַ דאָקטאָר נישט זײַן קיין געלט.

— אָבער גאָט איז מײַן עדות — האָט שנעל און מיט אָנ־שטרענגונג אַ פליסטער געטון סאַמאָילענקאָ, און ס'האָט אפילו אַזוי ווי אַ פּישטש געטון בײַ אים אין האַלז, — מען האָט בײַ מיר אַלץ צענומען, מען איז מיר שולדיק זיבן טויזנט רובל, און איך בין אָרום און אָרום פאַרשולדיקט. בין איך דען שולדיק דערין?

— הייסט עס: ביז שבת וועסטו קריגן? יאָ?

— איך וועל זיך באַמיען.

— איך בעט דיך, טײַערער! אַזוי, אַז פרײַטיק אינדערפרי זאָל שוין דאָס געלט זײַן בײַ מיר אין די הענט.

סאַמאָילענקאָ האָט זיך אָנידערגעזעצט, פאַרשריבן די בייטי־קע רעצעפּטן פאַר נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען און איז באַלד אַוועק־געגאַנגען.

## XI.

— דו האָסט אַזאַ מינע, ווי דו וואָלסט כּלומרשט געגאַנ־גען מיך אַרעסטירן — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען, דערזעענדיק סאַ־מאָילענקאָן, וואָס איז אַרײַנגעקומען צו אים אין דעם פאַראַדנעם אוניפאָרם.

— איך גיי דאָ פאַרבײַ און קלער: לאָמיך אַרײַנגיין באַ־זוכן די זאָאָלאָגיע — האָט סאַמאָילענקאָ געזאָגט, זעצנדיק זיך בײַ אַ גרויסן טיש, וואָס דער זאָאָלאָג אַליין האָט געהאַט צונויפ־

געקלאפט פון פראסטע ברעטער. — גוט מארגן, הייליקער פא־
טער, — האט ער א שאקל געטון מיטן קאפ צום דיאקאן, וועל־
כער איז געזעסן באם פענצטער און עפעס איבערגעשריבן. —
כ'וועל זיצן א מינוט און לויפן אהיים פארארדנען וועגן מיטאג.
שוין צייט... איך האב אייך נישט געשטערט?

— אבסאלוט נישט, — האט געענטפערט דער זאאלאג,
אויסלייגנדיק איבערן טיש דראבנע באשריבענע פאפירלעך. —
מיר פארנעמען זיך מיט איבערשרייבן.

— אזוי... אך, גאט מיינער, גאט מיינער... — האט אפ־
געזיפצט סאמאילענקא; ער האט פארזיכטיק א צי געטון פון טיש
א פארשטויבט בוך, אויף וועלכן ס'איז געלעגן א טויטע טרוקענע
פאלאנגע, און געזאגט: — שטעל דיר פאר, ס'גייט זיך אזוי פאר־
טון אין די געשעפטן עפעס א גרין זשוקל און באגעגנט פלוצלינג
אויפן וועג אזא אשמזאי. כ'מאל מיר, אזא שרעק!

— יא, באטירלעך.

— איר איז געגעבן געווארן סם, כדי צו פארטיידיקן זי
פון די שונאים?

— יא, צו פארטיידיקן זיך און אליין אנצופאלן.

— אזוי, אזוי, אזוי... אין אלץ אין דער באטור, מיינע
ליבע, איז צוועקמעסיק און דערקלערבאר — האט אפגעזיפצט
סאמאילענקא. — נאר אט וואס איך פארשטיי נישט. דו, מענטש
פון גרויסן שכל, דערקלער מיר, כ'בעט דיך. ס'זענען פארהאן,
זעסטו, אזעלכע חיהלעך, נישט גרעסער פון א שטשור, זעען אויס
גאנץ שיינע, נאר זענען אין העכסטן גראד, זאג איך דיר, ני־
דערטרעכטיקע און נישט מאראלישע. ס'גייט זיך אזא חיהלע,
דהיינו, אין וואלד; ס'האט דערזען א פייגעלע, און אויפגעגעסן.
ס'גייט ווייטער און זעט אין גראז א נעסטעלע מיט אייער; צו־
פרעסן גלוסט זיך אים נישט, ס'איז זאט, נאר פונדעסטוועגן צע־
בייסט עס אן איי, און די אנדערע שליידערט עס ארויס פון דער
נעסט מיטן לאפקעלע. נאכדעם טרעפט עס א זשאבע און גיט
זיך מיט איר אויך א שפיל, פארפייניקט די זשאבע, גייט עס און
באלעקט זיך, און אנטקייגן קומט אן א זשוק. ס'דערלאנגט דעם

זשוק מיטן פיסל. . . און אַלץ מאַכט עס קאַליע און צעשטערט אויף זיין וועג. . . עס קריכט אַריין אין פרעמדע נאָרעס, צעגראָבט אומזיסט-אומנישט די מוראַשניקעס, צעבייסט די שלימאַקעס. . . קומט אַ קייגן אַ שטשור — איז מיט אים אויך זיך געממיתט; ס'דערזעט אַ שלענגל אָדער אַ מייזעלע — דאַרף מען דערשטיקן. און אַזוי אַ גאַנצן טאָג, נו, זאָג, באָכוואָס איז אַזאַ חיה נייטיק? צוואָס איז זי באַשאַפן געוואָרן?

— איך ווייס נישט וועגן וואָסער חיהלע דו רעדסט — האָט געזאָגט פאָן-קאָרען. — וואָרשיינלעך, וועגן עפּעס אַ שרצים-עסנדיקס. נו, מילא, דאָס פייגעלע איז צו אים אַריינגעפאַלן, ווייל ס'איז נישט געווען פאָרזיכטיק; עס האָט צעשטערט די נעסט מיט די אייער, ווייל דער פויגל איז געווען נישט געשיקט, האָט שלעכט געמאַכט די נעסט און נישט געקענט זיי פאַרמאַסקירן, די זשאַבע פאַרמאָגט, מסתמא, עפּעס אַ מום מיט אַ קאָלירטער באַפאַרבונג, אַנדערש וואָלט דאָס חיהלע זי נישט באַמערקט א. אז. וו. דיין חיה ברענגט אום בלויז שוואַכע, אומגעשיקטע, אומפאָרזיכטיקע, מיט איין וואָרט — בעלי-מום, וועלכע די נאַטור האַלט נישט פאַר נייטיק איבערצוגעבן אין ווייטערדיקע דורות. ס'בלייבן לעבן נאָר די מער געשיקטע, פאָרזיכטיקע, שטאַרקע און אַנטוויקלטע. אויף אַזאַ אופן דינט דיין חיהלע, אַליין נישט וויסנדיק דערפון, דעם גרויסן ציל פון פאַרפולקאָמונג.

— יאָ, יאָ, יאָ. . . אגב, ברודער — האָט היימיש געזאָגט סאַמאָילענקאָ — באָרג מיר הונדערט רובל.

— גוט. צווישן די שרצים-עסנדיקע טרעפן זיך זייער אינטערעסאַנטע סוביעקטן. דהיינו, אַ מוילוואָרף. וועגן אים זאָגט מען, אַז ער איז נוצלעך, ווייל ער פאַרטיליקט די שעדלעכע שרצימלעך. מען דערציילט, אַז אַ געוויסער דייטש האָט געהאַט צוגעשיקט דעם אימפּעראַטאָר ווילהעלם דעם I. אַ פוטער פון מוילוואָרף-פעלעכלעך און דער אימפּעראַטאָר האָט געהייסן אים מאַכן אַ פאָרוורף דערפאַר, וואָס ער האָט אומגעבראַכט אַזוי פיל נוצלעכע חיהלעך. און פונדעסטוועגן וועט דער מוילוואָרף אין אכזריות נישט

פאַרשעמט בלייבן פאַר דיין חיהלע און איז דערביי שעדלעך, ווייל ער פאַרדאַרבט שרעקלעך די לאַנקעס.

פאַן־קאַרען האָט אויפגעעפנט אַ קופערטל און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ הונדערט־רובל־באַנקנאָט.

— באַ אַ מוילוואָרף איז אַ שטאַרק ברוסט־קעסטל, אַזוי ווי באַ אַ פלעדערמויז — האָט פאַרגעזעצט פאַן־קאַרען, פאַרשליסנדיק דאָס קופערטל, — ער האָט שטאַרק אַנטוויקלטע ביינער און מוס־קולן, אַן אומגעווייינלעכע מויל־באַוואָפנונג. ווען ער וואָלט געהאַט די גרייס פון אַ העלפאַנט, וואָלט ער געווען אַן אַלץ פאַרטיליקנ־דיקע, אומבאַזיגבאַרע חיה. ס'איז אינטערעסאַנט, ווען צוויי מויל־ווערף טרעפן זיך אונטער דער ערד, הייבן זיי ביידע אָן, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, צו גראָבן אַ פלאַטפאָרמע; די פלאַט־פאָרמע דאַרפן זיי האָבן, כדי באַקוועמער צו קענען זיך שלאָגן. ווען זיי האָבן זי שוין פאַרטיק, טרעטן זיי אַריין אין אַ גרויזאַם געשלעג און שלאָגן זיך אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ס'פאַלט נישט דער שוואַכערער. נעם זשע די הונדערט רובל — האָט געזאָגט פאַן־קאַרען מיט אַ נידעריקערן טאָן — נאָר בתנאי, אַז דו נעמסט נישט פאַר לאַיעווסקיס וועגן.

— איז טאַקע פאַר לאַיעווסקיס וועגן! — האָט זיך אָנגעצונדן סאַמאָילענקאָ. — וואָס איז דיין עסק?

— פאַר לאַיעווסקין קאָן איך נישט געבן. איך ווייס, דו האָסט ליב צו געבן גמילת־חסדים. דו וואָלסט געגעבן אפילו דעם גזלן קערים, ווען ער וואָלט דיך נאָר געבעטן, נאָר, האָב נישט פאַריאַבל, צוהעלפן דיר אין דער ריכטונג קאָן איך נישט.

— יאָ, איך בעט פאַר לאַיעווסקיס וועגן! — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, אויפשטייענדיק און מאַכנדיק מיט דער רעכטער האַנט. — יאָ! פאַר לאַיעווסקין! און קיין שום שד און קיין שום טייוול האָט נישט קיין רעכט מיך צו לערנען, ווי אַזוי איך האָב צו דיספּאָנירן מיט מיין געלט. איר האָט נישט בדעה צו געבן מיר?

דער דיאַקאָן האָט זיך צעלאַכט.

— דו קאָך זיך נישט, נאָר פאַרשטיי, — האָט געזאָגט

דער זאָלאָג. — טון טובות דעם הער לאַיעווסקין איז אַקוראַט אַזוי קלוג, לויט מיין מיינונג, ווי באַגיסן ווילד-גראָז, אָדער צו-קאָרמען אַ היישעריק.

— און לויט מיין מיינונג, דאַרפן מיר העלפן אונזערע נאָענטע! — האָט אַ געשריי געטון סאַמאָילענקאָ.

— אויב אַזוי, העלף זשע אָט דעמדאָזיקן טערק, וואָס ליגט הינטערן פּלויט! ער איז אַן אַרבעטער און איז נייטיקער, נוצלע-כער פון דיין לאַיעווסקין. גיב אים אַוועק די הונדערט רובל! אָדער זיי מנדב מיר הונדערט רובל אויף דער עקספּעדיציע!

— דו וועסט געבן צי נישט, פרעג איך דיך?

— דו זאָג אָפנהאַרציק: נאָכוואָס דאַרף ער געלט?

— ס'איז נישט קיין סוד. ער דאַרף שבת אַוועקפאָרן קיין פּעטערבורג.

— אַזוי? גאָר — האָט געזאָגט צעצויגן פאַן-קאָרען. — אַהאַ... פאַרשטייען מיר שוין. און זי וועט מיט אים מיטפאָרן, אָדער וויאַזוי?

— זי פאַרבלייבט דערווייל דאָ. ער וועט אין פּעטערבורג איינאָרדנען זיינע געשעפטן און איר צושיקן געלט, דעמאָלט וועט זי אויך אַהינפאָרן.

— קונציק!... — האָט געזאָגט דער זאָאָלאָג און אַ לאַך געטון מיט אַ קורץ טענאָר-געלעכטער. — קונציק! ס'איז פיין צוגעטראַכט.

ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו סאַמאָילענקאָן און, אַוועק-שטעלנדיק זיך פּנים אל פּנים און קוקנדיק אים אין די אויגן, האָט ער געפרעגט:

— זאָג מיר דעם אמת: ער האָט זי שוין נישט ליב? יאָ? זאָג: ער האָט שוין נישט ליב? יאָ?

— יאָ, — האָט אַרויסגערעדט סאַמאָילענקאָ און אים האָט באַשלאָגן אַ שווייס.

— ווי עקלדיק דאָס איז! — האָט אַ זאָג געטון פאַן-קאָ-רען און אויף זיין פּנים האָט מען געקענט זעען, אַז ער האָט געפילט אַן עקל. — איינס פון די ביידע, אַלעקסאַנדער דאַווי-

דישע: אָדער דו האָסט מיט אים געמאַכט יד אחת, אָדער, האָב נישט פּאַראיבּל, דו ביסט אַ תם. פאַרשטייסטו באמת נישט, אַז ער פירט דיך אין באַד אַריין, ווי אַ יינגעלע, אויפן אומפּאַרשעמטסטן אופן? ס'איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, אַז ער וויל זיך אָפּטשעפּען פון איר און זי דאָ אָוועקוואַרפן. זי וועט דאָ פאַרבלייבן אויף דיין קאַרק און ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דיר וועט אויסקומען אַרויסצושיקן זי קיין פּעטערבורג אויף דעם אייגענעם חשבון. האָט טאַקע דיין הערלעכער פריינד דיך אַזוי אַזש פאַרבלענדט מיט זיינע מעלות טובות, אַז דו זעסט שוין נישט די איינפאַכסטע זאַכן?

— דאָס זענען בלויז סברות, — האָט געזאָגט סאַמאַילענקאָ, זיך זעצנדיק.

— סברות? נאָר פאַרוואָס פאָרט ער אַליין, און נישט צוזאַמען מיט איר? און פאַרוואָס, פרעג אים, זאָל זי נישט פאָרן פריער, און ער דערנאָך? דאָס איז אַ דורכגעטריבענע בעסטיע!

געפּלעפּט פון די אומגעריכטע ספקות און חשדים בנוגע זיין חבר, איז סאַמאַילענקאָ פּלוצלינג אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן.

— אָבער דאָס איז נישט מעגלעך — האָט ער געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך אָן יענער נאַכט, ווען לאַיעווסקי האָט בײַ אים געוויינט. — ער ליידט אַזוי שטאַרק!

— וואָס זשע איז דערפון געדרונגען? גנבים און אונטערצינדער ליידן אויך.

— לאָמיר אָננעמען אפילו, אַז דו ביסט גערעכט. — האָט געזאָגט, זיך איבערלייגנדיק סאַמאַילענקאָ. — לאָמיר צולאָזן... אָבער ער איז אַ יינגערמאַן אין אַ פרעמדן קאַנט... אַ סטודענט, מיר זענען אויך סטודענטן און אַ חוץ אונז קען דאָ קיינער נישט טון אים קיין טובה.

— העלפן אים טון נידערטרעכטיקייטן נאָר דערפאַר, וואָס דו און ער זענען אין פאַרשידענע צייטן געווען אין אוניווערזיטעט און האָט דאָרט ביידע גאָרנישט געטון! סאַראַ משוגעת!

— שטיי, לאָמיר קאַלטבלוטיק באַטראַכטן. מען וועט קענען, מיין איך, מאַכן אַזוי. . . — האָט ווידער אָנגעהויבן סאַמאַילענקאָ. — איך וועל אים געבן דאָס געלט, נאָר וועל נעמען בײַ אים דאָס ערנוואָרט, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט ער צושיקן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען אויף רייזע־הוצאות.

— און ער וועט דיר געבן דאָס ערנוואָרט, ער וועט אפילו לאָזן אַ טרער און אַליין זיך גלייבן, נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָסדאָזיקע וואָרט? ער וועט עס נישט האַלטן, און ווען אין אַ יאָר־צוויי אַרום וועסטו אים טרעפן אויף ניעווסקי מיט אַ נייער ליבע אונטער דער האַנט, וועט ער זיך פאַרענטפערן דערמיט, אַז אים האָט צעקאַליעטשעט די ציוויליזאַציע און אַז ער איז אַ גייסטיק קינד פון רודינען. וואַרף דו אים אַוועק, און גאָטס ווילן! גיי אַוועק פון דער בלאָטע און שמיר זיך נישט אויס אין איר די הענט!

סאַמאַילענקאָ האָט אַ קלער געטון אַ ווײַלע און געזאָגט אַנטשלאָסן:

— און איך וועל פונדעסטוועגן אים געבן דאָס געלט. ווי דו ווילסט. איך קען נישט אָפּזאָגן אַ מענטש בלויז אויפן יסוד פון סברות.

— און זייער פיין. צעקוש זיך מיט אים.

— טאָ גיב זשע מיר די הונדערט רובל — האָט נישט דרייסט אַ בעט געטון סאַמאַילענקאָ.

— כ׳וועל נישט געבן.

ס׳איז געוואָרן שטיל. סאַמאַילענקאָ איז אינגאַנצן שוואַך געוואָרן; זיין געזיכט האָט אָנגענומען אַ פאַרשולדיקטן, פאַרשעמטן און נושא־פּנימדיקן אויסדרוק, און עפּעס מאָדנע האָט אויסגעזען דאָסדאָזיקע נעבעכדיקע, קינדיש־פאַרשעמטע פּנים בײַ דעם ריזיקן מענטש מיט די עפּאָלעטן און אָרדנס.

— דער היגער ביסקופּ פאָרט אַרום זיין יעפּאַרכיע נישט אין אַ קאַרעטע, נאָר רייטנדיק אויף אַ פערד, — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן, אָוועקלייגנדיק די פעדער. — בשעת ער זיצט אויפן

פערד, איז זיין אויסזען געוואַלטיק רירנד. זיין פּשטות און ענִיוות איז פול מיט ביבלישער גרויסקייט.

— ער איז אַ גוטער מענטש? — האָט געפרעגט פאַן-קאָרען, וועלכער איז געווען צופרידן איבערצובייטן דעם שמועס.

— נאָר ווי דען? ווען ער וואָלט נישט געווען קיין גוטער מענטש, וואָלט מען אים דען געהייליקט אַלס אַרכיערײ?

— צווישן אַרכיערייען טרעפן זיך זייער גוטע און באַגאַבטע מענטשן, — האָט געזאָגט פאַן-קאָרען — ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס מאַנכע פון זיי האָבן אַ שוואַכקייט צו באַטראַכטן זיך אַלס מלוכה-מענער. איינער פאַרנעמט זיך מיט רוסיפיקאַציע, דער אַנדערער קריטיקירט די וויסנשאַפט. דאָס איז נישט זייער עסק, זיי וואָלטן בעסער אָפטער אַריינגעקוקט אין קאָנסיסטאָריע.

— אַ וועלטלעכער מענטש קען נישט משפטן קיין אַרכיערייען.

— פאַרוואָס-זשע, דיאַקאָן? דער אַרכיערײ איז פונקט אַזאַ מענטש, ווי איך.

— אַזאַ און נישט אַזאַ — האָט זיך באַליידיקט דער דיאַקאָן, נעמענדיק זיך צוריק צו דער פעדער. — ווען איר וואָלט געווען אַזאַ, וואָלט אויף אייך גערוט גאָטס חסד און איר וואָלט געווען אַן אַרכיערײ; און אויב איר זענט נישט קיין אַרכיערײ, הייסט עס, אַז נישט אַזאַ.

— טשאַקע נישט דיאַקאָן! — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ מיט צער. — הער, אָט וואָס איך האָב צוגעטראַכט, — די באָרג מיר נישט דידאַזיקע הונדערט רובל. דו וועסט בא מיר עסן נאָך דריי חדשים ביז ווינטער, איז גיב מיר פאָרויס פאַר צוויי חדשים.

— כ'וועל נישט געבן.

סאַמאָילענקאָ האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און איז צונטער רויט געוואָרן; ער האָט מעכאַניש אַ ציי געטון צו זיך דאָס בוך מיט דער פאַלאַנגע און אַ קוק געגעבן אויף איר, נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען און גענומען דאָס היטל. פאַן-קאָרען דאָט רחמנות געקריגן אויף אים.

— אַט גייט און האָט צו טון מיט אַזעלכע הערן! — האָט געזאָגט דער זאָאָלאָג זײַן מיט אויפגעבראַכטקייט אַ שליידער געטון מיטן פוס עפּעס אַ פּאַפּיר אין ווינקל אַרײַן. — פאַרשטייט זשע, אַז דאָס איז נישט קיין גוטסקייט, נישט קיין ליבשאַפט, נאָר קליינמוטיקייט, צעלאָזנקייט, סם! וואָס עס טוט אויף דער פאַרשטאַנד, דאָס צעשטערן אייערע פאַרשרומפּענע, אויף כפּרות טויגבאַרע הערצער! ווען איך בין אַלס גימנאַזיסט קראַנק געווען אויף בויך-טיפוס, האָט מײַן מומעשי פון מיטלייד מיך אָנגעקאָרמעט מיט מאַרינירטע שוואָמען, און איך בין שיעור נישט געשטאָרבן. פאַרשטייט דו צוזאַמען מיט דער מומעשי, אַז די ליבשאַפט צום מענטש דאַרף זיך געפינען נישט אין האַרץ, נישט אונטערן האַרץ-גריבל, נאָר אַט דאָ!

פאָן-קאָרען האָט זיך אַ קלאַפּ געטון איבערן שטערן.

— נאַדיר! — האָט ער געזאָגט און אַ שליידער געטון דעם הונדערטרובלדיקן באַנקנאָט.

— אומזיסט בייזערסטו זיך, קאָליאַ, — האָט מילד געזאָגט סאַמאָילענקאָ, צונויפלייגנדיק דעם באַנקנאָט. — איך פאַרשטיי דיך אויסגעצייכנט, נאָר... גיי אַרײַן אין מײַן לאַגע.

— אָן אַלטע באָבע ביסטו, אַט וואָס!

דער דיאַקאָן האָט זיך צעלאַכט.

— הער אויס, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, די לעצטע בקשה! — האָט הייס געזאָגט פאָן-קאָרען. — ווען דו וועסט געבן דעם נאַרישן דאָס געלט, זאָלסטו אים פאָרלייגן אַ באַדינג: זאָל ער אוועקפאָרן צוזאַמען מיט זײַן פּריצה, אָדער זאָל ער זי אַרויסשיקן פריער, אַנדערש זאָלסטו נישט געבן! צו צערעמאָניען זיך מיט אים איז נישטאָ באַכוואָס. אַזוי זאָג אים טאַקע, און אויב וועסט נישט זאָגן, טאָ גיב איך דיר מײַן ערנוואָרט, איך וועל אַרײַנגיין צו אים אין ביוראָ און וועל אים אַראָפּלאָזן פון די טרעפּ, און מיט דיר וועל איך זיך נישט קענען. דאָס זאָג איך דיר!

— וואָס זשע? אויב ער וועט אָוועקפאָרן צוזאַמען מיט איר,

אַדער זי אַרויסשיקן פּאַרויס, װעט פאַר אים נאָך באַקװעמער זיין, — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ. — ער װעט נאָך גאָר צו־פרידן זיין. נו, זיי געזונט.

ער האָט זיך צערטלעך געזעגנט און איז אַרויסגעגאַנגען, נאָר אײדער ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף פאָן־קאָרענען, געמאַכט אַ מוראדיק פּנים און געזאָגט:

— דאָס האָבן דיך, ברודער, די דייטשן קאַליע געמאַכט! יאָ! די דייטשן!

XII

אויפן צװייטן טאָג, דאָנערשטיק, האָט מאַריאַ קאָנסטאַנטי־נאָװנאַ געפייערט דעם געבורטסטאָג פון איר קאָסטיאַן. באַטאָג זענען אַלע איינגעלאַדן געװאָרן צו עסן טאָרט, און אינאָװנט שאָקאָלאַדע. װען לאַיעװסקי און נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ זענען אָריינגעקומען אינאָװנט, האָט דער זאָאָלאָג, װאָס איז שוין געזעסן אין זאַל און געטרונקען שאָקאָלאַדע, געפרעגט סאַ־מאָילענקאָן:

— דו האָסט גערעדט מיט אים?

— נאָך נישט.

— זע־זשע, צערעמאָניע זיך נישט מיט אים. איך פאַרשטיי נישט די חוצפה פון דידאָזיקע הערן! זיי װייסן דאָך אויסגע־צייכנט, װאָסערן בליק ס'האָט דידאָזיקע פאַמיליע אויף זייער צו־זאַמענלעבן, און זיי קריכן פונדעסטװעגן אַהער.

— אויב צו לייגן אַכט אויף יעדן פאָראורטייל — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ — װאָלט אויסגעקומען אין ערגעץ נישט צו גיין.

איז דען דער עקל פון דער מאַסע צום צוזאַמענלעבן

פון נישט חתונה־געהאַטע, צו אויסגעלאַסנקייט — א פאַראורטייל?

— געוויס. א פאַראורטייל און א פיינטשאַפט. ווען זעלטנער דערזעען א מיידל פון לייכטער אויפפירונג, לאַכן זיי און פייפן, און פרעג זיי נאָר: ווער זענען זיי אַליין?

— נישט אומזיסט פייפן זיי. דאָס, וואָס די מיידלעך דערשטיקן זייערע אומגעזעצלעכע קינדער און גייען אַוועק אויף קאַטאָרגע, און וואָס אַננאַ קאַרענינאַ האָט זיך געוואָרפן אונטער'ן צוג, און וואָס אין די דערפער שמירט מען אויס די טויערן מיט דזשעגעטש, און וואָס מיר און דיר געפעלט אין קאַטיע, אומבאַוווּסט פאַרוואָס, איר ריינקייט, און דאָס, וואָס איטלעכער פילט נעפלדיק א באַדערפעניש אין ריינער ליבע, כאָטש ער ווייסט, אַז אַזאַ ליבע איז נישטאָ, — צי איז דען דאָס אַלץ א פאַראורטייל? דאָס, ברודער, איז דאָס איינציקע, וואָס איז גאַנץ געבליבן פון נאַטירלעכן אָפּקלייב און, ווען ס'זאָל נישט זיין אָט דער פינצטערער כּוח, וואָס רעגולירט די געשלעכטס־באַציונגען, וואָלטן די הערן לאַיעווסקיס געוויזן, וואָס זיי קענען, און די מענטשהייט וואָלט דעגענערירט אין איינציקע צוויי יאָר.

לאַיעווסקי איז אַריינגעקומען אין זאַל; ער האָט זיך מיט יעדן באַגריסט און ווען ער האָט געדריקט פאָן־קאָרענען די האַנט, האָט ער נושא־פּנימדיק א שמייכל געטאָן. ער האָט אויסגעוואַרט א גינסטיקע מינוט און געזאָגט סאַמאָילענקאָן:

— אַנטשולדיק, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, איך דאַרף דיר זאָגן צוויי ווערטער.

סאַמאָילענקאָ איז אויפגעשטאַנען, האָט אים אַרומגענומען בא דער טאַליע, און ביידע זענען אַריינגעגאַנגען אין ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשעס קאַבינעט.

— מאָרגן איז פרייטיק... — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, בייסנדיק די נעגל — דו האָסט געקריגן, וואָס האָסט צוגעזאָגט?

— כ'האָב באַקומען נאָר צוויי הונדערט צען. דאָס איבעריקע וועל איך היינט באַקומען אָדער מאָרגן, זיי רויק.

— דאַנקען גאָט!... — האָט אָפּגעזיפצט לאַיעווסקי, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן פון פרייד. — דו ראַטעוועסט מיך, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, און כ'שווער דיר בײַ גאָט, בײַ מײַן גליק און בײַ וואָס דו ווילסט, דאָס געלט וועל איך דיר אַרויסשיקן תּיכּף נאָכן קומען קיין פּעטערבורג. און דעם אַלטן חוב וועל איך אויך אַרויסשיקן.

— הער אויס, וואַניאַ... — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, אָננעמענדיק אים בײַ אַ קנעפּל און רויט ווערנדיק. — האָב נישט פאַראיבל, וואָס איך מיש זיך אַרײַן אין דײַנע פאַמיליע-אָנגעלעגנהייטן, אָבער... פאַרוואָס זאָלסטו נישט אָוועקפאָרן צוזאַמען מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען?

— ווי אַזוי קען איך דען? איינער פון אונדז מוז אומבאַדינגט בלײַבן, אַנדערש וועלן די קרעדיטאָרן אויפהייבן אַ ליאַרם. איך בין דאָך שולדיק אין די געוועלבן אַן ערך זיבן הונדערט רובל, אויב נישט מער. וואַרט צו, איך וועל זיי אַרויסשיקן געלט, פאַרשטאָפּן די מײַלער, דעמאָלט וועט זי אויך אַרויספאָרן פונדאַנען.

— יאָ... נאָר פאַרוואָס זאָלסטו זי נישט אַרויסשיקן פריער?

— אַך, גאָט מײַנער, איז דען דאָס מעגלעך? — האָט זיך איבערגעשראָקן לאַיעווסקי. — זי איז דאָך אַ פרוי, וואָס וועט זי דאָרט מאַכן? וואָס פאַרשטייט זי? דאָס וואָלט נאָר געהייסן אָפּשלעפּן די צײַט און אָנווערן איבעריק געלט.

„ריכטיק" — האָט אַ קלער געטאָן סאַמאָילענקאָ, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט דעם געשפּרעך מיט פאָן-קאָרענען, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט פאַרמרהשחורהט:

— איך קען נישט איינשטימען מיט דיר. אָדער פאָר אַוועק צוזאַמען מיט איר, אָדער שיק זי אַרויס פריער, אַנדערש... אַנדערש וועל איך דיר נישט געבן קיין געלט. דאָס איז מײַן לעצט וואָרט...

ער האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווײַלעכץ, זיך אָנגעשטויסן מיטן רוקן אָן דער טיר און איז אַרויסגעגאַנגען אין זאַל אַרײַן אַ רויטער, אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט.

„פרייטיק... פרייטיק, — האָט געקלערט לאַיעווסקי, זיך אומקערנדיק אין זאַל אַריין, — פרייטיק..."

מען האָט אים דערלאַנגט אַ פּיליזשאַנקע שאָקאָלאַדע. ער האָט אָפּגעבריט די ליפּן און די צונג מיט דער הייסער שאָקאָלאַדע און געקלערט:

„פרייטיק... פרייטיק..."

דאָס וואָרט „פרייטיק" איז איבער עפּעס פּאַ אים נישט אַרויסגעגאַנגען פון קאָפּ: ער האָט וועגן גאָרנישט, אַ חוץ פרייטיק, נישט געקלערט און אים איז קלאָר געווען בלויז — אָבער נישט אין קאָפּ, נאָר ערגעץ אונטערן האַרץ, — אַז שבת וועט ער נישט אַוועקפאָרן. פאַר אים איז געשטאַנען ניקאָדים אַלעקסאַנדריטש, אַן אַקוראַטנענדיקער, מיט פאַרקעמטע שלייפן און געבעטן:

— עסט, כ'בעט אייך אונטערטעניק...

מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ האָט געוויזן די געסט קאַטיעס נאַטעס און צעצויגן גערעדט:

— אַצינד איז שרעקלעך, שרעקלעך שווער זיך צו לערנען! מען פאָדערט אַזוי פיל...

— מאַמע! — האָט געקרעכצט קאַטיע, נישט וויסנדיק, ווו זיך צו באַהאַלטן פון בושה און פון די שבחים.

לאַיעווסקי האָט אויך אַ קוק געטון אויף די נאָטעס און אַ לויב געטון. רעליגיע, רוסישע שפּראַך, אויפפירונג, פינפן און פירן האָבן אַ שפּרונג געטון פאַר זיינע אויגן און דאָס אַלץ — צוזאַמען מיט דעם צו אים זיך צוגעטשעפּעטן „פרייטיק", מיט ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשס פאַרקעמטע שלייפן און מיט קאַטיעס רויטע באַקן — האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס אַן אומעט — נישט אַרומצונעמען און נישט בייצוקומען, אַז ער האָט שיער נישט אַרויסגעשריגן פון פאַרצווייפלונג און זיך געפרעגט: „וועל איך שוין טאַקע, טאַקע נישט אַוועקפאָרן?"

מען האָט אַוועקגעשטעלט איינס לעבן אַנדערן צוויי שפּילטישן און זיך געזעצט שפּילן אין פּאָסט. לאַיעווסקי האָט זיך אויך אַנידערגעזעצט.

„פרייטיק... פרייטיק... — האָט ער געקלערט, שמייכלענ-

דיק און אַרויסגעמענדיק פון קעשענע אַ בליישטיפט. — פריי־טיק...״

ער האָט געוואָלט באַטראַכטן זיין לאַגע און מורא געהאַט צו טראַכטן. אים איז שרעקלעך געווען זיך מודה צו זיין, אַז דער דאָקטאָר האָט אים געכאַפּט אינם שווינדל, וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג און פלייסיק פאַרבאָרגן פאַר זיך אַליין. יעדעס מאָל, קלערנ־דיק וועגן זיין צוקונפט, האָט ער נישט געגעבן זיינע רעיונות קיין פולע פרייהייט. ער וועט זיך אַריינזעצן אין אַ וואַגאָן און אַוועק־פאָרן — דערמיט האָט זיך אָנטשיידט די פראַגע פון זיין לעבן, און ווייטער האָט ער נישט געלאָזט זיינע געדאַנקען. ווי אַ ווייט, מאַט פייערל אין פעלד האָט פון צו צייט אויפגעבליצלט אין זיין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז ערגעץ־וווּ אין אַ פּעטערבורגער געסל וועט אין דער ווייטערער צוקונפט אויסקומען צו באַנוצן זיך מיט אַ קליינער ליגנט, כדי צו קענען זיך פונאַנדערגיין מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָ־ראָוונען און אָפּצאָלן די חובות; ער וועט נאָר איינמאָל זאָגן אַ ליגנט און נאָכדעם וועט קומען אַ פולשטענדיקע באַנייונג. און דאָס איז גוט; פאַרן פרייז פון אַ קליינעם ליגנט וועט ער קויפן אַ גרויסן אמת.

אַצינד אָבער, ווען דער דאָקטאָר האָט אים גראָב געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם שווינדל, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אים וועט נייטיק זיין צו זאָגן ליגנט נישט בלויז אין דער ווייטערער צוקונפט, נאָר אויך היינט, אויך מאָרגן, און אין אַ חודש אַרום און, ס׳קאָן זיין, אַפילו דאָס גאַנצע לעבן. איינדערהאַמתן, כדי אַוועקצופאָרן, וועט ער דאַרפן זאָגן ליגנט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוו־נען, די קרעדיטאָרן און דער נאַטשאַלסטוואָ; נאָכדעם, כדי צו באַ־קומען אין פּעטערבורג געלט, וועט אויסקומען צו זאָגן ליגנט דער מוטער, איר זאָגן, אַז ער איז זיך שוין צעגאַנגען מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען; און די מוטער וועט אים נישט געבן מער, ווי פינף הונדערט רובל, הייסט עס, ער האָט שוין אָפּגענאַרט דעם דאָק־טאָר, ווייל ער וועט נישט זיין אין שטאַנד צוצושיקן אים אינגיכן דאָס געלט. נאָכדעם, ווען נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ וועט קומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג, וועט ער דאַרפן אָנווענדן אַ גאַנצע

רייע קליינע און גרויסע שווינדלערייען, כדי זיך פונאַנדערצוגיין מיט איר; און ווידער טרערן, אומעט, נישטניחאדיק לעבן, חרטה — און במילא וועט קיין שום באַנייונג נישט זיין. שווינדל און מער גאָרנישט. אין לאַיעווסקיס פאַנטאַזיע איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער באַרג שקר. כדי אים אַריבערצושפּרינגען מיט איין מאָל, און נישט צו זאָגן ליגנט טיילנווייז, האָט מען געדאַרפט זיך אַנטשליסן אויף אַ ראַדיקאַלן שריט, דהיינו, נישט אויסצורעדן מער קיין וואָרט, אויפהייבן זיך, אָנטון דאָס היטל און תיכף אַוועקפאָרן, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט; נאָר לאַיעווסקי האָט געפילט, אַז פאַר אים איז דאָס אוממעגלעך.

„פרייטיק, פרייטיק. . . — האָט ער געקלערט. — פרייטיק. . .“

מען האָט געשריבן צעטעלעך, זיי איינגעלייגט אינצווייען און אַריינגעלייגט אין ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשס אַן אַלטן צילינדער; און ווען ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט גענוג צעטעלעך, איז קאָסטיאַ אַרומגעגאַנגען אַרום טיש אַלס פּאָסטרעגער און האָט זיי צעטיילט. דער דיאַקאָן, קאַטיע און קאָסטיאַ, וואָס האָבן באַקומען קאָמישע צעטעלעך און זיך באַמיט צו שרייבן נאָך קאָמישער, זענען געווען אין התפעלות.

„מיר דאַרפן זיך דורכשמועסן“ — האָט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ איבערגעלייענט אין אַ צעטעלע. זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט מאַריע קאָנסטאַנטינאָוונען, און יענע האָט לאַקריצדיק אַ שמייכל געטון און געשאָקלט צו איר מיטן קאָפּ.

„וועגן וואָס זשע רעדן? — האָט אַ קלער געטון נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. — אויב מען קען נישט אַלץ דערציילן, איז נישטאָ נאָכוואָס צו רעדן“.

איידער זי איז אַוועקגעגאַנגען צו גאַסט, האָט זי פאַרבונדן לאַיעווסקין דעם קראַוואַט, און דידאָזיקע קלייניקייט האָט אָנגעפילט איר נשמה מיט צערטלעכקייט און טרויער. די צערודערטקייט אויף זיין פנים, די צעשטרייטע בליקן, די בלאַסקייט און די אומפאַרשטענדלעכע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים די לעצטע צייט, און דאָס, וואָס זי האָט געהאַט פאַר אים אַ שרעק-

לעבן, עקלדיקן סוד, און דאָס, וואָס איר האָבן געציטערט די הענט, בשעת זי האָט אים פאַרבונדן דער קראַוואַט — דאָס אַלץ האָט איר איבער עפּעס אָנגעזאָגט, אַז שוין נישט לאַנג איז זיי ביידע געבליבן צו לעבן צוזאַמען. זי האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ הייליק בילד, מיט פּחד און חרטה, און געטראַכט: — „זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל...״ אַנטקייגן איבער איר באַם טיש איז געזעסן אַטשמיאַנאָוו און נישט אָפּגעריסן פון איר זיינע שוואַרצע פאַרליבטע אויגן; זי איז געווען אויפגערייצט פון פאַרלאַנגען, האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און מורא געהאַט, אַז אפילו דער אומעט און דער טרויער וועלן איר נישט שטערן נאָכצוגעבן דער נישטרייַנער תאווה, נישט היינט, איז מאָרגן — און ווי אַ פאַרפאַלענער שכּור איז זי שוין נישט בכּוח זיך אָפּצושטעלן.

כּדי נישט פאָרצוזעצן דאָסדאָזיקע לעבן, וואָס איז שענד־לעך פאַר איר און באַליידיקענד פאַר לאַיעווסקין, האָט זי באַ־שלאָסן אַוועקצופאָרן. זי וועט מיט טרערן אים בעטן, אַז ער זאָל זי אַוועקלאָזן, און אויב ער וועט זיך אַקעגנשטעלן, וועט זי פון אים אַוועקגיין געהיים. זי וועט אים נישט דערציילן וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. זאָל באַ אים בלייבן אַ ריינע דערינערונג וועגן איר.

„כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב, כ׳האָב ליב — האָט זי איבערגע־לייענט. — דאָס איז פון אַטשמיאַנאָוון״.

זי וועט לעבן ערגעץ אין אַ שטיל אָרט, וועט אַרבעטן און אַרויסשיקן לאַיעווסקין „פון אַן אומבאַוווּסטן״ געלט, אויסגעהאָפ־טענע העמדער, טיטון, און זי וועט זיך אומקערן צו אים ערשט אויף דער עלטער און אין פאַל, אַז ער וועט געפערלעך קראַנק ווערן און ס׳וועט אים נייטיק זיין אַ פלעגערין. ווען ער וועט אויף דער עלטער זיך דערוויסן, איבער וואָסערע סיבות זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין זיין ווייב און אים פאַרלאָזט, וועט ער אָפּשאַצן איר קרבן און מוחל זיין.

„איר האָט אַ לאַנגע נאָז״, — דאָס איז מסתמא פון דיאַקאָן, אָדער פון קאָסטיען.

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי געזעג

בענדיק זיך מיט לאַיעווסקין, וועט זי אים שטאַרק אַרומנעמען, וועט אים אַ קוש געבן אין דער האַנט און זיך שווערן, אַז זי וועט אים ליב האָבן דאָס גאַנצע לעבן; און נאָכדעם, ווען זי וועט לעבן אין דעם שטילן אָרט, צווישן פרעמדע מענטשן, וועט זי יעדן טאָג קלערן וועגן דעם, אַז ערגעץ־ווו איז פאַרהאַן אירס אַ פריינד, אַ געליבטער מענטש, אַ ריינער, אַן איידעלער און דערהויבענער, וועל־כער האָט וועגן איר אַ גוטע דערינערונג.

„אויב איר וועט נישט היינט באַשטימען מיר קיין זעונג, וועל איך אָננעמען מיטלען, איך פאַרזיכער אייך מיטן ערנוואָרט. אַזוי באַגייט מען זיך נישט מיט קיין אָרנטלעכע מענטשן, איר דאַרפט דאָס פאַרשטיין". — דאָס איז פון קירילינען.

## XIII.

לאַיעווסקי האָט באַקומען צוויי צעטלעך: ער האָט איפ־געוויקלט איינס און איבערגעלייענט: „פאַר נישט אַוועק, מיין טייערער".

„ווער האָט דאָס געקענט אָנשרייבן? — האָט ער אַ קלער געטון. — באַטירלעך נישט סאַמאָילענקאָ... און נישט דער דיאַ־קאָן, ווייל ער ווייסט נישט, אַז איך וויל אַוועקפאָרן. פאָן־קאָ־רען?"

דער זאָאָלאָג איז געזעסן אָנגעבויגן איבערן טיש און גע־צייכנט אַ פּיראַמידע. לאַיעווסקין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיינע אויגן שמייכלען.

„מסתמא האָט סאַמאָילענקאָ אויסגעפּלוידערט..." — האָט אַ קלער געטון לאַיעווסקי. — „פרייטיק, פרייטיק..."

אויף אַ צווייט צעטעלע איז מיט דער אייגענער צעבראָכע־

נער האנטשריפט מיט לאַנגע ווײדעלעך און דרײדעלעך געווען אָנגעשריבן: „אָבער עמעצער וועט שבת נישט אַוועקפּאָרן".

„אַ נאַריש אַפּחוזקן — האָט אַ קלער געטון לאַיעווסקי. — פרײטיק, פרײטיק...”

אים איז עפּעס אומגעריכט ענג געוואָרן אין האַלז. ער האָט אַ ריר געטון דעם קאַלנער און אָפּגעהוסט, נאָר אָנשטאָט אַ הוסט האָט זיך אים אַרויסגעריסן פון האַלז אַ געלעכטער.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט. — כאַ-כאַ-כאַ! „פון וואָס לאַך איך עס?” — האָט ער אַ קלער געטון. — כאַ-כאַ-כאַ!

ער האָט געפּרוווט זיך אײנהאַלטן, מיט דער האַנט דאָס מויל זיך צוגעמאַכט, נאָר דאָס געלעכטער האָט אים געשטיקט אין דער ברוסט און אין האַלז, און די האַנט האָט נישט געקענט פאַרמאַכן דאָס מויל.

„ווי נאַריש דאָס איז אָבער! — האָט ער געטראַכט, טרײסלענדיק זיך פון געלעכטער. — צי בין איך פון זינען אַראָפּ, צי וואָס?”

דאָס געלעכטער איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער און ענלעך געוואָרן צו אַ בילעריי פון אַ קלײן הינטל. לאַיעווסקי האָט געוואָלט אויפשטײן פון טיש, נאָר די פיס האָבן אים נישט געפאָלגט און די רעכטע האַנט איז עפּעס מאָדנע, אַקײגן זײן ווילן, געשפּרונגען איבערן טיש, קראַמפּהאַפט געכאַפּט די פּאַפּירלעך און זײ צונויפגעקוועטשט. ער האָט דערזען פאַרוווּנדערטע בליקן, סאַמאָילענקאָס ערנסטע איבערגעשראָקן פּנים און דעם זאָאָלאָגס בליק, פול מיט קאַלטן שפּאָט און עקל, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ היסטעריק.

„סאַראַ אומגעלומפּערטקײט, סאַראַ חרפּה, — האָט ער געטראַכט, שפּירנדיק אויפן פּנים וואַרעמקײט פון טרערן... אַך, אַך, סאַראַ בזיון. ס'איז קײנמאָל בײַ מיר אַזוינס נישט פאָרגעקומען...”

אַט האָט מען אים גענומען אונטער דער האַנט און, אונטערהאַלטנדיק אים פונהינטן דעם קאָפּ, האָט מען אים ערגעץ-ווו

אװעקגעפירט; אָט האָט אַ גלאָז אַ בלישטש געטון פאַר די אויגן, זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ציין, און דאָס װאַסער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ברוסט; אָט איז אַ קליין צימער, אינדערמיט צוויי בעטן איינס לעבן אַנדערן, באַדעקטע מיט ריינע, שניי־ווייסע דעקעס. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף איין בעט און זיך צעיאָמערט.

— ס׳שאַדט נישט, ס׳שאַדט נישט... — האָט געזאָגט סאָמאָילענקאָ. — ס׳טרעפט זיך... ס׳טרעפט זיך...

אַ פאַרשטאַרטע פון שרעק, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער און פאַרפּילנדיק עפּעס שרעקלעכס, איז נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ געשטאַנען באַם בעט און געפרעגט:

— װאָס איז דיר? װאָס? למען השם, זאָג...

„האָט אים קירילין צומאָל עפּעס נישט אָנגעשריבן?״ — האָט זי געקלערט.

— גאָרנישט... — האָט געזאָגט לאַיעװסקי, לאַכנדיק און װיינענדיק. — גיי אַרויס פונדאַנען... טייבעלע.

זיין פּנים האָט נישט אויסגעדריקט נישט קיין שנאה, נישט קיין עקל: הייסט עס, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט; נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ האָט זיך אַ ביסל באַרויקט און איז אַרייַנגעגאַנגען אין זאַל.

— רעגט זיך נישט אויף, מיין ליבע! — האָט איר געזאָגט מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָװנאַ, אַנידערזעצנדיק זיך לעבן איר און אָנגעמענדיק זי באַ דער האַנט. — דאָס װעט דורכגיין. די מענער זענען פּונקט אַזוי שװאַך, װי מיר, זינדיקע פרויען. איר לעבט איצט ביידע איבער אַ קריזיס... דאָס איז אַזוי פאַרשטענדלעך! נו, מיין ליבע, איך װאַרט אויף אַן ענטפער. לאָמיר זיך דורכשמועסן.

— ניין, מיר װעלן נישט רעדן... — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָװנאַ, זיך צוהערנדיק צו לאַיעװסקיס שלוכצן. — ס׳איז מיר אומעטיק... דערלויבט מיר אַװעקצוגיין...

— װאָס רעדט איר, װאָס רעדט איר, ליבע! — האָט זיך דערשראָקן מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָװנאַ. — איר רעכנט טאַקע, אַז איך

וועל איך אַוועקלאָזן אָן אָוונט-ברויט ? מיר וועלן פר:ער צובייסן, נאָכדעם — געזונטערהייט.

— ס'איז מיר אומעטיק... — האָט אַ פליסטער געטון נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ און כדי נישט אומצופאַלן האָט זי מיט ביידע הענט זיך אָנגענומען באַם הענטל פון פאָטעל.

— ער האָט אַ קינדער-קאָנוווּלסיע! — האָט פריילעך געזאָגט פאָן-קאָרען אַריינקומענדיק אין זאַל, נאָר, דערזעענדיק נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, האָט ער זיך פאַרלוירן און אַרויסגעגאַנגען.

ווען ס'האָבן זיך געענדיקט די ספאַזמען, איז לאַיעווסקי געזעסן אויפן פרעמדן בעט און געקלערט:

„אַ בזיון, צעריטשעט זיך, ווי עפּעס אַ מיידל! איך מוז איצט אויסזען קאָמיש און עקלדיק. כ'וועל אַרויסגיין דורכן הינטערשטן גאַנג... איבריקנס, דאָס וואָלט געהייסן, אַז איך גיב צו דער היסטעריק אַן ערנסטע באַדייטונג. כ'וואָלט געדאַרפט מאַכן דערפון אַ שפּאַס..."

ער האָט זיך אָנגעקוקט אין שפיגל, איז געזעסן אַ ביסל און אַריינגעגאַנגען אין זאַל.

— אָט בין איך אויך דאָ! — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק; ער האָט געשפּירט אַ פּיינלעכע בושה און געפילט, אַז די אַנדערע שעמען זיך אויך אין זיין אָנוועזנהייט. — אַזעלכע געשיכטעס קומען פאָר — האָט ער געזאָגט, זיך זעצנדיק. — איך בין געזעסן און פלוצלינג, ווייסט איר, דערפילט אַ שרעקלעכן שטעכעדיקן ווייטיק אין דער זייט... נישט צום איבערטראָגן, די נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן און... און ס'איז אַרויסגעקומען אַזאַ נאַרישע געשיכטע. אונזער נערווע:שער דור — ס'איז גאָרנישט צו מאַכן!

באַם אָוונטברויט האָט ער געטרונקען וויין, גערעדט און פון צייט צו צייט, קאָנוווּלסיוו אָפּזיפצנדיק, האָט ער געגלעט די זייט, וויייזנדיק דערמיט, אַז ער פילט נאָך אַלץ דעם ווייטיק. און קיינער, אַ חוץ נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, האָט אים נישט געגלייבט, און ער האָט דאָס געזען.

אַרום צען אַ זייגער איז מען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אויפן

בולוואַר. נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגאַ האָט מורא געהאַט, אַז קירילין זאָל נישט אָנהייבן מיט איר רעדן און די גאַנצע צייט זיך געפּלייסט צו האַלטן זיך לעבן מאַריאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ און די קינדער. זי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון דער שרעק און אומעט און, פאַר־פילנדיק אַ פיבער, האָט זי זיך געמאַטערט און קוים געשלעפּט די פיס, נאָר זי איז נישט געגאַנגען אַהיים, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז איר וועט נאָכגיין קירילין אָדער אַטשמיאַנאָוו, אָדער ביידע צו־זאַמען. קירילין איז געגאַנגען פון הינטן, צוזאַמען מיט ניקאָדים אַלעקסאַנדריטשן, און אונטערגעברומט מיט אַ אַ ניגון:

— צו שפּילן זיך מיט מיר וועל איך נישט דערלויבן! כ׳וועל נישט דערלויבן!

פון בולוואַר האָט מען אַראָפּגעדרייט צום פּאַוויליאָן און מען איז געגאַנגען איבערן ברעג און לאַנג געקוקט אויפן ים, וואָס האָט געלויכטן מיט פאָספאָר־ליכט. פאָן־קאָרען האָט אָנגעהויבן דערציילן, פונוואַנען ס׳נעמט זיך דאָס פאָספאָר־ליכט.

## XIV.

— נו, איך דאַרף שוין גיין אויף אַ וויסט... מען וואַרט אויף מיר, — האָט געזאָגט לאַיעווסקי. — אַדיע, מייגע הערן.

— איך גיי אויך מיט דיר, וואַרט־צו — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגאַ און אים גענומען אונטער דער האַנט.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט דער געזעלשאַפט און זענען אַוועקגעגאַנגען; קירילין האָט זיך אויך געזעגנט, געזאָגט, אַז ער האָט איין וועג, און גענומען גיין צוזאַמען מיט זיי.

„וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין... — האָט געקלערט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגאַ. — זאָל...“

און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע נישטגוטע דערינערונ־

גען זענען אַרויסגעגאַנגען פון איר קאָפּ און גייען אינדערפינצטער לעבן איר און אָטעמען שווער, און זי אַליין, ווי אַ פליג, וואָס איז אַרייַנגעפאַלן אין טינט, קריכט מיט אַלע כוחות איבערן ברוק און שמירט איין מיטן שוואַרצן טינט לאַיעווסקיס זייט און האַנט. — „אויב קירילין — האָט זי געקלערט — וועט טון עפּעס שלעכטס, וועט דערין שולדיק זיין נישט ער, נאָר זי אַליין. ס'איז דאָך געווען אַ צייט, ווען קיין שום מאַנסביל האָט נישט גערעדט מיט איר אַזוי, ווי קירילין, אָבער זי אַליין האָט איבערגעריסן דידאָזיקע צייט, ווי אַ פאָדעם און זי באַגראָבן אויף אייביק — ווער־זשע איז דערין שולדיק? פאַרשכורט פון אירע פאַרלאַנגען, האָט זי אָנגעהויבן צו שמייכלען צו אַ ווילד־פרעמדן מענטש בלויז דעריבער, וואַרשיינלעך, וואָס ער האָט געהאַט אַ שיינע און הויכע פיגור, נאָך צוויי טרעפונגען האָט ער איר דערעסן, און זי האָט אים אַוועקגעוואָרפן, און צי האָט ער בכן — האָט זי איצט געטראַכט — נישט קיין רעכט צו באַגיין זיך מיט איר, ווי אים געפעלט?"

— דאָ, טייבעלע, וועל איך זיך מיט דיר געזעגענען, — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, זיך אָפּשטעלנדיק. — דיך וועט צופירן איליאַ מיכאַיליטש.

ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר קירילינען, שנעל דורכגעשניטן דעם בולוואַר און איז דורכגעגאַנגען די גאַס צו שעשקאָווסקיס הויז, וווּ ס'זענען געווען באַלויכטן די פענצטער, און מען האָט נאָכדעם געהערט, ווי ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער פורטקע.

— דערלויבט מיר צו דערקלערן זיך מיט אייך — האָט אָנגעהויבן קירילין. — איך בין נישט קיין יינגל, נישט עפּעס קיין אַטשקאַסאָוו, אָדער לאַטשקאַסאָוו, זאַטשקאַסאָוו... איך פאָדער ערנסטע אויפמערקזאַמקייט.

באַ נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ. זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

— אייער שאַרפע ענדערונג אין דער באַציונג צו מיר האָב איך תחילת אויסגעטייטשט מיט קאָקעטעריע, — האָט פאָרגעזעצט קירילין. — איצט אָבער זע איך, אַז איר קענט זיך פשוט נישט

האַלטן מיט קיין אָרנטלעכע מענטשן. אייך האָט זיך פּשוט געגלוסט אַ שפּיל צו טון מיט מיר, ווי מיט דעמדאָזיקן יינגל דעם אַרמע־נער, אָבער איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש און פאָדער, אַז מען זאָל זיך מיט מיר באַגיין, ווי מיט אַן אָרנטלעכן מענטש. אַלזאָ, איך בין גרייט אייך צו דינען...

— ס'איז מיר אומעטיק... — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ און זיך צעוויינט; זי האָט זיך אָוועקגעדרייט צו באַהאַלטן די טרערן.

— מיר איז אויך אומעטיק, וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען?

קירילין האָט געשוויגן אַ ווײַלע און געזאָגט דייטלעך און אַקצענטירנדיק:

— איך חזר איבער, מאַדאַם, אַז אויב איר וועט מיר נישט געבן הײַנט קיין ראַנדעוווּ, וועל איך נאָך הײַנט אייך מאַכן אַ סקאַנדאַל.

— לאָזט מיך הײַנט אָפּ, — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ און נישט דערקענט איר שטימע, אַזוי רחמנותדיק און דין איז זי געווען.

— איך דאַרף אייך אָנלערנען... אַנטשולדיקט פאַר דעם גראָבן טאָן, נאָר איך מוז אייך אָנלערנען. יאָ, לײַדער מוז איך אייך אָנלערנען. איך פאָדער צוויי ראַנדעוווּס; הײַנט און מאָרגן. איבערמאָרגן זענט איר אינגאַנצן פרײַ און קענט זיך גיין, וווּ אייך געפעלט און מיט וועמען אייך גלוסט זיך. הײַנט און מאָרגן.

נאַדיעזשדאַ פּעדאָראָוונאַ איז צוגעגאַנגען צו איר פורטקע און זיך אָפּגעשטעלט.

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט זי געפּליסטערט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער און נישט זעענדיק פאַר זיך אין דער פינצטער קיין שום זאַך, אַ חוץ קירילינס ווײַסער בלוזע. — איר זענט גערעכט, איך בין אַ שרעקלעכע פרוי... איך בין שולדיק, נאָר לאָזט מיך אָפּ... איך בעט אייך... — זי האָט זיך צוגערירט צו זײַן קאַלטער האַנט און אויפגעציטערט. — איך בעט אייך...

— לײַדער! — האָט אָפּגעזיפצט קירילין — לײַדער! ס'איז

איצט נישט אין מיינע כוונות אייך אָפּצולאָזן, איך וויל אייך נאָר אָנלערנען, געבן צו פאַרשטיין, און, אגב, מאַדאַם, גלייב איך צו ווייניק פרויען.

— ס'איז מיר אומעטיק. . .

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט זיך צוגעהערט צום גלייכמעסיקן גערויש פון ים, אַ קוק געטון אויפן הימל. וואָס איז באַשיט געווען מיט שטערן, און איר האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער פאַרענדיקן מיט אַלעמען און באַפרייען זיך פון דעם פאַרשאָלטענעם געפיל פונם לעבן, מיט זיין ים, מיט די שטערן, מיט די מענער, מיטן פיבער. . .

— נאָר נישט באַ מיר אין שטוב. . . — האָט זי געזאָגט קאַלט. — פירט מיך אַוועק ערגעץ-ווו.

— לאָמיר גיין צו מיורידאָוון. דאָס וועט זיין צום בעסטן.

— ווו איז דאָס?

— לעבן דעם אַלטן וואַל.

זי האָט זיך געלאָזט גיין שנעל איבער דער גאַס און נאָכדעם האָט זי זיך פאַרקירעוועט אין אַ געסל, וואָס האָט געפירט צו די בערג. ס'איז געווען פינצטער, ווו-נישט-ווו אויפן ברוק זענען געלעגן בלאַסע ליכטיקע פאַסן פון באַלויכטענע פענצטער, און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז, ווי אַ פליג, וואָס אָט פאַלט זי אַריין אין טינט, אָט קריכט זי ווידער אַרויס אויף דער שיין. קירילין איז געגאַנגען הינטער איר. אויף איין אָרט האָט ער זיך אַ שטרויכל געטון, שיעור נישט אומגעפאַלן און זיך צעלאַכט.

„ער איז שכור. . . — האָט אַ קלער געטון נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. — אַלץ איינס. . . אַלץ איינס. . . זאָל".

אַטשמיאַנאָוו האָט אויך באַלד זיך געזעגנט מיט דער קאָמפאַניע און איז געגאַנגען נאָך נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען, כדי זי איינצולאַדן זיך שיפן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר הויז און אַ קוק געטון דורכן גערטל: די פענצטער זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלט, קיין פייער איז נישט געווען.

— נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ! — האָט ער אַ רוף געטון.

ס'איז אַריבער אַ מינוט. ער האָט ווידער אַ רוף געטון.

— וואָס איז דאָרט? — האָט זיך דערהערט אַלגאַס קול.

— נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ איז אינדערהיים?

— נישטאָ, נאָך נישט געקומען.

„מאָדנע, זייער מאָדנע, — האָט אַ קלער געטון אַטשמיאַנאָוו, אָנהייבנדיק שפירן אַ שטאַרקע אומרויִקייט. — זי איז דאָך געגאַנגען אַהיים...“

ער איז זיך איבערגעגאַנגען איבערן בולוואַר, נאָכדעם איבער דער גאַס און אַריינגעקוקט צו שעשקאָווסקין אין די פענצטער. לאַיעווסקי איז אָן אַ רעקל געזעסן באַם טיש און אויפמערקזאַם געקוקט אין די קאָרטן אַריין.

— מאָדנע, זייער מאָדנע, — האָט אַ מורמל געטון אַטשמיאַנאָוו, און דערמאַנענדיק זיך אָן לאַיעווסקיס היסטעריק, האָט ער דערפילט אַ בושה. — אויב זי איז נישטאָ אינדערהיים, טאָ ווו איז זי?

ער איז ווידער צוגעגאַנגען צו נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונעס דירה און אַ קוק געטון אויף די פינצטערע פענצטער.

„דאָס איז אַ שווינדל, אַ שווינדל...“ — האָט ער געטראַכט, דערמאַנענדיק זיך, אַז זי אַליין האָט היינט באַכמיטאָג, בשעת זי האָט זיך מיט אים געטראָפן באַ די ביטיוגאָווס, אים צוגעזאָגט צו שיפן זיך צוזאַמען אינאָוונט אין אַ לאָדקע.

די פענצטער איבם הויז, ווו קירילין האָט געוווינט, זענען געווען פינצטער, און באַ די טויערן אויף אַ בענקעלע איז געזעסן אַ פּאָליציאַנט און געשלאָפן. ווען אַטשמיאַנאָוו האָט אַ קוק געטון אויף די פענצטער און אויפן פּאָליציאַנט, איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט באַשלאָסן צו גיין אַהיים און אָנגעהויבן גיין, נאָר ער איז ווידער אויסגעקומען לעבן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונעס דירה. דאָ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקעלע און אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, שפירנדיק, אַז זיין קאָפּ ברענט פון איפערזוכט און באַליידיקונג.

אין דער שטאָטישער קירכע האָט דער זייגער געשלאָגן נאָר צוויי מאָל אין מעת־לעת: צוועלף באַטאָג און צוועלף באַנאַכט. אינגיכן נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, האָבן זיך דערהערט אײליקע טריט.

— אַלזאָ, מאָרגן אינאָוונט ווידער בײַ מיזורידאָוון! — האָט אַטשמיאַנאָוו דערהערט און דערקענט קירילינס קול. — אַכט אַזײ־גער. צום ווידערזען!

לעבן גערטל האָט זיך באַוויזן נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ. נישט באַמערקנדיק, אַז אויפן בענקל זיצט אַטשמיאַנאָוו, איז זי דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים, ווי אַ שאָטן, געעפנט די פֿורטקע און, איבערלאָזנדיק זי אָפן, איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין הויז. בײַ זיך אין צימער האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט, זיך שנעל אויסגעטון, אָבער זיך נישט געלייגט אין בעט אַרײַן, נאָר זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר אַ שטול אויף די קניען, זי אַרומגענומען און צוגעפאַלן צו איר מיטן שטערן.

לאַיעווסקי האָט זיך אומגעקערט אַהיים דרײַ אַ זייגער.

## XV

באַשליסנדיק צו זאָגן ליגנט נישט מיטאַמאָל, נאָר צוביסלעך, איז לאַיעווסקי צומאָרגנס, אַרום צוויי אַ זייגער, אַוועק צו סאַמאָי־לענקאָן בעטן געלט, כדי אומבאַדינגט אַוועקצופאָרן שבת. נאָך די נעכטיקע ספּאַזמען, וועלכע האָבן צו זײַן שווערן געמיט־צושטאַנד נאָך מוסיף געווען אַ שאַרף בושה־געפיל, איז שוין נישט מעגלעך געווען צו פאַרבלייבן אין שטאָט. אויב סאַמאָילענקאָ וועט זיך אײַנ־שפּאַרן אויף זײַנע באַדינגונגען, האָט ער געקלערט, וועל איך אײַנשטימען אויף זיי און נעמען דאָס געלט, און מאָרגן, אין דער לעצטער שעה פאַרן אָפּפאָר, זאָגן, אַז נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ

האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן; אינגאַנצן ווייסט מען איר קענען איינ־רעדן, אַז דאָס אַלץ וועט געטון אַזוי פאַר איר טובה וועגן. אויב אָבער סאַמאָילענקאָ, וועלכער געפינט זיך אונטער דער באַשייַ־פערלעכער ווירקונג פון פאָן־קאָרענען, וועט זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן צו געבן געלט, אָדער פאַרלייגן גייע באַדינגונגען, וועט ער, לאַ־יעווסקי, נאָך היינט אַוועקפאָרן אויף אַ משא־דאַמפער אָדער אפילו אויף אַ זעגל־שיף קיין נייַ־אַטאָן, אָדער נאָוואָראָסעיסק, וועט פון דאָרטן אַרויסשיקן אַ תחנונימדיקע דעפּעשע צו דער מוטער און וועט זיך דאָרט אויפהאַלטן אַזוי לאַנג, ביזוואַנען די מוטער וועט אים נישט אַרויסשיקן אויף הוצאות.

ווען ער איז אַרייַנגעקומען צו סאַמאָילענקאָ, האָט ער גע־טראָפן פאָן־קאָרענען. דער זאָאָלאָג איז נאָר־וואָס געקומען אויף מיטאָג און, ווי געוויינלעך, געזעסן איבערן צעעפנטן אַלבאָם און באַטראַכט די מענער אין צילינדערס און די דאַמען אין טשיפּע־קעס.

„פּונקט געטראָפן, — האָט אַ קלער געטון לאַיעווסקי, דער־זעענדיק אים. — ער קאָן שטערן“. — גוט מאָרגן!

— גוט מאָרגן, — האָט געענטפערט פאָן־קאָרען, נישט קוקנדיק אויף אים.

— אַלעקסאַנדער דאַווידיטש איז אינדערהיים?

— יאָ, אין קיך.

לאַיעווסקי איז אַרייַנגעגאַנגען אין קיך, נאָר זעענדיק אין דער טיר, אַז סאַמאָילענקאָ איז פאַרנומען מיט די שאַלאַטן, האָט ער זיך אומגעקערט אין זאַל און זיך אַנידערגעזעצט. אין זאָאָ־לאָגס אַנוועזנהייט האָט ער תמיד געפילט אַ פאַרלעגנהייט. און אַצינד האָט ער מורא געהאַט, אַז ס׳וועט אויסקומען צו רעדן וועגן דער היסטעריק. ס׳איז אַריבער העכער אַ מינוט אין שווייגן. פאָן־קאָרען האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן די אויגן אויף לאַיעווסקין און געפרעגט:

— ווי פילט איר זיך נאָך דעם נעכטיקן?

— אויסגעצייכנט, — האָט געענטפערט לאַיעווסקי, רויט



From the Library of
H. ZEMELMAN

ווערנדיק. — אייגנטלעך, איז דאָך נישט געווען קיין שום באַזונ־דערס...

— ביז נעכטן האָב איך געמיינט, אַז ספּאַזמען קומען פּאָר נאָר בײַ דאַמען, און דעריבער האָב איך תּחילת געקלערט, אַז בײַ אייך איז אַ טאַנץ פון הייליקן וויט.

לאַיעווסקי האָט נושא־פּנימדיק אַ שמייכל געטון און גע־קלערט:

„ווי נישט דעליקאַט דאָס איז פון זיין זייט. ער ווייסט דאָך אויסגעצייכנט, אַז מיר איז שווער"... — יאָ ס'איז געווען אַ קאָ־מישע געשיכטע, — האָט ער געזאָגט, ווייטער שמייכלענדיק. — איך האָב היינט דעם גאַנצן פרימאָרגן געלאַכט. דער קוריאָז אין אַ היסטערישן אַטאַק איז, וואָס דו ווייסט, אַז ס'איז אומגעלומפּערט, און דו לאַכסט דערפון בײַ דיר אין דער נשמה און אין דערזעל־בער צייט יאָמערסטו. אין אונזער נערוועזישער עפּאָכע זענען מיר קנעכט פון אונזערע נערוון; זיי זענען אונזערע באַלעבאַטים און טוען מיט אונז, וואָס זיי ווילן. די ציוויליזאַציע האָט אין דעם פּרט אונז געטון אַ בערישע טובה.

לאַיעווסקי האָט גערעדט, און אים איז אומאָנגענעם געווען, וואָס פאָן־קאָרען האָרכט אים אויס ערנסט און אויפמערקזאַם און קוקט אויף אים אויפמערקזאַם, נישט געבנדיק קיין ריר מיטן אויג, גלייך ער וואָלט אים שטודירט; אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין אומסימפּאַטיע צו פאָן־קאָרענען, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיין פּנים דעם נושא־פּנימדיקן שמייכל.

— הגם, כ'דאַרף מודה זיין, — האָט ער פאַרגעזעצט — ס'זענען אויך געווען דירעקטע סיבות פון דעם אַטאַק און טאַקע גענוג וויכטיקע. די לעצטע צייט האָט מיין געזונט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטון. לייגט צו דערצו דעם אומעט, דעם כּסדרדיקן געלט־מאַנגל... דאָס פעלן פון מענטשן און אַלגעמיינע אינטערעסן... ס'איז אַ לאַגע נישט קיין פרייליכע.

— יאָ, אייער לאַגע איז אַן אומאויסגעגלעכע, — האָט גע־זאָגט פאָן־קאָרען.

דידאָזיקע רייקע, קאַלטע ווערטער, וואָס האָבן אַנטהאַלטן אין זיך איראָניע און אַן אומגעבעטענע נביאות, האָבן באַליידיקט לאַיעווסקין. ער האָט זיך דערמאַנט דעם זאַװלאָגס נעכטיקן בליק, פֿול מיט איראָניע און עקל, האָט געשוויגן אַ ווײַלע און געפֿרעגט, שוין אָן אַ שמייכל:

— און פֿונוואַנען איז אײַך באַוווּסט מײַן לאַגע?

— איר האָט אַקאָרשט אַליין גערעדט וועגן דעם, און אײַערע פֿרײַנד נעמען אַזאַ הייסן אָנטייל אין אײַער לאַגע, אַז אַ גאַנצן טאָג הערט מען בלויז וועגן אײַך.

— וואָס פֿאַר אַ פֿרײַנד? סאַמאָילענקאָ, צי וואָס?

— יאָ, ער אויך.

— איך וואָלט געבעטן אַלעקסאַנדער דאַווידיטשן און בכלל מײַנע פֿרײַנד וואָס ווייניקער זיך צו זאָרגן וועגן מיר.

— אָט גייט סאַמאָילענקאָ, בעט אים, אַז ער זאָל זיך ווייניקער זאָרגן וועגן אײַך.

— איך פֿאַרשטיי נישט אײַער טאָן... — האָט אַרויסגעמורמלט לאַיעווסקי; אים האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ געפֿיל, ווי ער וואָלט ערשט איצט תּופֿס געווען, אַז דער זאָװלאָג האַסט אים, פֿאַראַכט אים, מאַכט פֿון אים חוזק און אַז דער זאָװלאָג איז דער ערגסטער און פֿאַרביסנסטער שונא זײַנער. — באַהאַלט דעמדאָזיקן טאָן פֿאַר עמעצן אַנדערש — האָט ער געזאָגט שטיל, נישט זייענדיק בכּוח צו רעדן הויך פֿון דער שׂנאה, וועלכע האָט שוין געדריקט זײַן ברוסט און האַלז, ווי נעכטן דער פֿאַרלאַנג צו לאַכן.

סאַמאָילענקאָ איז אַרײַנגעקומען אָן דעם סורדוט, אַ פֿאַרשוויצטער און פֿאַרפֿלאַמטער פֿון דער היץ אין קיך.

— אַ, דו ביסט דאָ? — האָט ער געזאָגט. — גוט מאָרגן, ליבער, האָסט שוין געגעסן מיטאָג? אָן צערעמאָניעס, זאָג: האָסט געגעסן?

— אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, אויפֿשטייענדיק, — אויב איך האָב זיך געווענדט צו דיר מיט אַן

"ינטימער בקשה, הייסט דאָס נישט, אַז איך האָב דיך באַפרייט פון דער פליכט צו זיין באַשיידן און שעצן פרעמדע סודות.

— וואָס איז אַזעלכעס? — האָט זיך פאַרוווּנדערט סאַמאָילענקאָ.

— אויב דו האָסט נישט קיין געלט — האָט פאַרגעזעצט לאַיעווסקי מיט אַ העכערן טאָן און פון אויפרעגונג טופּענדיק מיט די פיס — טאָ גיב נישט, זאָג אָפּ, נאָר נאָכוואָס צעטראָגן די בשׂורה אין יעדן געסל, אַז מיין לאַגע איז אומאויסגעבנגלעך און אַז.. וו.? דידאָזיקע חסדים און פריינדלעכע טובות, ווען מען טוט פאַר אַ צווייער, און מען רעדט פאַר אַ רובל, קען איך נישט ליידן. דו קענסט זיך באַרימען מיט דיינע חסדים, וויפיל דיר גלוסט זיך, נאָר קיינער האָט דיר נישט געגעבן קיין רעכט צו פאַרעפנטלעכן מיינע סודות!

— וואָס פאַר אַ סודות? — האָט געפרעגט סאַמאָילענקאָ, גאַפנדיק און אָנהייבנדיק בייז צו ווערן. — אויב ביסט געקומען זיך זידלען, טאָ גיי אַוועק, וועסט שפּעטער קומען!

ער האָט זיך דערמאַנט דעם כּלל, אַז ווען דו ווערסט אין כּעס אויף דיין נאָענטן, הייב אָן אין געדאַנק צו ציילן ביז הונדערט און וועסט דיך באַרויִקן; און ער האָט אָנגעהויבן שנעל ציילן.

— איך בעט אייך נישט צו זאָרגן זיך וועגן מיר! — האָט פאַרגעזעצט לאַיעווסקי. — אינטערעסירט זיך נישט מיט מיר. וועמעס דאגה איז עס צו מיר און צו דעם, ווי אַזוי איך לעב? יאָ, איך וויל אַוועקפאָרן! יאָ, איך מאַך חובות, איך טרינק, כ'לעב מיט אַ פרעמד ווייב, כ'האָב היסטעריק, איך בין באַנאַל, נישט אַזוי טיפזיניק, ווי אַנדערע, אָבער וועמעס דאגה איז דערצו? האָט דרך-ארץ פאַר דער פּערזענלעכקייט!

— דו, ברודער, אַנטשולדיק — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, אָפּציילנדיק פינף און דרייסיק — אָבער...

— האָט דרך-ארץ פאַר דער פּערזענלעכקייט! — האָט אים איבערגעשלאָגן לאַיעווסקי. — דידאָזיקע כּסדרדיקע שמועסן אויף יענעמס חשבון, די אָכצן און יאָכצן, די כּסדרדיקע אויסשפּירונ-

גען, אונטערהערעכצן, דאָס פריינדלעכע מיטפילן... אויף כפרות מען באָרגט מיר געלט און מען לייגט מיר פאַר באַדינגונגען, ווי אַ יינגעלע! מען טראַקטירט מיך, דער טייוול ווייסט ווי אַזוי! איך וויל גאָרנישט! — האָט לאַיעווסקי אַ געשריי געטון, וואַקלענדיק זיך פון אויפרעגונג און מורא האָבנדיק, אַז בײַ אים זאָל ווידער נישט אויסברעכן קיין היסטעריק. „הייסט עס, שבת וועל איך שוין נישט אַוועקפאָרן", האָט אים דורכגעבליצט אין מוח. — איך וויל גאָרנישט! נאָר כ׳בעט אייך, טוט מיר די טובה, באַפרייט מיך פון אייער אַפּטרופּסות. איך בין נישט קיין יינגעלע און נישט קיין משוגענער און כ׳בעט אַראָפּצונעמען פון מיר דידאָזיקע השגחה!

ס׳איז אַריינגעקומען דער דיאַקאָן און דערזעען לאַיעווסקין, ווי ער שטייט אַ בלאַסער, מאַכט מיט די הענט און ווענדט זיך מיט זיין אויסטערלישער ריידע צום פּאָרטרעט פון פירשט וואָראָנצאָוו און ער איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר, ווי אַ צוגעשמידטער.

— דאָס אומאויפהערלעכע אַריינקוקן אין מיין נשמה — האָט פאָרגעזעצט לאַיעווסקי — באַליידיקט אין מיר מיין מענטשלעכע ווירדע, און כ׳בעט די אייגנוויליקע דעדעקטיוון אַ סוף צו מאַכן צו זייער שפּיאָנירן! גענוג!

— וואָסט האָסטו... וואָס האָט איר געזאָגט? — האָט געפרעגט סאַמאָילענקאָ, האָבנדיק צוגעציילט ביז הונדערט; ער איז געוואָרן צונטער־רויט און צוגעגאַנגען צו לאַיעווסקין.

— גענוג! — האָט איבערגעחזרט לאַיעווסקי, סאָפּענדיק און נעמענדיק דאָס היטל.

— איך בין אַ רוסישער דאָקטאָר, אַן אדלמאַן און שטאַטסראַט! — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט. — קיין שפּיאָן בין איך קיינמאָל נישט געווען און וועל קיינעם נישט דערלויבן מיך צו באַליידיקן! — האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַן איבערגעריסענער שטימע. — שווייגט!

דער דיאַקאָן, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען דעם דאָקטאָר אַזאַ חשיבותדיקן, אָנגעבלאָזענעם, צעפלאַמטן און שרעק-

לעכן, האָט זיך פאַרשטאָפּט דאָס מויל, איז אַרויסגעלאָפן אין פּאָדערצימער און זיך געגומען קייקלען פון געלעכטער. אַזוי ווי גיין אַ נעפּל האָט לאַיעווסקי געזען, ווי פאָן-קאָרען איז אויפגעשטאַנען און, אַרייננרוקנדיק די הענט אין די קעשענעס פון די הויזן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט געוואַרט, וואָס ווייטער וועט זיין; דידאָזיקע רויִקע פּאָזע האָט זיך אויסגעוויזן לאַיעווסקין אין העכסטן גראַד עזותדיק און באַליידיקענד.

— באַווייליקט צוריקצונעמען אייערע ווערטער! — האָט אַ געשריי געטון סאַמאָיילענקאָ.

לאַיעווסקי, וועלכער האָט שוין גישט געדענקט, וואָסערע ווערטער ער האָט געזאָגט, האָט געענטפערט:

— לאָזט מיך צורו! איך וויל גאָרנישט! איך וויל בלויז, אַז איר און די דייטשישע אויסוואַנדערער פון יידישער אָפּשטאַמונג זאָלן מיך לאָזן צורו! אַנדערש וועל איך אָננעמען מיטלען! איך וועל זיך שלאָגן!

— אַצינד איז פאַרשטענדלעך — האָט געזאָגט פאָן-קאָרען, אַפּעראַגייענדיק פון טיש. — דעם הער לאַיעווסקין ווילט זיך פאַרן אַוועקפאָר זיך פאַרווײַלן מיט אַ דועל. איך קען אים צושטעלן דאָס פאַרגעניגן. הער לאַיעווסקי, איך נעם אָן אייער אַרויסרוף.

— דעם אַרויסרוף? — האָט שטיל אַ זאָג געטון לאַיעווסקי, צוגייענדיק צום זאָאָלאָג און קוקנדיק אויף זיין טונקעלן שטערן און געקרויזלטע האָר. — דעם אַרויסרוף? אדרבא! איך האַס אייך! איך האַס!

— כ'בין זייער צופרידן. מאָרגן באַלד אינדערפרי לעבן קערבאַלאַיען, מיט אַלע פּרטים לויט אייער געשמאַק. און אַצינד פאַרנעמט אייך.

— איך האַס! — האָט שטיל געזאָגט לאַיעווסקי, שווער עטעמענדיק. — איך האַס שוין לאַנג! אַ דועל! יאָ!

— נעם אים צו, אַלעקסאַנדער דאַווידיטש, אַנישט גיי איך אַוועק, — האָט געזאָגט פאָן-קאָרען, — ער וועט מיר אַ ביס טון.

פאָן-קאָרענס רויִקער טאָן האָט אָפּגעקילט דעם דאָקטאָר;

ער איז מיטאַמאָל געקומען צו זיך, האָט זיך באַזינען, מיט בײדע הענט אָנגענומען לאַיעווסקין בײַ דער טאַליע און, אַוועקפירנדיק אים פון זאַלאַג, האָט ער אַרויסגעמורמלט מיט אַ ליבלעך, פון אויפרעגונג ציטערנדיק קול:

— פרײַנד מײַנע... גוטע, האַרציקע... מיר האָבן זיך געהיצט אַ ביסל... און גענוג... פרײַנד מײַנע...

דערהערנדיק די ווײכע, פרײַנדלעכע שטימע, האָט לאַיעווסקי דערשפּירט, אַז אין זײַן לעבן איז נאָרוואָס פאָרגעקומען עפּעס אומגעווײנלעכס, אויסטערלישס, ווי ס'וואָלט אים אָקאָרשט שיער נישט צעקוועטשט אַ באַן; ער האָט זיך שיער נישט צעווײנט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

„פילן אויף זיך יענעמס שנאה, אַרויסווײַזן זיך פאַר דעם מענטש, וואָס האַסט דיך, אין אַזאַ נעבעכדיקער, דערנידעריקטער, אומבאַהאָלפענער פאָרם, גאָט מײַנער, ווי שווער דאָס איז! — האָט ער געטראַכט אַ ביסל שפּעטער, בשעת ער איז געזעסן אין פאַוויליאָן און געשפּירט ממש ווי אַ זשאַווער אויפן לײַב פון דער אָקאָרשט איבערגעלעבטער פרעמדער שנאה. — ווי גראָב דאָס איז, גאָט מײַנער!”

דאָס קאַלטע וואַסער מיטן קאָניאַק האָט אים אויפגעמונטערט עד האָט זיך בולט פאָרגעשטעלט דאָס רויקע, גאווהדיקע פּנים פון פאָן-קאָרענען, זײַן נישטיקן בליק, זײַן בלוזע, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ טעפּיך, זײַן שטימע, די ווײַסע הענט — און אַ שווערע שנאה, אַ לײַדנשאַפטלעכע, אַ הונגעריקע האָט זיך אַ רודער געטון אין זײַן ברוסט און געפאָדערט אַ באַפרידיקונג. ער האָט אין געדאַנק אומגעוואָרפן פאָן-קאָרענען אויף דער ערד און אָנגעהויבן אים טרעטן מיט די פיס. ער האָט זיך דערמאַנט ביז די קלענסטע פרטים אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען, און האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי ער האָט עס געקענט נושא-פּנימדיק שמײכלען צו אַ נישטיקן מענטש און בכלל זיך אינטערעסירן מיט דער מײנונג פון קלײנטשיקע, אימבאַקאַנטע מענטשעלעך, וואָס וווינען אין אַ נישטיק שטעטל, וועלכעס איז, דאַכט זיך, אויף דער מאַפּע

נישטאָ און וועגן וועלכן אין פּעטערבורג ווייסט נישט קיין שום אָרנטלעכער מענטש. ווען דאָסדאָזיקע שטעטל, מ'שטיינס געזאָגט, וואָלט פּלוצלינג איינגעזונקען געוואָרן, אָדער פאַרברענט געוואָרן, וואָלט מען די טעלעגראַמע וועגן דעם איבערגעלייענט אין רוסלאַנד פּונקט מיט אַזאַ לאַנגווייליקייט, ווי אַ מעלדונג וועגן פאַרקויפן אָפּגענוצט מעבל. דערהרגענען מאָרגן פאָן־קאָרענען אָדער לאָזן אים לעבן — דאָס איז אַלץ איינס, גלייך אומנוצלעך און נישט אינטערעסאַנט. שיסן אים אין אַ פוס אַריין, אָדער אין אַ האַנט אַריין, פאַרווונדן, נאָכדעם זיך אויסלאַכן פון אים, און ווי אַ ווערעמל מיט אַן אָפּגעריסן פיסל ווערט פאַרלוירן אין גראָז, אַזוי זאָל ער אויך מיט זיין שטילן שמערץ פאַרלוירן גיין דערנאָך אינם המון פון פּונקט אַזעלכע נישטיקע מענטשן, ווי ער איז אַליין.

לאַיעווסקי איז אַוועק צו שעשקאָווסקין, האָט אים דערציילט וועגן אַלעמען און אים איינגעלאַדן אַלס סעקונדאַנט; נאָכדעם זענען זיי ביידע אַוועקגעגאַנגען צום אָרטיקן שעף פון פּאָסט און טעלעגראַף, האָבן אים אויך איינגעלאַדן אַלס סעקונדאַנט און זענען געבליבן בײַ אים אויף מיטאָג. בײַם מיטאָג האָט מען אַ סך געשפּאַסט און געלאַכט. לאַיעווסקי האָט זיך געחכמהט דערפון, וואָס ער קען כמעט אינגאַנצן נישט שיסן, און האָט זיך אָנגערופן קעניגלעכער שיסער און ווילהעלם טעל.

— מען דאַרף דעם הער אָנלערנען... — האָט ער געזאָגט.

נאָכן מיטאָג האָט מען זיך געזעצט שפּילן אין קאָרטן. לאַיעווסקי האָט געשפּילט, געטרונקען ווײַן און געקלערט, אַז אַ דועל איז בכלל נאַריש און זינלאָז, וואָרים ער אַנטשיידט נישט די פראַגע, פאַרוויקלט זי נאָך מער, נאָר אין טייל פאַלן קען מען זיך אָן דעם נישט באַגיין. למשל, אין איצטיקן פאַל: וועסט דאָך נישט אָנגעבן אויף פאָן־קאָרענען אין געריכט! און דער פאָרשטייענדיקער דועל איז נאָך דערמיט גוט, וואָס נאָכדעם וועט ער שוין נישט קענען פאַרבלייבן אין שטאָט. ער איז לייכט פאַרשיכורט געוואָרן, זיך צעשטרייט מיט די קאָרטן און זיך געפילט גוט.

נאָר ווען ס׳איז אונטערגעגאַנגען די זון און ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָט אים באַהערשט אַן אומרויקייט. דאָס איז נישט געווען קיין מורא פאַרן טויט, וואָרים כּל זמן ער האָט געגעסן מיטאָג און געשפּילט אין קאָרטן, איז איבער עפּעס אין אים געזעסן אַ זיכערקייט, אַז דער דועל וועט זיך מיט גאָרנישט ענדיקן; דאָס איז געווען אַ שרעק פאַר עפּעס אומבאַוווּסטס, וואָס דאַרף געשען מאָרגן אינדערפרי, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, און אַ פּחד פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט... ער האָט געוווּסט, אַז די נאַכט וועט זיין אַ לאַנגע, אַ שלאָפלאָזע און ס׳וועט אויסקומען צו טראַכטן נישט בלויז וועגן פאָן קאָרענען און זיין שנאה, נאָר אויך וועגן יענעם באַרג שקר, וואָס איז אים פאָרגעשטאַנען אַריבערצוגיין, און וואָס אים אויסצומיידן האָט ער נישט געהאַט קיין כּוח און קענטעניש. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט ראַפּטעם קראַנק געוואָרן; ער האָט פּלוצלינג פאַרלוירן איטלעכן אינטערעס צו די קאָרטן און צו די מעגטשן, נישט געקענט איינזיצן און אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל אים לאָזן אַהיימגיין. ס׳האָט זיך אים געוואָלט וואָס שנעלער זיך לייגן אין בעט אַריין, נישט באַוועגן זיך און צוגרייטן זיינע געדאַנקען צו דער נאַכט. שעשקאָווסקי און פאָן־קאָרען האָבן אים באַגלייט און זענען אַוועק צו פאָן־קאָרענען כּדי זיך דורכצורעדן מכּוח דעם דועל.

לעבן זיין דירה האָט לאַיעווסקי באַגעגנט אַטשמיאַנאָוון. דער יינגערמאַן איז געווען פאַרסאַפּעט און צערודערט;

— איך זוך אייך טאַקע, איוואַן אַנדרעיִטש! — האָט ער געזאָגט. — כ׳בעט אייך, קומט שנעלער.

— וווהין?

— ס׳וויל אייך זען אַ געוויסער אומבאַקאַנטער הער, וועלכער האָט צו אייך זייער אַ וויכטיקן ענין. ער בעט אייך שטאַרק צו קומען אויף אַ מינוט. ער דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן... עס איז פאַר אים פּשוט אַ לעבנספראַגע...

אַטשמיאַנאָוו האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט אין גרויס אויפרעגונג.

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט לאַיעווסקי.

— ער האָט געבעטן נישט צו זאָגן זיין נאָמען.

— זאָגט אים, אַז איך בין פאַרנומען. מאָרגן אויב עס וועט...

— ווי איז דאָס מעגלעך. — האָט זיך דערשראָקן אַטשמיאַנאָוו. — ער וויל אייך זאָגן אַזאַ וויכטיקע זאַך פאַר אייך... אַזאַ וויכטיקע! אויב איר וועט נישט גיין, וועט געשעען אַן אומגליק.

— מאָדנע... — האָט לאַיעווסקי אַ מורמל געטון, נישט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס אַטשמיאַנאָוו איז אַזוי צערודערט און וואָסערע סודות קענען עס זיין אין דעם לאַנגווייליקן, קיינעם נישט נייטיקן שטעטל. — מאָדנע — האָט ער איבערגעחזרט, זיך אײַבערלייגנדיק. — מילא, לאָמיר גיין. אַלץ איינס.

אַטשמיאַנאָוו האָט שנעל זיך געלאָזט פאָרויס, און ער נאָך אים. זיי זענען דורכגעגאַנגען די גאַס, נאָכדעם אָנגעהויבן גיין מיטן געסל.

— ווי לאַנגווייליק דאָס איז — האָט געזאָגט לאַיעווסקי.

— באַלד, באַלד... שוין נאָענט.

לעבן אַלטן וואַל זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ שמאָל געסל צווישן צוויי לײַדיקע אַרומגעצוימטע פּלעצער, נאָכדעם זענען זיי אַרײַנגעגאַנגען אין עפּעס אַ גרויסן הויף און זיך דערנענטערט צו אַ קליין הייזל...

— דאָס איז מיורידאָווס הויז, ניין?

— יאָ.

— פאַרוואָס־זשע גייען מיר דורך הינטערהייף, פאַרשטיי איך נישט? מיר האָבן דאָך געקאָנט דורך דער גאַס. דאָרט אַרום איז דאָך נענטער...

— גאָרנישט, גאָרנישט...

לאַיעווסקין האָט אויך אויסגעזען מאָדנע, וואָס אַטשמיאַנאָוו האָט אים צוגעפירט צום הינטערשטן גאַנג און אַ מאַך געטון צו אים מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אים געבעטן צו גיין שטילער און שווייגן.

— אַהער, אַהער... — האָט געזאָגט אַטשמיאַנאָוו, פאָרזיכטיק עפנענדיק די טיר און אַריינגייענדיק אין פאָדערהויז אויף די שפּיץ־פינגער. — שטילער, שטילער, איך בעט אייך... מ׳קאָן דערהערן.

ער האָט זיך צוגעהאָרכט, שווער געכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט שטילערהייט:

— עפנט אויף דידאָזיקע טיר און גייט אַריין... האָט נישט מורא.

לאַיעווסקי האָט, שטויגענדיק, אויפגעעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ צימער מיט אַ נידריקן סופיט און פאַרהאָנגענע פענצטער. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ ליכט.

— וועמען דאַרף מען? — האָט געפרעגט עמעצער אין דעם שכנותדיקן צימער. — דו ביסט עס, מיורידקאַ?

לאַיעווסקי האָט פאַרקירעוועט אין דעמדאָזיקן צימער אַריין און דערזען קירילינען און לעבן אים נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונען.

ער האָט נישט געהערט, וואָס מען האָט אים געזאָגט, האָט זיך צוריקגעצויגן הינטערווייליעכץ און נישט באַמערקט, ווי אַזוי ער איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס. דער האַס צו פאָן־קאָרענען און די אומרויקייט — אַלץ איז פאַרשוואונדן פון זיין נשמה. גייענדיק אַהיים האָט ער אומגעשיקט געמאַכט מיט דער רעכטער האַנט און אויפמערקזאַם זיך געקוקט אונטער די פיס, פלייסנדיק זיך צו גיין אויף גלייכע ערטער. אינדערהיים, אין קאַבינעט, האָט ער געריבן די הענט און כסדר געדרייט מיט די אַקסלען און האַלז, ווי ס׳וואָלט אים כלומרשט ענג געווען אין דער מאַרינאַרקע און אינם אויבערהעמד; ער איז געגאַנגען אַ ביסל הין און צוריק, נאָכדעם האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט און זיך אוועקגעזעצט באַם טיש...

## XVI.

זערך אין דערזעלבער צייט זענען פאָן־קאָרען און דער דיאַקאָן, אַרויסגייענדיק פון זאַלאַגס דירה, געגאַנגען איבער דער גאַס און לעבהאַפט געשמועסט צווישן זיך.

— הייסט עס, — האָט געפרעגט דער דיאַקאָן — ליבע באַשטייט דערין, אַז דער שטאַרקערער זאָל בייקומען דעם שוואַכערן?

— אָן ספק.

— און וואָס איז אַ קריטעריום וועגדט איר אָן באַם אונטערשיידן צווישן די שטאַרקע און שוואַכע?

— די וויסנשאַפט און דיווירקלעכקייט. פאָקן־קראַנקע און שקראָפלדיקע דערקענט מען לויט זייערע קראַנקייטן, און אוממאָראַלישע און משוגענע לויט זייערע מעשים.

— אָבער ס'זענען דאָך מעגלעך טעותים!

— יאָ, אָבער מען דאַרף נישט מורא האָבן צו פאַרגעצן זיך די פיס, ווען עס דראָט אַ מבול.

— דאָס איז פילאָזאָפיע — האָט אַ לאַך געטון דער דיאַקאָן.

— לחלוטין נישט. צוויי מאָל צוויי איז פיר, און אַ שטיין איז אַ שטיין. אָט איז באַ אונז מאָרגן אַ דועל. מירביידע קענען טענהן, אַז דאָס איז נאַריש און משוגהדיק, אַז דער דועל האָט שוין אָפּגעלעבט זיין צייט, אַז דער אַריסטאָקראַטישער דועל איז אין עצם מיט גאָרנישט בעסער פון אַ שכורים־געשלעג אין אַ שענק, און פונדעסטוועגן וועלן מיר זיך נישט אָפּשטעלן, מיר וועלן פאָרן און זיך שלאָגן. ס'איז בכן פאַרהאַן אַ כוח, וואָס איז שטאַרקער פון אונדזערע פלפולים. מיר שרייען, אַז די מלחמה איז — אַ

ציחה, אַ באַרבאַריזם, אַ גרויל, אַ ברידער־מאָרד, מיר קענען נישט אָן חלשות זעען בלוט; אָבער זאָלן נאָר די פראַנצויזן אָדער די דייטשן אונז באַליידיקן, ווי מיר וועלן באַלד אויפברויזן, מיר וועלן מיטן גאַנצן האַרצן אַ געשריי טון הוראַ און זיך וואַרפן אויפן פײַנד, איר וועט רופן גאָטס ברכה אויף אונזער געווער, און אונזער העלדישקייט וועט אַרויסרופן אַן אַלגעמיינעם און אויפריכטיקן ענטוזיאַזם. ווידער, בכן, פאַרהאַן אַ כּוח, וואָס איז — אויב נישט העכער — זיכער שטאַרקער פאַר אונז און אונזער פילאָזאָפיע. מיר קענען אים נישט אָפּשטעלן אַקוראַט אַזוי, ווי אָט די כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן פון ים. זייט זשע ערלעך, ווייזט נישט קיין פייג אין קעשענע און דערציילט נישט: „אַך נאַריש! אַך, פאַרעלטערט! אַך, נישט אין הסכם מיט דער הייליקער שריפט! נאָר קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, אָנערקענט זיין ראַציאָנעלע געזעצלעכקייט, און אויב דערדאָזיקער כּוח וויל, דהיינו, פאַרטיליקן דעם חלושדיקן, שקראָפלדיקן, אויסגעלאַסענעם שבט, איז שטערט אים נישט מיט אייערע פּילן און מיט ציטאַטן פון דער שלעכט פאַרשטאַנענער עוואַנגעליע.

דער זאָאָלאָג האָט געשוויגן אַ ווײַלע און פאַרגעזעצט:

— בײַ ליעסקאָוון איז פאַרהאַן אַ גוטהאַרציקער דאַנילאַ, וועלכער האָט געפונען הינטער דער שטאָט אַן אָנשטעקנד־קרעציקן און ער דערנערט אים און וואַרעמט אים אין נאָמען פון ליבע און קריסטלעכקייט. ווען דערדאָזיקער דאַנילאַ וואָלט באמת ליב געהאַט מענטשן, וואָלט ער אַוועקגעשלעפּט דעם קרעציקן ווייט פון שטאָט און וואָלט איס אַרײַנגעוואָרפן אין אַ ראָוו, און אַליין וואָלט ער אַהיימגעגאַנגען נוצלעך צו זיין די געזונטע. קריסטוס האָט אונז, מיין איך, געבאָטן ליב צו האָבן פאַרשטאַנדיק ראַציאָנעל און צוועקמעסיק.

— סאַראַ מענטש איר זענט! — האָט זיך צעלאַכט דער דיאַקאָן. — איר גלייבט דאָך נישט אין קריסטוסן, נאָכוואָס־זשע דערמאָנט איר אים אַזוי אָפט?

— ניין, איך גלייב. נאָר, נאַטירלעך, אויף מיין שטייגער, נישט אויף אייערן. אַך, דיאַקאָן, דיאַקאָן! — האָט זיך צעלאַכט

רער זאָלאָג; ער האָט אָנגענומען דעם דיאַקאָן באַ דער טאַליע און געזאָגט פריילעך: נו, וואָס? פאָרן מיר מאָרגן אויפן דועל.

— מיין שטעלונג דערלויבט נישט, אַנישט וואָלט איך געפאָרן.

— וואָס הייסט — די שטעלונג?

— איך בין אַ געהייליקטער. אויף מיר איז גאָטס גייסט.

— אַך, דיאַקאָן, דיאַקאָן — האָט איבערגעחזרט פאָן־קאָרען, לאַכנדיק. — איך האָב הנאה מיט אייך צו שמועסן.

— איר זאָגט — איר האָט אַ גלויבן, — האָט באַמערקט דער דיאַקאָן. — וואָס פאַר אַ גלויבן איז דאָס? אָט האָב איך געהאַט אַ לערער אַ פאָפּ, איז יענער גלייבט אַזוי, אַז ווען ער גייט אַרויס אין אַ טרוקעניש אויפן פעלד אויסבעטן אַ רעגן, נעמט ער זיך מיט אַ שירם און אַ לעדערן מאַנטל, כדי דער רעגן זאָל אים צוריקוועגס נישט דורכנעצן. דאָס הייסט אמונה! ווען ער רעדט וועגן קריסטוסן, לייכט ער אינגאַנצן און אַלע פויערטעס און פויערן וויינען אויפן קול. ער וואָלט דידאָזיקע כמאַרע אויך אָפּגעשטעלט און יעדן כוח אייערן געצווונגען צו מאַכן פליטה. יאָ... אמונה וועט אייך בערג איבערריקן.

דער דיאַקאָן האָט זיך צעלאַכט און אַ קלאַפּ געטון דעם זאָאָלאָג איבער דער פלייצע.

— אַזוי איז עס... — האָט ער פאָרגעזעצט. — אָט לערנט איר אַלץ, איר באַגרייפט דעם ים־אָפּגרונט קלויבט איבער די שוואַכע און די שטאַרקע, שרייבט ביכלעך און רופט אַרויס אויף דועלן — און אַלץ בלייבט אויף זיין אָרט; און קוקט, זאָל נאָר עפּעס אַ שוואַכינקער הייליקער זקן אַרויסזאָגן ברוח הקודש איין וואָרט, אָדער ס'זאָל פון אַראַביען אַ נייער מחמד קומען צו רייטן אויף אַ פערד מיט אַ שווערדל, און אַלץ וועט זיך באַ אייך איבערדרייען מיט די פיס אַרויף, און אין אייראָפּע וועט אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט פאַרבלייבן.

— נו, דיאַקאָן, דאָס זענען שוין פזמונות!

— אמונה אָן אַרבעט איז טויט, און אַרבעט אָן אמונה איז נאָך ערגער, ס'איז נישט מער, ווי בחנם פאַרלוירן צייט.

אויף דער ברעגנבאַס האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר. ער האָט דערזען דעם דיאַקאָן און דעם זאַאָלאָג און איז צוגע־גאַנגען צו זיי.

— דאַכט זיך, ס'איז אַלץ גרייט — האָט ער געזאָגט, סאַ־פּענדיק. — סעקונדאַנטן וועלן זיין גאַוואָראָווסקי און באָיקאָ. זיי וועלן פאַרפאָרן מאָרגן פינף אַזייגער. ווי ס'האָט עס אָנגעצויגן! — האָט ער געזאָגט, אַ קוק געבנדיק אויפן הימל. — מען זעט גאָר־נישט. ס'וועט באַלד רעגנען.

— דו, האָף איך, וועסט פאָרן מיט אונז? — האָט אַ פרעג געטון פאָן־קאָרען.

— ניין, גאָט באַהיט, איך בין אַזוי אויך פאַרמאַטערט. אָנ־שטאָט מיר וועט פאָרן אוסטימאָוויטש. איך האָב שוין גערעדט מיט אים.

ווייט איבערן ים האָט אַ בליץ געטון און ס'האָבן זיך דער־הערט געדעמפטע קנאַלן פון אַ דונער.

— ווי דושנע ס'איז פאַרן שטורעם! — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען. — איך געוועט זיך, אַז דו ביסט שוין געווען בא לאַיעווס־קין און געוויינט בא אים אויף דער ברוסט.

— נאָכוואָס וועל איך גיין צו אים? — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר זיך פאַרלירנדיק. — נאָדיר גאָר!

ביזן אָוונט איז ער עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבערן בולוואַר און איבער דער גאַס אין דער האָפנונג צו טרעפן זיך מיט לאַיעווסקין. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין אַרויסגיין פון די כלים און פאַר דעם ראַפּטעמדיקן אויסברוך פון גוטסקייט, וואָס איז גע־קומען גלייך נאָכדעם. ער האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פאַר לאַ־יעווסקין אין אַ וויציקן טאָן, אים אויסמוסרן, באַרויקן און אים זאָגן, אַז אַ דועל — איז אַן איבערבלייבעכץ פון מיטלאַלטערלעכן באַרבאַ־ריזם, נאָר גאָט אַליין האָט זיי אָנגעוויזן דעם דועל, ווי אויף אַ מיטל שלום צו מאַכן: מאָרגן וועלן זיי ביידע, די בעסטע מענטשן מיטן גרויסן שכל, זיך אויסטוישן מיט שאָסן, וועלן אָפּשאַצן איי־

בער דעם אַנדערנס איידלקייט און וועלן ווערן פריינד. אָבער ער האָט לאַיעווסקין נישט געטראָפן.

— נאָכוואָס וועל איך גיין צו אים? — האָט איבערגעחזרט סאַמאָילענקאָ. — נישט איך האָב אים באַליידיקט, נאָר ער מיך. זאָג אדרבא, פאַרוואָס האָט ער זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אים געטון? איך קום אַריין אין זאַל, און פלוצלינג, נישט מיר נישט דיר: שפּיאָן! נאַדיר און ווייס! זאָג מיר: פון וואָס האָט עס זיך באַ אייך אָנגעהויבן? וואָס האָסטו אים געזאָגט?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז זיין לאַגע איז אָן אַן אויסגאַנג. און איך בין גערעכט געווען. נאָר ערלעכע לייט און שווינדלער קענען געפינען אַן אויסוועג פון יעדער לאַגע. אָבער דער, וואָס וויל אין איין צייט זיין אי אַן ערלעכער מאַן, אי אַ שווינדלער, האָט נישט קיין אויסוועג. נאָר, מיינע הערן, ס'איז שוין עלף אַ זייגער, און מאָרגן דאַרפן מיר פרי אויפשטיין.

ס'איז רַפּטעם אָנגעפלויגן אַ ווינט; ער האָט אויפגעהויבן אויף דער ברעגנגאַס אַ שטויב, האָט אים גענומען דרייען אין אַ ווירבער, זיך צעברייטט און פאַרטויבט דעם גערויש פון ים.

— אַ שקוואַל — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן. — מען דאַרף גיין, ס'האָט מיר שוין די אויגן פאַרפרישעט.

ווען זיי האָבן אָנגעהויבן גיין, האָט סאַמאָילענקאָ אָפּגעזיפצט און געזאָגט צוהאַלטנדיק דאָס היטל:

— ווייזט אויס, כ'וועל היינט נישט שלאָפן.

— אָבער זיי זו נישט אויפגערעגט — האָט זיך צעלאַכט דער זאָאָלאָג. — מעגסט זיין רויק, דער דועל וועט זיך מיט גאָרנישט ענדיקן. לאַיעווסקי וועט גרויסמוטיק אויסשיסן אין דער לופט, ער קען אַנדערש נישט, און איך וועל, מסתמא, אינגאַנצן נישט שיסן. האָבן אויף זיך אַ פּראָצעס איבער לאַיעווסקין, פאַרלירן צייט — אַ שאָד דער קרבן פאַר אַזאַ חורבן. אגב, וואָס פאַר אַ שטראָף קומט פאַר אַ דועל?

— אַרעסט, און אין פאַל פון קעגנערס טויט — תפיסה ביז דריי יאָר.

— אין פעטראָפּאַוולאָווסקער?

— ניין, אין מיליטערישער, דאַכט זיך.

— הם, מ'וואָלט באַדאַרפט אָנלערנען דעמדאָזיקן חברה-מאַן.

הינטער זיי איבערן ים האָט אַ בליק געטון און אויף אַ רגע באַלויכטן די דעכער פון די הייזער און די בערג. לעבן בולוואַר זענען די חברים זיך צעגאַנגען. ווען דער דאָקטאָר איז פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש און ס'זענען שוין שטיל געוואָרן זיינע טריט, האָט פאָן-קאָרען צו אים אַ געשריי געטון:

— דאָס וועטער זאָל אונז נאָר מאָרגן נישט שטערן!

— גאָר מעגלעך! זאָל זיין צו גוטן!

— אַ גוטע נאַכט!

— וואָס — נאַכט? וואָס זאָגסטו?

פונם גערויש פון ווינט און פון ים און איבער די קנאַלן פון די דונערן איז שווער געווען צו דערהערן.

— גאָרנישט! — האָט אַ געשריי געטון דער זאָאָלאָג, אײלנ-דיק שנעל אַהיים.

# XVII

... אין מח, דערדריקט פון פיין און לייד,
זיך שפּאַרן פינצטערע געדאַנקען;
זכרונות שטיל צעוויקלען ברייט
אַ לאַנגע שריפט אין האַרץ דעם קראַנקן.
און מיט פאַראַכטונג לייענדיק דאָס לעבן מיינס,
ווערט פינצטער מיר,
מיין האַרץ נעמט ציטערן און שרעקן;

און כ׳שעלט און וויין פאַרביטערט לאַנג מיט טרערן
אָן אַ שיעור,
נאָר כ׳קען די שורות ניִשט אָפּמעקן.

פּושקין

. . . צי מען וועט אים מאָרגן דערהרגענען, אָדער מ׳וועט זיך אויסלאַכן פון אים, דאָס הייסט מען וועט אים איבערלאָזן דאָס לעבן, איז ער אַלץ איינס פאַרלוירן. צי וועט זיך דערהרגענען פון פאַרצווייפלונג און חרפּה דידאָזיקע מיט שאַנד באַדעקטע פרוי, אָדער זי וועט שלעפּן איר נעבעכדיקע עקזיסטענץ, איז זי אַלץ איינס פאַרלוירן. . .

אַזוי האָט געטראַכט לאַיעווסקי, זיצנדיק באַם טיש שפּעט אינאָוונט און ניִשט אויפהערנדיק נאָך אַלץ צו רייבן די הענט. דאָס פענצטער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעעפנט און אַ קלאַפּ געטון; אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטאַרקער ווינט און די פּאַפּירן זענען אַראָפּגעפלויגן פון טיש. לאַיעווסקי האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער און זיך איינגעבויגן צוזאַמענצונעמען פון דער פּאָדלאָגע די פּאַפּירן. ער האָט געשפּירט אין זיין קערפּער עפּעס נייעס, עפּעס אַן אומגעשיקטקייט, וואָס איז פריִער ניִשט געווען, און ער האָט ניִשט דערקענט זיינע באַוועגונגען; געגאַנגען איז ער ניִשט דרייסט, אַרויסשטופּנדיק אין די זייטן די עלנבויגנס און צוקנדיק מיט די אַקסלען, און ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו רייבן די הענט. זיין קערפּער האָט פאַרלוירן די בויגיקייט.

אַ טאָג פאַרן טויט דאַרף מען שרייבן צו די נאָענטע מענטשן. לאַיעווסקי האָט געדענקט וועגן דעם. ער האָט גענומען די פּעדער און אָנגעשריבן מיט אַ ציטערדיקער האַנט:

„מאַמעניו!"

ער האָט געוואָלט אָנשרייבן דער מוטער, אַז אין נאָמען פון באַרמהאַרציקן גאָט, אין וועלכן זי גלייבט, זאָל זי געבן אַ מקום־מנוחה און דערוואַרעמען מיט צערטלעכקייט די אומגליקלעכע, דורך אים קאָמפּראָמיטירטע פרוי, וואָס איז געבליבן אָן געלט, אָרעמע

און שוואַכע; אַז זי זאָל פֿאַרגעסן און מוחל זיין אַלץ, אַלץ, אַלץ און מיט דעם קרבן כאַטש טיילווייז אויסקויפֿן די שרעקלעכע זינד פֿונעם זון. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיין מוטער, אַ דיקע, שווערע זקנה, אין אַ טוליענעם טשיפּעק, גייט אַרויס אינדערפֿרי אין גאָרטן, און הינטער איר גייט די קאָמפּאַניאָנקע מיטן הינטל, ווי די מוטער שרייט מיט אַ באַפֿעלערישער שטימע אויפֿן גערטנער און אויך דער דינערשאַפֿט, און ווי שטאָלץ, גאַוודיק ס'איז איר פּנים, — ער האָט זיך דאָס דערמאַנט און פֿאַרשטראָכן דאָס אָנגעשריבענע וואָרט.

אין אַלע דריי פֿענצטער האָט העל אויפֿגעפֿלאַמט אַ בליץ, און גלייך נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ פֿאַרטויבנדער, קנאַלנדיקער קנאַק פֿון אַ דונער, צומערשט אַ דומפּער, און דערנאָך אַ הילכיק קייקלענדיקער און מיט אַ טראַסק, און אַזאַ שטאַרקער, אַז ס'האָבן אַ קלונג געטאָן די שויבן אין די פֿענצטער. לאַיעווסקי איז אויפֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און צוגעפֿאַלן מיטן שטערן צו דער שויב. אינדרויסן איז געווען אַ שטאַרקער, שיינער שטורעם. אויפֿן האָריזאָנט האָבן די בליצן, ווי ווייסע סטענגעס, אָן אויפֿהער זיך געוואָרפֿן פֿון די וואָלקנס אין ים אַריין און האָבן באַלויכטן אויף אַ ווייטן שטח די הויכע שוואַרצע כוואַליעס. און פֿון רעכטס און פֿון לינקס, און מסתמא אויך איבערן הויז האָבן פּסדר אויפֿגעלויכטן בליצן.

— אַ שטורעם! — האָט אַרויסגעפּליסטערט לאַיעווסקי; ער האָט געפֿילט אַ פֿאַרלאַנג מתפּלל צו זיין צו עמעצן, אָדער צו עפּעס, זאָל זיין — צום בליץ אָדער צו די וואָלקנס. — ליבער שטורעם!

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין דער קינדהייט איז ער בשעת אַ שטורעם אַרויסגעלאָפֿן אין בלויזן קאָפּ אין גאָרטן אַריין, און אים האָבן נאָכגעיאָגט צוויי בלאָנדהאָריקע מיידלעך מיט בלויע אויגן, און דער רעגן האָט זיי גענעצט; זיי האָבן הויך געלאַכט פֿון התפּעלות, נאָר ווען אַ דונער האָט אַ שטאַרקן קנאַל געטון, האָבן די מיידלעך מיט צוטרוי זיך געטוליעט צום יינגל, ער האָט זיך געצלמט און גיך געזאָגט: „קדוש, קדוש, קדוש...“ אָ, וווּ

הין זענט איר אַוועק, אין אַ וואַסערן ים זענט איר פאַרטרונקען געוואָרן, איר קערנדלעך פון אַ הערלעך, ריין לעבן? פאַר קיין שטורם האָט ער שוין איצט נישט קיין מורא און די נאַטור האָט ער נישט ליב, קיין גאָט פאַרמאָגט ער נישט, אַלע אומשולדיקע מיידלעך, וועלכע ער האָט נאָר ווען געקענט, זענען שוין איבערגעפירט געוואָרן דורך אים און זיינס גלייכן, אין דעם משפחהדיקן גאָרטן האָט ער פאַר זיין גאַנץ לעבן נישט פאַרזעצט קיין איין ביימל און נישט געהאָלפן אַרויסשפּראָצן קיין איין גרעזל, און לעבנדיק צווישן לעבעדיקע, האָט ער נישט אָפּגעראַטעוועט קיין איינציקע פליג, נאָר האָט בלויז צעשטערט, איבערגעפירט, און גענאַרט, גענאַרט. . .

„וואָס איז אין מיין פאַרגאַנגענהייט נישט קיין זינד?" — האָט ער זיך געפרעגט, באַמיענדיק זיך אָנצוכאַפּן אָן עפּעס אַ ליכטיקער דערינערונג, ווי איינער, וואָס פאַלט אין אַ תהום אַריין, כאַפּט זיך אָן די קוסטאַקעס.

די גימנאַזיע? דער אוניווערזיטעט? נאָר דאָס איז דאָך אַ שווינדל. ער האָט זיך שלעכט געלערנט און פאַרגעסן אַלץ, וואָס מען האָט אים געלערנט. זיין דינען דער געזעלשאַפט? דאָס איז אויך אַ שווינדל, ווייל אין דער דינסט טוט ער גאָרנישט, באַקומט אומזיסט פּענסיע און זיין דינסט — דאָס איז אַ נידערטרעכטיק באַגנבענען די מלוכה, פאַר וועלכן מען פאַרפירט נישט קיין פּראָצעס.

דער אמת איז אים נישט נייטיק געווען און ער האָט אים נישט געזוכט; זיין געוויסן, פאַרכישופט פון זינד און שקר, איז געשלאָפן אָדער געשוויגן; ווי אַ פרעמדער, אָדער געקומענער פון אַן אַנדערער פּלאַנעטע, האָט ער נישט אָנטייל גענומען אין דעם אַלגעמיין מענטשלעכן לעבן, איז געווען גלייכגילטיק צו זייערע ליידן, אידעען, רעליגיעס, קענטעניש, זוכענישן, קאַמפן; ער האָט נישט געזאָגט קיין מענטש קיין איין גוט וואָרט, נישט אָנגעשריבן קיין איין נוצלעכע, נישט באַנאַלע שורה, האָט נישט געטון פאַר מענטשן פאַר קיין גראָשן, נאָר בלויז געגעסן זייער ברויט, געטרונקען זייער ווין, פאַרפירט זייערע ווייבער, געלעבט מיט זיי-

ערע געדאַנקען און, כּדי צו רעכטפאַרטיקן דאָס נידעריקע, פּאַראַ-זיטישע לעבן זיינס פאַר מענטשן און פאַר זיך גופא, האָט ער זיך תמיד באַמיט צוצוגעבן זיך אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט כּלומרשט געווען העכער און בעסער פון זיי. שקר, שקר און שקר...

ער האָט זיך בולט דערמאַנט אָן דעם, וואָס ער האָט אינ-אָזונט געזען באַ מיורידאָוון אין הויז, און ס'איז אים געוואָרן נישט צום איבערטראָגן אומהיימלעך פון עקל און אומעט. קירילין און אַטשמיאַנאָוו זענען אָפּשטויסנד, נאָר זיי האָבן דאָך פאָרגעזעצט דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן; זיי זענען זיינע מיטהעלפער און תּלמידים. באַ אַ יונגער און שוואַכער פרוי, וואָס האָט אים געטרויט מער, ווי אַ ברודער, האָט ער צוגענומען דעם מאַן, דעם קרייז באַקאַנטע און דאָס היימלאַנד, און זי אַוועקגעפירט אַהער — אין דער היץ, אין פיבער און אין לאַנגווייליקייט; טאָג אויס טאָג איין האָט זי, ווי אַ שפּיגל, געמוזט אָפּשפּיגלען אין זיך זיין פּוסט און פּאַסקייט, פאַרדאָרבנקייט און פאַלשקייט — און דערמיט, בלויז דערמיט האָט זיך אָנגעפילט איר לעבן, דאָס שוואַכע, פלעגמאַטי-שע, נעבעכדיקע לעבן; נאָכדעם האָט ער זיך איבערגעזעטיקט מיט איר, זי פיינט געקריגן, אָבער ס'האָט געפעלט מוט זי אַוועקצו-וואַרפן און ער האָט זיך באַמיט אַלץ פעסטער אַרומצוּוויקלען זי מיט ליגנט, ווי מיט אַ שפּינוועבס... דאָס איבעריקע האָבן שוין צוגעטון דידאָזיקע מענטשן.

לאַיעווסקי האָט זיך דאָ אַוועקגעזעצט באַם טיש, דאָ ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער; ער האָט דאָ פאַרלאָשן דאָס ליכט, דאָ ווידער עס אָנגעצונדן. ער האָט אויפן קול זיך געשאָלטן, געוויינט, זיך באַקלאָגט, געבעטן פאַרציַיונג; עטלעכע מאָל איז ער אין פאַרצווייפלונג צוגעלאָפן צום טיש און אָנגעשריבן:

„מאַמעניו!"

אַ חוץ דער מוטער האָט ער נישט געהאַט קיין שום קרובים און נאָענטע; אָבער ווי אַזוי האָט אים געקענט העלפן די מוטער? און וווּ איז זי? ער האָט געוואָלט לויפן צו נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוו-נען, פאַלן צו אירע פיס, קושן איר די הענט און די פיס, בעטן

זי מוחל צו זיין; נאָר זי איז געווען זיין קרבן, און ער האָט מורא געהאַט פאַר איר, גלייך זי וואָלט געווען געשטאָרבן.

— פאַרלוירן דאָס לעבן! — האָט ער געמורמלט, רייבנדיק די הענט, — נאָרוואָס זשע לעב איך נאָך, גאָט מיינער...

ער האָט אַראָפּגעשטויסן פון הימל זיין פאַרלאָשענעם שטערן; דער שטערן האָט זיך אַ קייקל געטון און זיך אויסגעמישט מיט דער פינצטערניש פון דער נאַכט; ער וועט זיך שוין נישט אומקערן אויפן הימל אַרויף, וואָרים דאָס לעבן ווערט געגעבן נאָר איין מאָל און חזרט זיך נישט איבער. ווען מען וואָלט געקענט אומקערן די פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן, וואָלט ער דעם שקר פון זיי פאַרביטן מיט אמת, די פוסט און פאַסקייט — מיט אַרבעט, דעם אומעט — מיט פרייד; ער וואָלט צוריקגעגעבן די ריינקייט יענע, באַ וועמען ער האָט זי צוגענומען, ער וואָלט געפינען גאָט און גערעכטיקייט. אָבער דאָס איז נישט מעגלעך, ווי ס'איז נישט מעגלעך אַן אַראָפּגעפאַלענעם שטערן אומצוקערן צוריק אין הימל אַריין. און דערפון, וואָס דאָס איז נישט מעגלעך, איז ער געקומען אין פאַרצווייפלונג.

ווען ס'איז אַריבער דער שטורם, איז ער געזעסן באַם געעפנטן פענצטער און רויק געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיט אים וועט זיין. פאָן קאָרען וועט אים מסתמא דערהרגענען. די קלאָרע, קאַלטע וועלט אָנשויונג פון דעמדאָזיקן מענטש דערלאָזט די פאַרטיליקונג פון חלושים און נישטויגער; ווען אָבער די וועלט-אָנשויונג זאָל אין דער דעצידירנדיקער מינוט פאַרראַטן, וועט אים העלפן די שנאה און דאָס געפיל פון עקל, וואָס לאַיעווסקי וועקט אין אים אויב ווידער ער וועט שלעכט צילעווען, אָדער כדי אויסצולאַכן דעם פאַרהאַסטן קעגנער, וועט ער אים נאָר פאַרווינדן, אָדער ער וועט גאָר אויסשיסן אין דער לופט, וואָס זשע האָט ער דעמאָלט צו טון? וואוהין גיין?

פאָרן קיין פעטערבורג? — האָט זיך געפרעגט לאַיעווסקי. — נאָר דאָס וואָלט באַטייט אָנצוהייבן ווידער דאָס אַלטע לעבן, וואָס איך פאַרשעלט. און ווער ס'זוכט רעטונג אין איבערטוישן פון אָרט, ווי אַ וואַנדער-פויגל, דער וועט גאָרנישט געפינען, ווייל די ערד

איז פאַר אים אומעטום די אייגענע. זוכן רעטונג אין מענטשן ? אין וועמען זוכן און ווי אַזוי ? די גוטסקייט און גרויסמוטיקייט פון סאַמאָילענקאָן איז פונקט אַזוי ווייניק רעטונגס-פעיק, ווי דעם דיאַקאָנס לאַכעוודיקייט און פאָן-קאָרענס שנאה. רעטונג דאַרף מען זוכן נאָר אין זיך אַליין, און אויב דו געפינסט נישט, איז צוואָזשע פאַרלירן צייט, דאַרף מען זיך דערהרגענען און פטור...

ס'האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אַן עקיפּאַזש. ס'האָט שוין געגרויט; אַ קאָטש איז פאַרבייגעפאָרן, האָט אויסגעדרייט און, סקריפּענדיק מיט די רעדער איבערן נאַסן זאַמד, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז. אין דער קאָטש זענען געזעסן צוויי מענטשן.

— וואַרט צו, איך גיי שוין! — האָט צו זיי געזאָגט לאַיעווסקי דורכן פענצטער. — איך שלאָף נישט. ס'איז שוין דען צייט?

— יאָ. ס'איז פיר אַ זייגער. ביז וואַנען מיר וועלן צופאָרן...

לאַיעווסקי האָט אָנגעטון דאָס מאַנטל און דאָס היטל, גענומען אין קעשענע אַריין פּאַפּיראָסן און זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרטראַכטקייט; אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף נאָך עפּעס טון. אויף דער גאַס האָבן שטיל גערעדט די סעקונדאַנטן און ס'האָבן געפאָרסקעט די פערד, און דידאָזיקע קלאַנגען אין דעם באַגינענדיקן נאַסן פרימאָרגן, ווען אַלץ שלאָפט און ס'שימערט נאָר קוים דער הימל, האָבן אָנגעפילט לאַיעווסקין מיט אַ נישטגוטהאקייט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ שלעכט פאָרגעפיל. ער איז געשטאַנען אַ ביסל אין פאַרטראַכטקייט און איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער.

נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ איז געלעגן אין איר בעט, אויסגעצויגן, אַרומגעהילט איבערן קאָפּ אין אַ פּלעד; זי האָט זיך נישט גערירט און האָט דערמאַנט, איבערהויפּט מיטן קאָפּ, אַן עגיפּטישע מומיע. שווייגנד קוקנדיק אויף איר, האָט לאַיעווסקי אין געדאַנק געבעטן בײַ איר פאַרצייַונג און אַ קלער געטון, אַז אויב דער הימל איז נישט ליידיק און דאָרט איז באמת פאַראַן אַ גאָט, וועט ער

זי באַשיצן; אויב ווידער קיין גאָט איז נישטאָ, איז זאָל זי אונ־טערגיין, צו לעבן האָט זי נישט נאָכוואָס.

זי איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען און זיך אויפגעזעצט אין בעט. זי האָט אויפגעהויבן איר בלאַס געזיכט און קוקנדיק מיט אימה אויף לאַיעווסקין, האָט זי אַ פרעג געטון:

— דאָס ביסטו? דער שטורם האָט אויפגעהערט?

— אויפגעהערט.

זי האָט זיך דערמאַנט, האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן קאָפּ און אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

— ווי מיר איז שווער! — האָט זי אַ זאָג געטון. — ווען דו זאָלסט וויסן, ווי מיר איז שווער! איך האָב געוואַרט — האָט זי פאָרגעזעצט, פאַרזשמורענדיק די אויגן, — אַז דו וועסט מיך דערהרגענען אָדער וועסט מיך אַרויסטרייבן פון שטוב אויפן רעגן און שטורם, און דו לייגסט אַלץ אָפּ... לייגסט אָפּ.

ער האָט זי האַסטיק און פעסט אַרומגענומען, האָט באַשיט מיט קושן אירע קני און הענט, נאָכדעם, ווען זי האָט אים עפּעס געמורמלט און אויפגעציטערט פון די דערינערונגען, האָט ער צו־געגלעט אירע האָר און, איינקוקנדיק זיך אין איר פּנים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע אומגליקלעכע, פאַרדאָרבענע פרוי איז פאַר אים דער איינציקער נאָענטער, קרובישער און אומפאַרבייטלע־כער מענטש.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און האָט זיך אַריינ־געזעצט אין דער קאָטש, האָט זיך אים געוואָלט צוריקקומען אַהיים אַ לעבעדיקער.

## XVIII.

דער דיאַקאָן איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטון, גענומען זיין גראָבן סענקעוואַטן שטעקן און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ס׳איז געווען פינצטער, און די ערשטע מינוטן האָט דער דיאַקאָן, גייענדיק איבער דער גאַס, נישט געזען אפילו דעם אייגענעם ווייסן שטעקן; אויפן הימל איז נישט געווען קיין איין שטערן, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ס׳וועט ווידער גיין אַ רעגן. ס׳האָט זיך געשפּירט דאָס נאַסע זאַמד און דער ים.

„ס׳קענען נאָך צומאָל אָנפאַלן טשעטשענצעס“ — האָט געקלערט דער דיאַקאָן, הערנדיק, ווי זיין שטעקן קלאַפּט אָן דעם ברוק און ווי הילכיק און אייגזאַם ס׳קלינגט אָפּ דאָסדאָזיקע קלאַפּן אין דער נאַכט-שטילקייט.

אַרויסקומענדיק הינטער דער שטאָט, האָט ער אָנגעהויבן זען אי דעם וועג, אי זיין שטעקן; אויפן שוואַרצן הימל האָבן וואו-נישט-וואו זיך באַוויזן טריבע פלעקן און באַלד האָט אַ בליק אַרויס געטון איין שטערן און נישט דרייסט אַ פּינטל געטון מיט זיין איינציקן אויג. דער דיאַקאָן איז געגאַנגען איבערן הויכן שטייניקן ברעג און נישט געזען דעם ים; ער, דער ים, האָט אונטן איינגעדרימלט און די אומגעזעענע כוואַליעס זייבע האָבן פויל און שווער זיך אָנגעקלאַפּט אָן ברעג און גלייך זיי וואָלטן געזיפצט: אוּף! און ווי פּאַמעלעך! ס׳האָט אַ קלאַפּ געטון איין כוואַליע, דער דיאַקאָן האָט אָפּגעציילט אַכט טריט, דעמאָלט האָט אַ קלאַפּ געטון אַ צווייטע, שפּעטער מיט זעקס טריט אַ דריטע. אַקוראַט אַזוי האָט מען גאָרנישט געזען, און אין דער פינצטערניש האָט זיך געהערט אַ פויל, שלעפּעריק געברויש פון ים, ס׳האָט זיך געהערט אַן

אומענדלעך ווייטע, אומבאַגרייפלעכע צייט, ווען גאָט האָט געשוועבט איבערן תוהו=ובוהו.

דעם דיאַקאָן איז געווען אומהיימלעך. ער האָט אַ קלער געטון וועגן דעם, אַז גאָט זאָל אים נישט שטראָפן דערפאַר, וואָס ער חברט זיך מיט נישטגלויביקע און גייט אפילו קוקן אויף זייערס אַ דועל. דער דועל וועט זיין אַ נאַרישער, אַן אָנבלוטיקער, אַ קאָמישער, נאָר ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דאָס אַ געצנדינעריש בילד און פאַר אַ גייסטלעכער פּערזאָן פּאַסט נישט צו זיין דערביי. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קלער געטון: אפשר צוריקגיין? אָבער די אומרויקע נייגעריקייט האָט גובר געווען די ספקות, און ער איז געגאַנגען ווייטער.

„זיי זענען טאַקע אומגלויביקע, נאָר גוטע מענטשן און זיי וועלן תשובה טון", האָט ער זיך באַרויקט. — זיי וועלן דורכויס תשובה טון! — האָט ער אַ זאָג געטון אויפן קול, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

„מיט וואָס פאַר אַ מאָס דאַרף מען מעסטן די מענטשלעכע מעלות, כדי צו משפּטן וועגן זיי יושרדיק?" דער דיאַקאָן האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שונא, דעם אינספּעקטאָר פון גלחים=שולע, וועלכער האָט געגלייבט אין גאָט, נישט געשלאָגן זיך אויף קיין דועלן און געלעבט אין צניעות, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער געשפּייזט דעם דיאַקאָן מיט זאַמדיק ברויט און איינמאָל שיער נישט אָפּגעריסן אים אַן אויער. אויב דאָס מענטשלעכע לעבן האָט זיך צונויפגעלייגט אַזוי נישט קלוג, אַז דעמדאָזיקן אכזריותדיקן און נישט ערלעכן אינספּעקטאָר, וואָס האָט געגנבעט קהליש מעל, האָבן אַלע אָפּגעגעבן דרך=ארץ, און אין שולע האָט מען מתפּלל געווען פאַר זיין געזונט, איז דען בכן אַ יושר צו זייטיקן זיך פון אַזעלכע מענטשן, ווי פאָן=קאָרען און לאַיעווסקי נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען אומגלויביקע? דער דיאַקאָן האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן דידאָזיקע פראַגע, נאָר אים איז געקומען אויפן זינען, וואָס פאַר אַ קאָמישע פיגור סאַמאָילענקאָ האָט היינט געהאַט, און דאָס האָט איבערגעריסן דעם לויף פון זיינע געדאַנקען. מאָרגן וועט עס זיין אַ ביסל געלעכטער! דער דיאַקאָן האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי ער וועט זיך אויסקוצן

אונטער אַ קושאַק און צוקוקן, און ווען פאַן-קאָרען וועט מאָרגן באַם מיטאָג זיך אָנהייבן באַרימען, וועט ער, דער דיאַקאָן, אים דערציילן אַלע פּרטים פון דועל.

„פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ?“ — וועט פרעגן דער זאָאָלאָג. — „אָט דאָס איז דאָך די קונץ, כ'בין געזעסן אינדער-היים, און כ'ווייס“.

מען וועט דאַרפן באַשרייבן דעם דועל אין אַ קאָמישער פאָרם. דער שווער וועט לייענען און לאַכן; דער שווער ווידער וועט דיר אַוועקגעבן דאָס בעסטע עסן, נאָר אַבי דערצייל אָדער באַשרייב אים עפּעס קאָמישס.

ס'האָט זיך אויפגעדעקט דער טאָל פונם „געלן טייכל“. פון רעגן איז דאָס טייכל געוואָרן ברייטער און בייזער, און ס'האָט שוין נישט געוואָרטשעט, ווי פריער, נאָר גע-ברילן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באַגינען, — אַ גראָער טריבער פרימאָרגן, און הן די וואָלקנס, וואָס זענען געלאָפן אויף מעריב, כדי צו דעריאָגן די שטורם-כמאַרע, הן די בערג, אַרומגעהילטע פון נעפּל, די נאַסעביימער — אַלץ האָט אויסגעזעען דעם דיאַ-קאָן נישט שיין און בייז. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן באַם טייכל, אָפּגעזאָגט די פרימאָרגן-תּפילות, און אים האָט זיך פאַרגלוסט טיי און הייסע פּאָנטשקעס מיט סמעטענע, וואָסערע מען דערלאַנגט יעדן פרימאָרגן באַם שווער צום טיש. ס'האָט זיך אים דערמאַנט די דיאַקאָנעכע און דער מאָטיוו, וואָס זי שפּילט אויפן פּאָרטעפּיאַן. וואָס איז זי פאַר אַ פרוי? דעם דיאַקאָן האָט מען באַקענט, גע-שדכנט און חתונה געמאַכט מיט איר אין איין וואָך; ער האָט אָפּ-געלעבט מיט איר אַ קנאַפּן חודש און מען האָט אים קאָמאַנדירט אַהער, אַזוי, אַז ער האָט טאַקע ביז איצט נישט פונאַנדערגע-קליבן זיך, וואָס זי איז פאַר אַ מענטש. און דאָך איז אָן איר אומעטיק.

„מען דאַרף איר אָנשרייבן אַ בריוול“... — האָט ער גע-טראַכט.

די פאָן אויפן דוכאַן איז אויסגעווייקט געוואָרן פון רעגן און אַראָפּגעהאָנגען, און דער דוכאַן גופא מיטן נאַסן דאַך האָט זיך

אויסגעוויזן טונקעלער און נידעריקער, ווי ער איז געווען פריער. לעבן דער טיר איז געשטאַנען אַן אַרבע; קערבאַלאַי, צווי אַבכאַזיאַנער און אַ יונגע טאַטערקע אין ברייטע הויזן, מסתמא קערבאַלאַיס ווייב אָדער טאָכטער, האָבן אַרויסגעטראָגן פון דוכאַן פולע זעק און די אַריינגעלייגט אין דער אַרבע אויף קוקורוזע-שטרוי. לעבן דער אַרבע זענען געשטאַנען צוויי אייזלען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אַריינלייגנדיק די זעק, האָבן די אַבכאַזיאַנער מיט דער טאַטערקע גענומען זיי אַרומדעקן פונאויון מיט שטרוי. און קערבאַלאַי האָט זיך גענומען געשווינד איינשפּאַנען די אייזלען.

„קאָנטראַבאַנדע מסתמא", — האָט אַ קלער געטון דער דיאַקאָן.

אָט איז דער אומגעלייגטער בוים מיט די אויסגעטרוקנטע נאָדלען, אָט איז דער שוואַרצער פלעק פון פייער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פּיקניק מיט אַלע זיינע פּרטים, דאָס פייער, דאָס געזאַנג פון די אַבכאַזיאַנער, די זיסע טרוימען וועגן אַרכיערייִשאַפט און דער פּראָצעסיע... דאָס „שוואַרצע טייכל" איז פון רעגן שוואַרצער און ברייטער געוואָרן. דער דיאַקאָן איז פאָרזיכטיק אַריבערגעגאַנגען איבערן שיטערן בריקל, צו וועלכן ס'האָבן שוין דערלאַנגט די שוואַרצע כוואַליעס מיט זייערע גריוועס, און אַרויפגעגאַנגען מיטן לייטערל אין דעם טרוקן-שייער אַריין.

„אַ געוואַלטיקער קאָפּ! — האָט ער געקלערט, אויסציִענדיק זיך אויפן שטרוי און זיך דערמאָנענדיק אָן פאָן-קאָרענען. — אַ גוטער קאָפּ, קיין עין הרע, נאָר ער פאַרמאָגט אין זיך אכזריות"...

פאַרוואָס האָט ער פיינט לאַיעווסקין, און לאַיעווסקי אים? פאַרוואָס וועלן זיי זיך שלאָגן אויפן דועל? ווען זיי וואָלטן פון דער קינדהייט אָן געוווסט פון אַזאַ נויט, ווי דער דיאַקאָן, ווען זיי וואָלטן זיך דערצויגן אין אַ סביבה פון פינצטערע, גראָבע מענטשן, גיריקע קמצנים, וואָס רעדן אויס דאָס שטיקל ברויט, ברוטאַלע, נישט אויסגעפיינטע אין דער האַלטונג, וואָס שפייען אויף דער פּאָדלאָגע און גרעבצן באַם מיטאָג און בעת דער תפילה, ווען זיי וואָלטן פון דער קינדהייט אָן נישט געווען צעבאַלעוועט פון

קײן גוטע לעבנס-באַדינגונגען און מיט אַ צוגעקליבענעם קרײַז מענטשן. — דעמאָלט װאָלטן זײ אַנדערש זיך אָנגעכאַפּט אײנער אָן אַנדערן, זײ װאָלטן זיך קעגנזײַטיק מוחל געװען די חסרונות און װאָלטן אָפּגעשאַצט די מעלות, װאָס יעדער פֿון זײ פֿאַרמאָגט אין זיך. אפֿילו בלױז אױסערלעך אָרנטלעכע מענטשן איז דאָך אַזױ װײניק אױף דער װעלט! אמת, לאַיעװסקי איז אַ לײכטזיניקער, צעלאָזענער, מאָדנער מענטש, אָבער ער װעט דאָך נישט גנבֿענען, װעט נישט אױסשפּײַען הױך אױף דער פּאָדלאָגע, ער װעט נישט פֿאָרװאַרפֿן דעם װײַב: „דו פֿרעסט, און אַרבעטן װילסטו נישט“, ער װעט נישט שלאָגן קײן קינד מיט לײצן, אָדער שפּײַזן זײַנע דינער מיט פֿאַרשטונקען חזיר-שמאַלץ, — איז דען דאָס אַלײן נישט גענוג, אַז מען זאָל אים זוכן אַ זכות? אַ חוץ דעם לײדט ער דאָך אַלײן דער ערשטער פֿון זײַנע חסרונות, װי אַ קראַנקער פֿון זײַנע װונדן. אָנשטאָט דעם, װאָס אױס לאַנגװײַליקײט און איבער עפּעס אַ מיספֿאַרשטענדניש זוכן זײ אײנער אין אַנדערן דעגענעראַציע, אױסשטאַרבונג, ירושה-פֿעלערן און אַז. װ., װאָס איז װײניק פֿאַרשטענדלעך, װאָלט דען נישט גלײַכער געװען פֿאַר זײ אַראָפּצולאָזן זיך אַביסל נידעריקער און װענדן זײער האַס און צאָרן אַהין, װאו ס׳קרעכצן גאַנצע גאַסן פֿון ברוטאַלער אומװיסנקײט, גיריקײט, פֿאָרװורפֿן, אומרײנקײט, קללות, פֿרױען-יללות...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּערײַ פֿון אַן עקיפּאַזש און איבערגעריסן דעם דיאַקאָנס געדאַנקען. ער האָט אַרױסגעקוקט דורך דער טיר און דערזען אַ קאָטש, און אין איר דרײַ פּערזאָן: לאַיעװסקין, שעשקאָװסקין און דעם שעף פֿון פּאָסט-אַמט.

— סטאָפּ! — האָט געזאָגט שעשקאָװסקי.

אַלע דרײַ זענען אַרױסגעקראָכן פֿון דער קאָטש און האָבן אַ קוק געטון אײנער אױפֿן אַנדערן.

— זײ זענען נאָך נישטאָ — האָט געזאָגט שעשקאָװסקי, אַראָפּשאָקלענדיק פֿון זיך די בלאָטע. מילא, װײַל ס׳איז דאָ צײַט, װעלן מיר דערװײַל אױסזוכן אַ באַקװעם אָרט. דאָ איז נישטאָ, װוּ זיך אױסצודרײען.

זײ זענען אַװעקגעגאַנגען װײַטער מיטן טײַך און גיך פֿאַר-

פֿאַלן געוואָרן פֿון אויג. דער קוטשער־דער טאַטער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאָטש, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אויפֿן אַקסל און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אָפּוואַרטנדיק אַ צען מינוט, איז דער דיאַקאָן אַרויסגעגאַנגען פֿון טרוקן־שייער: ער האָט אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן הוט, אַז מען זאָל אים נישט באַמערקן, און אײַנגעבויגענערהייט, כּסדר זיך אומקוקנדיק, האָט ער זיך אָנגעהויבן דורכצוכאַפּן איבערן ברעג צווישן די קושאַקעס און די בייטן קוקורוזע; פֿון די ביימער און פֿון די קושאַקעס האָבן זיך אויף אים געשיט גראָבע טראָפּנס, דאָס גראָז און די קוקורוזע איז געווען נאַס.

— אַ חרפּה! — האָט געמורמלט דער דיאַקאָן, אונטערהייבנדיק זײַנע נאַסע פֿאַרבלאָטיקטע פּאָלעס. — כ׳וואָלט געוווּסט, וואָלט איך נישט געווען געגאַנגען.

אינגיכן האָט ער דערהערט שטימען און דערזען מענטשן; מיט אַרײַנגערוקטע הענט אין די אַרבל און אײַנגעבויגן, איז לאַיעווסקי שנעל געגאַנגען הין און צוריק איבער אַ נישט גרויסער לאָנקע; זײַנע סעקונדאַנטן זענען געשטאַנען בײַם סאַמע ברעג און זיך געדרייט פּאַפּיראָסן.

„מאָדנע. . . — האָט אַ קלער געטאָן דער דיאַקאָן, נישט דערקענענדיק לאַיעווסקיס גאַנג. — ער גייט, ווי אַ זקן".

— ווי נישט העפֿלעך דאָס איז פֿון זייער זײַט! — האָט געזאָגט דער פּאָסט־באַאַמטער, קוקנדיק אויפֿן זייגער. — ס׳קען זײַן, אַז על פּי געלערנטקייט איז שיין צו פֿאַרשפּעטיקן, נאָר לויט מײַן מיינונג, איז עס אַ שווינעריי.

שעשקאָווסקי, אַ דיקער מאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד, האָט זיך צוגעהערט און אַ זאָג געטאָן:

— זיי פֿאָרן!

# XIX.

— דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זע איך דאָס! ווי הערלעך! — האָט געזאָגט פּאַן־קאָרען, זיך באַווייזנדיק אויף דער לאַנקע און אויסצײַענדיק ביידע הענט צו מזרח. — גיט אַ קוק גרינע שטראַלן!

אויף מזרח האָבן פון הינטער די בערג אַפּער זיך אויסגעצויגן צוויי גרינע שטראַלן, און דאָס איז ווירקלעך געווען שיין. די זון האָט אָנגעהויבן אויפגיין.

— גוט מאָרגן! — האָט פאַרגעזעצט דער זאָאָלאָג, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ צו לאַיעווסקיס סעקונדאַנטן. — איך האָב נישט פאַרשפּעטיקט?

נאָך אים זענען געגאַנגען זיינע סעקונדאַנטן, צוויי גאָר יונגע אָפיצירן פון אַלצײנעם וווקס, באָיקאָ און גאַוואָראָווסקי, אין ווייסע בלוזעס, און דער דאַרער, מענטשן־מיידנדיקער דאָקטאָר אוסטימאָוויטש, וועלכער האָט אין איין האַנט געטראָגן עפּעס אַ טלומעקל, און די אַנדערע געהאַלטן אַהינטער; ווי געוויינטלעך איז בא אים לענגויס דעם רוקן געווען אויסגעצויגן די שפּיצרוט. אַוועקלייגנדיק דאָס טלומעקל אויף דער ערד און נישט באַגריסנדיק זיך מיט קיינעם, האָט ער די צווייטע האַנט אויך אַרונטערגענומען צום רוקן און אָנגעהויבן שפּרייזן איבער דער לאָנקע.

לאַיעווסקי האָס געפילט אַ מידקייט און אַ פאַרלעגנהייט פון אַ מענטש, וואָס וועט אפשר באַלד שטאַרבן און ער ציט דעריבער אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אים האָט זיך געוואָלט, אַז מען זאָל אים וואָס גיכער דערהרגענען, אָדער מען זאָל אים אַוועקפירן אַהיים. דעם זון־אויפגאַנג האָט ער געזען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן; דערדאָזיקער באַגינען, די גרינע שטראַלן,

די פייכטקייט און די מענטשן אין די נאַסע שטיוול האָבן אים אויסגעוויזן איבעריק אין זיין לעבן, נישט נייטיק און זיי האָבן אים געקוועלט; האָס אַלץ האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער איבערגעלעבטער נאַכט, מיט זיינע געדאַנקען און מיטן געפיל פון שולד, און דעריבער וואָלט ער גערן אַוועקגעגאַנגען, נישט צוּוואַרטנדיק אויפן דוּעל.

פאָן־קאָרען איז געווען קענטיק צערודערט און זיך געפּלייסט דאָס צו פאַרבאָרגן, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז אים אינטערעסירן מער פון אַלץ די גרינע שטראַלן. די סעקונדאַנטן זענען געווען צעמישט און האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן, ווי פרעגנדיק זיך, נאָכוואָס זיי זענען דאָ און וואָס זיי האָבן צו טון.

— איך מיין, מיינע הערן, אַז ווייטער גיין איז נישטאָ נאָכ־וואָס, — האָט געזאָגט שעשקאָווסקי. — דאָ איז אויך גוט.

— יאָ, געוויס — האָט מסכים געווען פאָן־קאָרען.

ס׳איז געוואָרן שטיל. אוסטימאָוויטש, וועלכער האָט נאָך אַלץ געשפּרייזט, האָט פּלוצלינג האַסטיק זיך אויסגעדרייט צו לאַ־יעווסקין און אים געזאָגט מיט אַ האַלב קול, עטעמענדיק אים אין פּנים אַריין:

— מען האָט אייך נאָך, מסתמא, נישט באַוויזן איבערצוגעבן מיינע באַדינגונגען. איטלעכער צד צאָלט מיר צו 15 רובל, און אויב איינער פון די קעגנער שטאַרבט, צאָלט דער צווייטער אויס די גאַנצע 30 רובל.

לאַיעווסקי איז שוין געווען פון פריִער באַקאַנט מיט דעם־דאָזיקן מענטש, נאָר ערשט אַצינד האָט ער דייטלעך צום ערשטן מאָל דערזען זיינע אויסגעלאָשענע אויגן, די שטעכעדיקע וואָנסן און דעם דאַרן, שווינדזיכטיקן האַלז: אַ פּראָצענטניק, נישט קיין דאָקטאָר. זיין אָטעם האָט געהאַט אַ נישט אָנגענעמען, רינדערנעם ריח.

„וואָסערע מענטשן ס׳איז אַלץ דאָ אויף דער וועלט" — האָט לאַיעווסקי אַ קלער געטון און געענטפערט:

— גוט.

דער דאָקטאָר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און ווידער אָנגעהויבן שפּרייזן, און ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט לחלוטין נישט באַדאַרפט דאָס געלט, נאָר געפּאָדערט עס פּשוט פון שנאה. אַלע האָבן געפילט, אַז ס'איז שוין צייט אָנצוהייבן, אָדער ענדיקן דאָס, וואָס ס'איז שוין אָנגעהויבן געוואָרן, אָבער מען האָט נישט אָנגעהויבן, נישט געענדיקט, נאָר געגאַנגען, געשטאַנען און געריכערט. די יונגע אָפיצירן, וועלכע זענען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן בייגעווען אויף אַ דועל, און האָבן אַצינד קנאַפּ געגלייבט אין דעמדאָזיקן ציווילן, לויט זייער מיינונג, נישט נייטיקן דועל, האָבן אויפמערקזאַם באַקוקט זייערע בלוזעס און געגלעט די אַרבל. שעשקאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו זיי און שטיל געזאָגט:

— מיינע הערן, מיר מוזן אָנווענדן אַלע כּוחות, אַז דער דאָזיקער דועל זאָל נישט צושטאַנד קומען. מען דאַרף זיי איסגלייכן.

ער איז רויט געוואָרן און פאָרגעזעצט:

— נעכטן איז באַ מיר געווען קירילין און זיך באַקלאָגט, אַז לאַיעווסקי האָט אים נעכטן דערווישט מיט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָווגען און אַלע מעשיות.

— יאָ, אונדז איז דאָס אויך באַוווּסט — האָט געזאָגט באָיקאָ.

— נו, אָט זעט איר... באַ לאַיעווסקין ציטערן די הענט און אַלע מעשיות... ער קען אַצינד קיין פּיסטאָלעט נישט אויפהייבן. שלאָגן זיך מיט אים איז אַקוראַט אַזוי אוממענטשלעך, ווי מיט אַ שיכּורן אָדער מיט אַ טיפוס-קראַנקען. אויב ס'וועט נישט צושטאַנד קומען קיין אויסגלייך, דאַרף מען, מיינע הערן, לפּחות אָפּלייגן דעם דועל, צי וואָס... ס'איז אַזאַ משונהדיקייט, אַז כ'וואָלט שוין בעסער נישט צוגעקוקט.

— רעדט זיך דורך מיט פאָן-קאָרענען.

— איך קען נישט די דינים פון קיין דועל, כאַפּט זיי דער רוח אײַנגאַנצן, און כ'וויל זיי נישט קענען; ס'קאָן זיין, ער וועט קלערן, אַז לאַיעווסקי האָט מורא געקריגן און מיך אונטערגעשיקט

צו אים. נאָר איבערינקס, ווי ער וויל זיך, איך וועל איבער־רעדן.

שעשקאָווסקי האָט בישטאַנטשלאָסן, אַביסל צוהינקענדיק, ווי ער וואָלט זיך צוגעזעסן אַ פוס, זיך געלאָזט גיין צו פאָן־קאָרעגען און די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געגאַנגען און אונטערגעהוסט, האָט זיין גאַנצע פיגור געעטעמט מיט פוילקייט.

— אָט וואָס איך דאַרף אייך זאָגן, מיין הער, — האָט ער אָנגעהויבן, אויפמערקזאַם באַטראַכטנדיק די בלומען אויף דעם זאַאָ־לאָגס בלוזע. — דאָס איז קאָנפידענציאָנעל... איך קען נישט די דינים פון קיין דועל, דער טייוול זאָל זיי נעמען איינגאַנצן און כ׳וויל זיי נישט קענען און כ׳גיי־צו נישט ווי אַ סעקונדאַט און אַלע מעשיות, נאָר ווי אַ מענטש און פטור.

— יאָ. נו?

— ווען סעקונדאַנטן לייגן פאָר זיך צו פאַרגלייכן, האָרכט מען זיי געוויינלעך נישט. מען קוקט דערויף, ווי אויף אַ פאָרמאַליטעט, די אייגלייבע און פטור. אָבער איך בעט אייך אונטערטעניק אַ קוק צו טון אויפמערקזאַם אויף איוואַן אַנדרעיטשן. ער איז היינט נישט אין קיין נאָרמאַלן צושטאַנד, אַזוי צו זאָגן, נישט באַם זינען און נעבעכדיק. באַ אים איז פאָרגעקומען אַן אומגליק. איך קען נישט פאַרטראָגן קיין רכילות — שעשקאָווסקי האָט זיך אומגעקוקט און איז רויט געוואָרן — נאָר נעמענדיק אין אַכט דעם דועל, האַלט איך פאַר נייטיק אייך מיטצוטיילן. נעכטן אינאָווענט האָט ער אין מיורידאָווס הויז דערווישט זיין מאַדאַם מיט... אַ געוויסן הער.

— סאַראַ עקל! — האָט אַרויסגעמורמלט דער זאָאָלאָג; ער איז בלאַס געוואָרן, זיך פאַרקרומט און הויך אויסגעשפּיגן: — טפו!

די אונטערשטע ליפּ האָט באַ אים אַ ציטער געטון; ער איז אַוועקגעגאַנגען פון שעשקאָווסקין, נישט וועלנדיק מער הערן, און, ווי ער וואָלט אומגערן פאַרזוכט עפּעס ביטערס, האָט ער נאָכאַמאָל אויסגעשפּיגן און דאָס ערשטע מאָל אין דעמדאָזיקן פרימאָרגן אַ קוק געטון מיט שנאה אויף לאַיעווסקין. זיין צערודערטקייט און

פֿאַרלעגנהייט זענען אַריבער, ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און הויך געזאָגט:

— מײַנע הערן, וואָס זשע וואַרטן מיר, פֿרעגט זיך? פֿאַר־וואָס הייבן מיר נישט אָן?

שעשקאָווסקי האָט זיך איבערגעקוקט מיט די אָפֿיצירן און אַ קוועטש געטון מיט דער פּלייצע.

— מײַנע הערן! — האָט ער אַ זאָג געטון הויך, נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם, — מײַנע הערן! מיר לייגן אײַך פֿאָר זיך אויסצוגלייכן!

— זאָל מען פֿאַרענדיקן שנעלער מיט די פֿאָרמאַליטעטן — האָט געזאָגט פֿאָן־קאָרען — ווען פֿאַרגלייכן זיך האָט מען שוין גערעדט. אַצינד וואָסערע פֿאָרמאַליטעט גייט דערנאָך? גיכער, מײַנע הערן, ווײַל די צײַט וואַרט נישט.

— באָר מיר האַלטן פֿונדעסטוועגן פֿאָרט אונטער דעם פֿאָר־שלאַג צו פֿאַרגלייכן זיך — האָט געזאָגט שעשקאָווסקי מיט אַ שול־דיק קול, ווי אַ מענטש, וועלכער איז געניט זיך אַרײַנצומישן אין פֿרעמדע געשעפֿ ן; ער איז רויט געוואָרן, האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ און פֿאָרגעזעצט: — מײַנע הערן, מיר זעען נישט קיין פֿאַקטישע שייכות צווישן אַ באַליידיקונג און אַ דועל. צווישן אַן עוולה, וואָס מיר באַגייען אַמאָל איינער קעגן אַנדערן איבער דער מענטשלעכער שוואַכקייט, און אַ דועל, איז נישטאָ קיין שום געמיינזאַמס. איר זענט מענטשן מיט אוניווערזיטעט־בילדונג און זעט, נאַטירלעך, אין דועל בלויז אַ פֿאַרעלטערטע, פּוסטע פֿאָרמאַ־ליטעט און אַלע מעשׂיות. מיר קוקן אויך אַזוי אויף דעם, אַנדערש וואָלטן מיר נישט אַהערגעקומען, וואָרים מיר קענען נישט דערלאָזן, אַז אין אונזער אָנוועזנהייט זאָלן מענטשן שיסן איינער אין אַנדערן און פּטור. — שעשקאָווסקי האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון פּנים און פֿאָרגעזעצט: — פֿאַרענדיקט זשע, מײַנע הערן, אייער מיס־פֿאַרשטענדניש, דערלאַנגט אײַך איינער דעם אַנדערן די הענט און לאָמיר פֿאָרן אַהיים טרינקען אויף שלום. ערנוואָרט, מײַנע הערן!

פֿאָן־קאָרען האָט געשוויגן. לאַיעווסקי האָט באַמערקט, אַז מען קוקט אויף אים און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב גאָרנישט צו ניקאָלאַי וואַסיליטשן. אויב ער האַלט, אַז איך בין שולדיק, בין איך גרייט זיך צו אַנטשולדיקן פאַר אים.

פאָן־קאָרען האָט זיך באַליידיקט.

— משמעות, מײַנע הערן, — האָט ער געזאָגט — אײַך ווילט זיך, אַז דער הער לאַיעווסקי זאָל זיך אומקערן אַהיים, ווי אַ גרויסמוטיקער ריטער. אָבער איך קאָן נישט פאַרשאַפן אײַך און אים דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן. ס׳איז נישט נייטיק געווען אויפצושטיין אַזוי פרי און אַרויסצופאָרן צען ווערסט הינטער דער שטאָט בלויז דערויף, כּדי צו טרינקען אויף שלום, צו פאַרבײַסן און מיר דערקלערן, אַז דער דועל איז אַ פאַרעלטערטע פאָרמאַליטעט. אַ דועל איז אַ דועל און מען דאַרף אים נישט מאַכן נאַרישער און פאַלשער, ווי ער איז אײַנדעראמתן. איך וויל זיך שלאָגן.

ס׳איז געוואָרן שטיל. דער אָפיציר באָיקאָ האָט אַרויסגענומען פון קעסטל צוויי פּיסטאָלעטן: איינעם האָט ער דערלאַנגט פאָן־קאָרענען דעם אַנדערן לאַיעווסקין, און נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַ צעמישונג, וואָס האָט נישט אויף לאַנג פריילעך געמאַכט דעם זאַלאַגאַ און די סעקונדאַנטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון אַלע אָנוועזנדע איז קיינער קיינמאָל נישט געווען אויף קיין דועל און קיין איינער האָט נישט געוווסט גענוי, ווי אַזוי מען דאַרף זיך שטעלן און וואָס דאַרפן זאָגן און טון די סעקונדאַנטן. אָבער דערנאָך האָט באָיקאָ זיך דערמאַנט און מיט אַ שמייכל אָנגעהויבן דערקלערן:

— מײַנע הערן, ווער געדענקט, ווי ס׳איז באַשריבן בײַ לערמאָנטאָוון? — האָט געפרעגט פאָן־קאָרען, לאַכנדיק. — בײַ טורגעניעוון האָט אויך באַזאַראָוו זיך געשאָסן דאָרט מיט עמעצן...

— צוואָס געדענקען? — האָט אומגעדולדיק געזאָגט אוסטימאָוויטש, אָפּשטעלנדיק זיך, — מעסט אויס אַ שטרעקע — און דאָס איז אַלץ.

און ער האָט דריי מאָל אַ שפּאַן געטון, אַזוי ווי ווייזנדיק, וויאַזוי מען דאַרף אויסמעסטן. באָיקאָ האָט אָפּגעציילט די שפּריינ

און זיין חבר האָט אַרויסגענומען די שווערד און אַ דראַפּע געטאָן די ערד אויף די עקסטע פּונקטן, כּדי אָנצוצייכענען אַ באַריער.

די קעגנער האָבן בײַ אַן אַלגעמיינעם שווייגן פאַרנומען זייערע ערטער,

„מוילוואָרף", האָט זיך דערמאָנט דער דיאַקאָן, וועלכער איז געזעסן צווישן די קוזשאַקעס.

עפּעס האָט גערעדט שעשקאָווסקי, עפּעס האָט ווידער דערקלערט באַאיקאָ, נאָר לאַיעווסקי האָט נישט געהערט, אָדער, ריכטיקער,, ער האָט געהערט, אָבער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אין דער געהעריקער מינוט אַ צי געטאָן דאָס ציינגל און אויפגעהויבן דעם שווערן, קאַלטן פּיסטאָלעט מיט דער לופּע אַרויף. ער האָט פאַרגעסן צו צעשפּילען דעם מאַנטל, און ס'האָט אים שטאַרק געקוועטשט אין אַקסל און אונטערן אָרעם, און די האַנט האָט זיך געהויבן מיט אַזאַ אומגעשיקטקייט, ווי דער אַרבל וואָלט געווען פון בלעך. ער האָט זיך דערמאָנט זיין נעכטיקע שנאה צום טונקעלן שטערן און די געקרויזלטע האָר און אַ קלער געטאָן, אַז אפילו נעכטן, אין דער מינוט פון שנאה און כּעס, וואָלט ער נישט געקאָנט אויסשיסן אין אַ מענטש. מורא-האָבנדיק, אַז די קויל זאָל אַמאָל אומגערן נישט טרעפן פאָן-קאָרענען, האָט ער אויפגעהויבן דעם פּיסטאָלעט אַלץ העכער און העכער, און געפילט, אַז דידאָזיקע צו אָפענע גרויסמוטיקייט איז נישט דעליקאַט און נישט גרויסמוטיק, אָבער אַנדערש האָט ער נישט געקענט און איז נישט בכוח געווען. קוקנדיק אויפן בלאַסן, איראָניש-שמייכלענדיקן פּנים פון פאָן-קאָרענען, וועלכער איז, משמעות, פון אָנהויב אָן געווען זיכער, אַז זיין קעגנער וועט אויסשיסן אין דער לופט, האָט לאַיעווסקי געקלערט, אַז באַלד וועט זיך, דאַנקען גאָט, אַלץ ענדיקן און אַז מען דאַרף נאָר אָקאָרשט אַ קוועטש טון שטאַרקער דעם האָקל. . .

ס'האָט שטאַרק אַ שטויס געטאָן אין אַקסל, ס'האָט אַ הילך געטאָן אַ שאָס און אין די בערג האָט אָפּגעענטפערט אַן עכאָ: פּאַך-טאַך.

אויך פאָן-קאָרען האָט אַ צי געטאָן דאָס ציינגל און אַ קוק

געטון אין דער זייט צו אוסטימאָוויטשן, וועלכער האָט פּונקט ווי פריער געשפּרייזט, האַלטנדיק די הענט אַהינטער און נישט לייגנ־דיק קיין אַכט אויף גאָרנישט.

— דאָקטאָר, — האָט געזאָגט דער זאָאָלאָג — זייט אַזוי גוט, גייט נישט, ווי אַן אומרו. ס׳שימערט מיר פון אייך אין די אויגן. דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט. פאָן־קאָרען האָט אָנגעהויבן צו צילעווען אין לאַיעווסקין.

„געענדיקט!“ — האָט אַ קלער געטון לאַיעווסקי.

די לופע פון פּיסטאָלעט, אָנגעשטעלט גלייך אין פּנים אַריין, דער אויסדרוק פון שנאה און פאַראַכטונג אין דער פּאָזע און אין דער גאַנצער פיגור פון פאָן־קאָרענען און דערדאָזיקער מאָרד, וועלכן ס׳וועט באַלד אויספירן אַן אָרנטלעכער מענטש אינמיטן העלן טאָג אין דער אָנוועזנהייט פון אָרנטלעכע מענטשן, דידאָזיקע שטילקייט, און די אומבאַוואוסטע קראַפט, וואָס צווינגט לאַיעווסקין צו שטיין, און נישט צו אַנטלויפן — ווי דאָס אַלץ איז סודותדיק, אומפאַרשטענדלעך און שרעקלעך! די צייט, וואָס פאָן־קאָרען האָט געצילעוועט, האָט זיך לאַיעווסקין אויסגעוויזן לענגער פון אַ נאַכט. ער האָט מיט געבעט אַ קוק געטון אויף די סעקונדאַנטן; זיי האָבן זיך נישט גערירט און זענען געווען בלאַס.

„שנעלער שיס שוין“! — האָט געקלערט לאַיעווסקי און געשפּירט, אַז זיין בלייך, ציטערנדיק, נעבעכדיק פּנים דאַרף וועקן אין פאָן־קאָרענען נאָך אַ גרעסערן האַס.

„איך וועל אים באַלד דערהרגענען — האָט געטראַכט פאָן־קאָרען צילעוועדיק אין שטערן אַריין און שוין אָנטאַפּנדיק מיטן פינגער דעם האָקל. — יאָ, געוויס, כ׳וועל דערהרגענען. . .“

— ער וועט אים דערהרגענען! — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ פאַרצווייפלטער געשריי ערגעץ זייער נאָענט.

תיכף האָט אַ הילך געטון אַ שאָס. דערזעענדיק, אַז לאַיעווסקי שטייט אויפן אָרט, און איז נישט אומגעפאַלן, האָבן אַלע אַ קוק געטון אין יענער זייט, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערהערט דער געשריי, און זיי האָבן דערזען דעם דיאַקאָן. אַ בלאַסער, מיט נאַסע, צום שטערן און צו די באַקן צוגעקלעפּטע, האָר, איינגאַנצן אַ

דורכגענעצטער און פאַרבלאָטיקטער, איז דער דיאַקאָן געשטאַנען אויפן צווייטן ברעג אין דער קוקורוזע, האָט עפעס מאָדנע גע־שמייכלט און געפּאָכעט מיטן נאַסן הוט. שעשקאָווסקי האָט זיך צעלאַכט פון פרייד, זיך צעוויינט און איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט. . .

## XX.

אַ ביסל דערנאָך זענען פאָן־קאָרען און דער דיאַקאָן זיך צונויפגעגאַנגען באַם בריקל. דער דיאַקאָן איז געווען אויפגערעגט, האָט שווער געאָטעמט און אויסגעמיטן צו קוקן אין די אויגן אַריין. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין שרעק און מיט זיינע פאַר־בלאָטיקטע, נאַסע מלבושים.

— מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר האָט אים געוואָלט דערהרגענען. . . — האָט ער געמורמלט. — ווי דערווידער דאָס איז דער מענטשלעכער נאַטור. ווי געוואַלטיק קיינגנאַטירלעך דאָס איז!

— וויאַזוי זענט איר פונדעסטוועגן דאָ אַהער געקומען? — האָט געפרעגט דער זאָאָלאָג.

— פרעגט נישט — האָט דער דיאַקאָן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — דער יצר הרע האָט אָנגערעדט: גיי און גיי. . . מילא, בין איך געגאַנגען, און בין ליגנדיק אין דער קוקורוזע שיִער נישט געשטאָרבן פון שרעק. נאָר אַצינד, געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט. . . איך בין זייער צופרידן פון אייך. — האָט געמורמלט דער דיאַקאָן. — און אונזער זיידעשי־דער טאַראַנ־טול וועט אויך זיין צופרידן. . . אַ ביסל געלעכטער, אַ ביסל גע־לעכטער! נאָר איך בעט אייך שטאַרק נישט צו זאָגן קיינעם, אַז איך בין דאָ געווען, אַנישט וועל איך נאָך כאַפּן אַ גוטע

ציע פון נאַטשאַלסטוואָ. מ'וועט זאָגן: דער דיאַקאָן איז געווען אַ סעקונדאַנט.

— מייגע הערן! — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען. דער דיאַקאָן בעט אייך קיינעם נישט צו זאָגן, אַז איר האָט אים דאָ געזען. ס'קענען אַרויסקומען אומאָנגענעמלעכקייטן.

— ווי דערווידער דאָס איז דער מענטשלעכער נאַטור! — האָט אָפּגעזיפצט דער דיאַקאָן. — אַנטשולדיקט מיר גרויסמוטיק, נאָר איר האָט געהאַט אַזאַ פּנים, אַז איך האָב געמיינט, איר וועט אים אומבאַדינגט דערהרגענען.

— איך האָב געהאַט אַ שטאַרקן חשק אַ סוף צו מאַכן צו דעמדאָזיקן מנוול — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען — נאָר איר האָט מיר אַ געשריי געטון אונטער דער האַנט, און איך האָב נישט געטראָפן. די גאַנצע פּראָצעדור איז מיר אָבער דערווידער פון נישט געוווינטקייט און האָט מיך איינגעמידט, דיאַקאָן. איך בין שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. לאָמיר פאָרן...

— ניין, לאָזט שוין מיך גיין צופוס. איך דאַרף זיך אויס־טרוקענען, וואָרים איך בין דורכגענעצט און געפרוירן גע־וואָרן.

— מילא, ווי איר ווילט — האָט געזאָגט מיט אַ פאַרשמאַכט קול דער אָפּגעשוואַכטער זאָאָלאָג, אַריינזעצנדיק זיך אין דער קאָטש און פאַרמאַכנדיק די אויגן. — ווי איר ווילט...

אין דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך געדרייט לעבן די קאָטשן און איינגעזעסן, איז קערבאַלאַי געשטאַנען באַם וועג און האַלטנ־דיק זיך מיט ביידע הענט באַם בויך, האָט ער זיך נידריק גע־בוקט און געוויזן די ציין; ער האָט געמיינט, אַז די הערן זענען געקומען צופאָרן קוויקן זיך מיט דער נאַטור און טרינקען טיי, און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי זעצן זיך אַריין אין די קאָטשן. באַ אַן אַלגעמיין שווייגן האָט דער צוג גערירט, און לעבן דוכאַן איז פאַרבליבן בלויז דער דיאַקאָן אַליין.

— געגאַנגען דוכאַן, געטרונקען טיי, — האָט ער געזאָגט קערבאַלאַיען. — מייגער וויל עסן.

קערבאַלאַי האָט גערעדט גוט רוסיש, נאָר דער דיאַקאָן

האָט געמיינט, אַז דער טאַטער וועט אים גיכער פאַרשטיין, אויב ער וועט רעדן מיט אים אויף אַ צעבראָכענע רוסישער שפּראַך.

— אַ געפּרעגעלטס אייער, געגעבן קעז...

— גיי אַריין, גיי אַריין, פּאָפּ — האָט געזאָגט קערבאַלאַי, זיך בוקנדיק. — איך וועל אַלץ געבן... ס'איז דאָ קעז, ס'איז דאָ ווײַן... עס, וואָס דו ווילסט.

— ווי אַזוי איז אויף טאַטעריש — גאָט? — האָט געפרעגט דער דיאַקאָן, אַרײַנגייענדיק אין דוכאַן.

— דײַן גאָט און מײַן גאָט איז אַלץ איינס — האָט געזאָגט קערבאַלאַי, נישט פאַרשטייענדיק אים. — גאָט איז בײַ אַלע איינער, נאָר בלויז די מענטשן זענען פאַרשידענע. וועלכע זענען רוסן, וועלכע טערקן, אָדער וועלכע זענען ענגלישע — פאַרשידענע מענטשן איז דאָ אַ סך, נאָר גאָט איז איינער.

— גוט. אויב אַלע פעלקער דינען צו איין גאָט, פאַרוואָס־זשע קוקט איר, מחמדאַנער, אויף קריסטן, ווי אויף אייערע אייביקע שונאים?

— פאַרוואָס בייזערסטו דיך? — האָט געזאָגט קערבאַלאַי, אָנכאַפּנדיק זיך מיט ביידע הענט באַם בויך, — דו ביסט אַ פּאָפּ, איך אַ מחמדאַנער; דו זאָגסט — כ'וויל עסן, גיב איך... נאָר אַ נגיד קלײַבט איבער, וואָסער איז דײַן גאָט, וואָסערער איז מײַנער, אָבער פאַר אַן אָרימאַן איז אַלץ איינס. עס, כ'בעט דיך.

אין דער צײַט, וואָס אין דוכאַן איז פאָרגעקומען דער טעאָלאָגישער שמועס, איז לאַיעווסקי געפאָרן אַהיים און זיך דערמאָנט, ווי אומהיימלעך אים איז געווען צו פאָרן פאַרטאָג, ווען דער וועג, די פעלזן און בערג זענען געווען נאַס און טונקל און די אומבאַקאַנטע צוקונפט האָט זיך פאָרגעשטעלט שרעקלעך, ווי אַ תהום, וואו מען זעט נישט אָן קיין גרונט, און אַצינד האָבן די טראָפּנס פון רעגן, וועלכע זענען געהאָנגען אויפן גראָז און אויף די שטיינער, געפינקלט פון דער זון, ווי דימענטן, די נאַטור האָט פריידיק געשמייכלט, און די שרעקלעכע צוקונפט האָט ער שוין הינטער זיך. ער האָט געוואָרפן בליקן אויף שעשקאָווסקיס מרה־שחורהדיקן, פאַרוויינטן פנים און אויף די צוויי קאָטשן פאָרויס,

אין וועלכע ס׳זענען געזעסן פאַן־קאַרען, זיינע סעקונדאַנטן און דער דאָקטאָר, און אים האָט זיך געדאַכט, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע אומגעקערט פון בית־עלמין, וואו מען האָט אָקאָרשט מקבר געווען אַ שווערן, אומדערטרעגלעכן מענטש, וועלכער האָט אַלע געשטערט צו לעבן.

„אַלץ איז געענדיקט" — האָט ער געקלערט וועגן זיין פאַר־גאַנגענהייט, פאַרזיכטיק גלעטנדיק מיט די פינגער דעם האַלז.

אין דער רעכטער זייט פון האַלז, לעבן קראַגן, האָט בא אים אָנגעצויגן אַ געשווילעכץ, וואָס האָט געהאַט די לענג און די גרעב פון אַ קליינעם פינגער, און ער האָט געשפּירט אַ ווייטיק, ווי ס׳וואָלט אים עמעצער אַדורכגעפירט מיט אַ פּרעס־אייזן איבערן האַלז. דאָס האָט אים קאָנטוזירט די קויל.

נאָכדעם, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן צ׳ען אַ לאַנגער, אויסטערלישער, זיסער און נעפּלדי־קער טאָג, ווי אַ פאַרגעסנהייט. ווי אַן אַרויסגעלאָזטער פון תּפיסה אָדער פון שפּיטאָל, האָט ער זיך איינגעקוקט אין לאַנג באַקאַנטע זאַכן און זיך געוואונדערט, וואָס די טישן, פענצטער, שטולן, די שיין און דער ים ווען אין אים אַ לעבעדיקע, קינדישע פרייד, וואָסערע ער האָט שוין לאַנג־לאַנג נישט איבערגעלעבט. די בליי־כע און שטאַרק אָפּגעצערטע נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ האָט נישט פאַרשטאַנען זיין מילד קול און דעם מאָדנעם גאַנג; זי האָט זיך געאיילט צו דערציילן אים אַלץ, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען... איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט, מסתּמא, שלעכט און פאַר־שטייט זי נישט, און אַז ווען ער וועט זיך דערוויסן אַלץ, וועט ער זי פאַרשעלטן און דערהרגענען, און ער האָט זי אויסגעהאַרכט, געגלעט איר דאָס פּנים און די האָר, געקוקט איר אין די אויגן אַריין און געזאָגט:

— איך האָב קיינעם נישט אַ חוץ דיר...

נאָכדעם זענען זיי לאַנג געזעסן אין גערטל, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, און געשוויגן, אָדער גאָר טרוימענדיק אויפן קול וועגן זייער קינפטיקן גליקלעכן לעבן, האָבן זיי גערעדט קור־

נע, אָפּגעריסענע פּראַזן, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט קיינמאָל פריער נישט גערעדט אַזוי לאַנג און אַזוי שיין.

## XXI.

ס'זענען אַריבער העכער דריי חדשים.

ס'איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען פאָן־קאָרען האָט באַשטימט אַוועקצופאָרן. פון באַגינען אָן איז געגאַנגען אַ גראָבער, קאַלטער רעגן, ס'האָט געבלאָזן אַ דרום־מזרח־ווינט און אויפן ים האָבן גע־ברויזט שטאַרקע כוואַליעס. מען האָט געזאָגט, אַז אין אַזאַ וועטער וועט דער דאַמפער אפשר נישט צוגיין צו דעם רעיד. לויטן פאַר־שריפט האָט ער געדאַרפט אָנקומען אַרום צען אינדערפרי, נאָר פאָן־קאָרען, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען אינמיטן טאָג און נאָכ־מיטאָג צום ברעג, האָט נישט געזען דורכן בינאָקל גאָרנישט, אַ חוץ גראָע כוואַליעס און רעגן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם האָ־ריזאָנט.

אַרום פאַרנאַכט האָט דער רעגן אויפגעהערט און דער ווינט האָט אָנגעהויבן קענטיק זיך איינשטילן. פאָן־קאָרען האָט שוין גע־האַט געשלאָסן שלום מיטן געדאַנק, אַז ער וועט הייַנט נישט פאָרן, און זיך אַוועקגעזעצט מיט סאַמאָילענקאָן שפּילן אין שאָך. נאָר ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, האָט דער אָרדינאַנס געמאָלדן, אַז אויפן ים האָבן זיך באַוויזן פייערן און מען האָט געזען אַ ראַקעט.

פאָן־קאָרען האָט זיך אָנגעהויבן איילן. ער האָט אָנגעטאָן אַ טאָרבעלע איבערן אַקסל, זיך צעקושט מיט סאַמאָילענקאָן און מיטן דיאַקאָן, אָן אַ שום באַדערפעניש אַרומגעגאַנגען אַלע צימערן, זיך געזעגנט מיטן אָרדינאַנס און מיט דער קעכין און איז אַרויס־געגאַנגען אויף דער גאַס מיט אַזאַ געפיל, ווי ער וואָלט כלומרשט

פאַרגעסן עפּעס באַם דאָקטאָר אָדער באַ זיך אין דער דירה. אויף דער גאַס איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט סאַמאָילענקאָן, נאָך זיי דער דיאַקאָן מיט אַ קעסטל, און הינטער אַלע דער אָרדינאַנס מיט צווי וואַליזקעס. בלויז סאַמאָילענקאָ און דער אָרדינאַנס האָבן האָבן אַרויסגעזען די מאַטע פייערלעך אויפן ים, די איבעריקע האָבן געקוקט אין דער פינצטערניש און גאָרנישט געזען. דער דאַמפער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווייט פון ברעג.

— גיכער, גיכער — האָט זיך געאיילט פאָן=קאָרען. — איך האָב מורא, אַז ער וועט אַוועקגיין!

ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען לעבן דעם דריי=פענצטערדיקן הייזל, ווו לאַיעווסקי האָט זיך אַריבערגעקליבן נאָכן דועל, האָט פאָן=קאָרען זיך נישט איינגעהאַלטן און אַריינגעוואָרפן אַ בליק דורכן פענצטער. לאַיעווסקי איז געזעסן איינגעבויגן איבערן טיש, מיטן רוקן צום פענצטער, און געשריבן.

— איך וואונדער מיך — האָט שטיל געזאָגט דער זאָאָלאָג — ווי ער האָט זיך איינגעצוימט!

— יאָ, ס'איז כדאי צו באַוווּנדערן, — האָט אָפּגעזיפצט סאַמאָילענקאָ. — אָט אַזוי פונדערפרי ביזן אָוונט זיצט ער, זיצט כסדר און אַרבעט. די חובות וויל ער אָפּצאָלן. און לעבט, ברודער, ערגער פון אַ בעטלער.

ס'איז אַריבער אַ האַלבע מינוט אין שווייגן. דער זאָאָלאָג, דער דאָקטאָר און דער דיאַקאָן זענען געשטאַנען באַם פענצטער און האָבן אַלץ געקוקט אויף לאַיעווסקין.

— און אַזוי איז ער נישט אַוועקגעפאָרן נעבעך, — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ. — געדענקסט, ווי ער האָט וועלן איינגעלייגט?

— יאָ, ער האָט זיך שטאַרק איינגעצוימט, — האָט איבערגעחזרט פאָן=קאָרען. זיין חתונה, דאָסדאָזיקע אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג פונוועגן שטיקל ברויט, דער נייער אויסדרוק אויפן פנים און אפילו דער גאַנג — דאָס אַלץ איז אַזוי אומגעוויינלעך, אַז איך ווייס באמת נישט, ווי אַזוי עס אָנצורופן, — דער זאָאָלאָג האָט אָנגענומען סאַמאָילענקאָן באַם אָרבל און פאָרגעזעצט מיט אַן אויפגע=

דערגט קול: גיב דו איבער אים און זיין פרוי, אַז ווען איך בין אוועקגעפאָרן, האָב איך זיי באַוווּנדערט, געוואוּנטשן זיי אַלדאָס גוטס... און בעט אים, אַז ער זאָל, אויב ס'איז מעגלעך, נישט דערמאַנען מיך צום שלעכטן. ער קען מיך. ער ווייסט, אַז ווען איך וואָלט געקענט פאָראויסזען דידאָזיקע ענדערונג, וואָלט איך געקענט ווערן זיין בעסטער פריינד.

— דו גיי אַריין צו אים, געזעגן זיך.

— ניין. ס'איז נישט באַקוועם.

— פאַרוואָס? גאָט ווייסט, אפשר וועסטו זיך שוין מיט אים קיינמאָל נישט זען.

דער זאָלאָג האָט אַ קלער געטון און געזאָגט:

ס'איז אמת.

סאַמאָילענקאָ האָט שטיל אַ קלאַפּ געטון מיטן פינגער אין פענצטער. לאַיעווסקי האָט אַ ציטער געטון און זיך אומגעקוקט.

— וואַניאַ, ניקאָלאַי וואַסיליטש וויל זיך מיט דיר געזעגענען — האָט געזאָגט סאַמאָילענקאָ. — ער פאָרט באַלד אַוועק.

לאַיעווסקי איז אויפגעשטאַנען פון טיש און אַרויסגעגאַנגען אין פאָדערהויז, כדי צו עפענען די טיר. סאַמאָילענקאָ, פאָן־קאָרען און דער דיאַקאָן זענען אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— איך קום נאָר אויף איין מינוט — האָט אָנגעהויבן דער זאָלאָג, אויסטועענדיק אין פאָדערהויז די קאַלאָשן און שוין באַדויערנדיק, וואָס ער האָט נאָכגעגעבן דעם געפיל און איז אַריינגעגאַנגען אָן אַן איינלאַדונג. „ס'זעט אויס, ווי כ'וואָלט זיך אָנגעוואָרפן — האָט ער אַ קלער געטון — און דאָס איז נאַריש". — זייט מוחל, וואָס איך באַאומרויק אייך — האָט ער געזאָגט, אַריינגייענדיק נאָך לאַיעווסקין אין זיין צימער אַריין — נאָר איך פאָר באַלד אַוועק, און מיך האָט אַ צי געטון צו אייך. גאָט ווייסט, צי וועלן מיר זיך נאָך זען אַמאָל.

— איך בין זייער צופרידן... איך בעט אונטערטעניק — האָט געזאָגט לאַיעווסקי און אומגעשיקט אונטערגעשטעלט די געסטשטולן, גלייך ער וואָלט זיי געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג,

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימער, רייבנדיק די הענט.

„אַ שאַד, וואָס כ׳האָב נישט איבערגעלאָזט די עדות אויף דער גאַס״ — האָט אַ קלער געטון פּאַן־קאָרען און געזאָגט אַנט־שלאָסן: — דערמאַנט מיך נישט צום שלעכטן, איוואַן אַנדרעיִטש. צו פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע איז, נאַטירלעך, נישט מעגלעך, דאָס איז צו טרויעריק, און איך בין נישט אַריינגעקומען אַהער, כּדי זיך צו אַנטשולדיקן אָדער פאַרזיכערן, אַז איך בין נישט שולדיק. איך האָב געהאַנדלט אויפריכטיק און האָב נישט געענדערט מיינע איבערצייגונגען פון יענער צייט אָן... אמת, ווי איך זע איצט, האָב איך, צו מיין גרויסער פרייד, אַ טעות געהאַט בנוגע אייך, אָבער מען ווערט דאָך געשטרויכלט אויפן גלייכן וועג אויך. און אַזוי איז שוין דאָס מענטשלעכע מזל: אויב האָסט נישט קיין טעות אין עיקר, גרייזסטו אין די פּרטים. קיינער ווייסט נישט דעםווירק־לעכן אמת.

— יאָ, קיינער ווייסט נישט דעם אמת... — האָט געזאָגט לאַיעווסקי.

— נו, זייט געזונט... כ׳ווינטש אייך אַלדאָס גוטס.

פאָן־קאָרען האָט דערלאַנגט לאַיעווסקין די האַנט; לאַיעווס־קי האָט אַ דריק געטון די האַנט און זיך פאַרנייגט.

— דערמאַנט־זשע מיך נישט צום שלעכטן — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען. גריסט אייער פרוי, און זאָגט איר, אַז איך האָב זייער באַדויערט, וואָס איך האָב מיך נישט געקענט געזעגנען מיט איר.

— זי איז אינדערהיים.

לאַיעווסקי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַ זאָג געטון אין צווייטן צימער אַריין:

— נאַדיאַ, ניקאָלאַי וואַסיליטש וויל זיך מיט דיר געזעג־נען.

נאַדיעזשדאַ פעדאַראָוונאַ איז אַריינגעקומען; זי איז געבליבן שטיין בּאַ דער שיר און נישט דרייסט ז״ קוק געטון אויף די געסט. דאָס פּנים איז צ״ איר געווען שולדיק און דערשראָקן, און די

זענט האָט זי געהאַלטן, ווי אַ גימנאַזיסטין, וועלכער מען מאַכט אַ פאָרוואורף.

זי האָט אומאַנטשלאָסן אים דערלאַנגט די האַנט, און לאַיעווסקי האָט זיך פאַרנייגט.

„ווי נעבעכדיק זיי זענען ביידע! — האָט אַ קלײַר געטון פאָן־קאָרען. — נישט ביליק קומט זיי אָן דאָסדאָזיקע לעבן". — איך וועל זיין אין מאָסקווע און אין פעטערבורג — האָט ער געזאָגט — אפשר דאַרפט איר, מען זאָל אייך עפּעס צושיקן פון דאָרטן?

— וואָס־זשע? — האָט געזאָגט נאַדיעזשדאַ פעדאָראָוונאַ און אומרוּיִק זיך איבערגעקוקט מיטן מאַן. — דאַכט זיך, גאָרנישט...

— יאָ, גאָרנישט... — האָט געזאָגט לאַיעווסקי, רייבנדיק די הענט. — גריסט.

פאָן־קאָרען האָט נישט געוווּסט, וואָס נאָך מען קאָן און מען דאַרף זאָגן, הגם פרִיִער, בשעת ער איז אַריינגעגאַנגען, האָט ער געקלערט, אַז ער וועט זאָגן זייער אַ סך גוטס, וואַרעמס און באַדייטנדיקס. ער האָט שווייגנד געדריקט לאַיעווסקין און זיין ווייבס די הענט און איז אַרויסגעגאַנגען פון זיי מיט אַ שווער געפיל.

— וואָס פאַר אַ מענטשן! — האָט מיט אַ האַלב קול געזאָגט דער דיאַקאָן, גייענדיק פונהינטן. — גאָט מיינער וואָסערע מענטשן! באמת גאָטס רעכטע האַנט האָט פאַרזעצט דעמדאָזיקן ווייַנגאָרטן! רבונו של עולם, רבונו של עולם! איינער האָט באַזיגט טויזנטער, און דער אַנדערער די פינצטערניש. ניקאָלאַי וואַסיליִטש — האָט ער געזאָגט ענטוזיאַסטיש — ווייסט, אַז איר האָט היינט באַזיגט דעם גרעסטן מענטשלעכן שונא — די גאווה.

— לאָזט אָפּ, דיאַקאָן, וואָסערע זיגער זענען מיר ביידע! זיגער קוקן אויס ווי די אָדלערס, און ער איז נעבעכדיק, אָפּהענגיק, דערשלאָגן, בייגט זיך, ווי אַ כינעזיש גולמל, און מיר... מיר איז טרויעריק.

פונהינטן האָבן זיך דערהערט טריט. דאָס האָט לאַיעווסקי אָנגעיאָגט, כדי צו באַגלייטן. באַם פּאָרט איז געשטאַנען דער אָר־

דינאַנס מיט צוויי וואַליזקעס, און אַ ביסל ווייטער — פיר וויאָס־לאַרעס.

— ס׳בלאָזט נישקשה... ברר! — האָט געזאָגט סאַמאָילענ־קאָ. — אויפן ים איז, ווייזט אויס, אַ שטורעם — אוי, אוי! נישט אין דער ריכטיקער צייט פאָרסטו, קאָליאַ.

— איך האָב נישט מורא פאַר קיין ים־קרענק.

— נישט דאָס... ס׳זאָלן דיך אַמאָל נישט איבערדרייען די־דאָזיקע שוטים. ס׳וואָלט בעסער געווען אויפן אַגענטס שליופּקע צו־צופאָרן. ווו איז דעם אַגענטס שליופּקע? — האָט ער געשריי גע־טון צו די וויאָסלאַרעס.

— זי איז אָפּגעגאַנגען, אייער עקסעלענץ.

— און דאָס צאָל־שיפל?

— אויך אָפּגעגאַנגען.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר נישט געמאָלדן? — האָט זיך צעבייזערט סאַמאָילענקאָ. — חמורים!

— אַלץ איינס, רעג זיך נישט אויף... — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען. — גיי, זיי געזונט. זאָל אייך גאָט באַשיצן.

סאַמאָילענקאָ האָט אַרומגענומען פאָן־קאָרענען און אים דריי מאָל איבערגעצלמט.

— פאַרגעס־זשע נישט, קאָליאַ... שרייב... דעם קומענ־דיקן פרילינג וועלן מיר דיך אָפּוואַרטן.

— זייט געזונט, דיאַקאָן, — האָט געזאָגט פאָן־קאָרען, דריקנ־דיק דעם דיאַקאָנס האַנט. — אַ דאַנק אייך פאַר דער געזעלשאַפט און די ווילע שמועסן. מכּוח דער עקספּעדיציע קלערט זיך אי־בער.

— יאָ, גאָט מיינער, כאָטש אויף עק וועלט — האָט זיך צעלאַכט דער דיאַקאָן, — איך בין דען קייגן דעם?

פאָן־קאָרען האָט דעריקענט אינדערפינצטער לאַיעווסקין און שווייגנד אים אויסגעצויגן די האַנט. די וויאָסלאַרעס זענען שוין געשטאַנען אונטן און צוגעהאַלטן די לאָדקע, וועלכע האָט זיך גע־דרייט הין און צוריק. פאָן־קאָרען איז אַראָפּגעגאַנגען איבערן ליי־

ווערל, אַרייַנגעשפּרונגען אין דער לאָדקע און זיך אַוועקגעזעצט בײַם רודער.

— שרײַב, — האָט אים אַ געשריי געטון סאַמאָילענקאָ. — דאָס געזונט היט אָפּ!

„קיינער ווייסט נישט דעם ווירקלעכן אמת" — האָט געקלערט לאַיעווסקי, אויפשטעלנדיק דעם קאָלנער פון זיין מאַנטל און אַרייַנרוקנדיק די הענט אין די אַרבל.

די לאָדקע האָט פלינק אויסגעמיטן דעם פּאָרט און איז אַרויסגעגאַנגען אינמיטן ים אַרייַן. זי איז פאַרשוואונדן אין די כוואַליעס, נאָר באַלד האָט זי פון אַ טיפן גרוב אַרויפגעטויכט אויף אַ הויך בערגל, אַזוי, אַז מען האָט געקענט דערבליקן די מענטשן און אפילו די וויאָסלעס. די לאָדקע איז דורכגעגאַנגען אַ דריי מעטער און ס'האָט זי צוריקגעוואָרפן אויף אַ צוויי מעטער.

— שרײַב! — האָט אַ געשריי געטון סאַמאָילענקאָ. — אַ נישטגוטס האָט דיך אָנגעטראָגן אין אַזאַ וועטער צו פאָרן.

„יאָ, קיינער ווייסט נישט דעם ריכטיקן אמת"... — האָט געקלערט לאַיעווסקי, קוקנדיק מיט אומעט אויף דעם פינצטערן אומרויִקן ים.

„ס'וואַרפט די לאָדקע צוריק — האָט ער געקלערט — זי מאַכט צוויי טריט פאָרויס און אַ טריט צוריק, נאָר די וויאָסלאַרעס זענען איינגעשפּאַרט, זיי אַרבעטן אומדערמידלעך מיט די וויאָסלעס און האָבן נישט קיין מורא פאַר די הויכע כוואַליעס. די לאָדקע גייט אַלץ פאָרויס און פאָרויס, אָט זעט מען זי שוין נישט, און ס'וועט אַריבער אַ האַלבע שעה, די וויאָסלאַרעס וועלן דייטלעך דערזען די פייערן פון דאַמפער, און אין אַ שעה אַרום וועלן זיי שוין זיין בײַ די דאַמפער־טרעפּ. אָט אַזוי איז אויך אין לעבן... אין זייער זוכן דעם אמת מאַכן די מענטשן צוויי טריט פאָרויס, איין טריט צוריק. די ליידן, די טעותים, דער אומעט פון לעבן וואַרפט זיי צוריק, נאָר דאָס לעבצן נאָך דעם אמת און דער עקשנותדיקער ווילן טרייבט זיי פאָרויס און פאָרויס. און ווער ווייסט? ס'קען זיין — זיי וועלן צושווימען צום ריכטיקן אמת...

— פאָר געזונט! — האָט אַ געשריי געטון סאַמאָילע־קאָ.

— מען זעט נישט, מען הערט נישט — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן. — אַ גליקלעכן וועג!

ס'האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגן.

# או אטאק

# I.

דער סטודענט פֿון מעדיצינישן פֿאַקולטעט מאַיער און דער שי־לער פֿון מאָסקווער מאָלעריי־סקולפּטור־און אַרכיטעקטור־שולע ריבי־ניקאָוו זענען אין אַ געוויסן אָוונט געקומען צו זייער חבר, צום סטודענט פֿון יורי וואַסיליעוו, און האָבן אים פֿאַרגעלייגט צו גיין מיט זיי אין ס־ישן געסל. וואַסיליעוו האָט תּחילת לאַנג נישט געוואָלט איינשטימען, נאָר נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעטון און איז מיט זיי אַוועקגעגאַנגען.

געפֿאַלענע פֿרויען האָט ער געקענט נאָר פֿון הערן און פֿון ביכער, און אין יענע הייזער, ווו זיי האַלטן זיך אויף, איז ער נישט געווען קיין איין מאָל אין זיין לעבן. ער האָט געוווּסט, אַז ס'זענען פֿאַרהאַן אַזעלכע נישט מאָראַלישע פֿרויען, וואָס אונטערן דרוק פֿון פֿאַטאַלע אומשטענדן — ווי סביבה, שלעכטע דערציִונג, נויט א. ד. גל. — ווערן זיי געצוואונגען צו פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט זייער ערע. זיי ווייסן נישט פֿון קיין ריינער ליבע, האָבן נישט קיין קינדער, זענען נישט רעכטס־פֿעיִק; זייערע מוטערס און שוועסטערן באַוויי־נען זיי, ווי טויטע, די וויסנשאַפֿט באַהאַנדלט זיי, ווי אַ פּרעגניות,

די מענער זאָגן זיי דו. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, ווערן זיי נישט אָן דעם צלם אלוקים. זיי אַלע אָנערקענען זייער זינד און האָפן אויף אַ דערלייזונג. פון די מיטלען, וואָס פירן צו זייער דערלייזונג, קענען זיי געניסן אינם ברייטסטן מאָסשטאַב. די געזעלשאַפט איז, אמת, נישט מוחל די מענטשן זייער פאַרגאַנגענהייט, אָבער בײַ גאָט ווערט די הייליקע מאַריאַ פון עגיפּטן נישט גערעכנט פאַר נידעריקער, ווי אַנדערע הייליקע. ווען וואַסיליעוו איז אויסגעקומען לויט דער קליידונג אָדער לויט די מאַנירן צו דערקענען אויף דער גאַס אַ געפאַלענע פרוי, אָדער ווען ער האָט געזען אַ בילד פון אַזאַ פרוי אין אַ הומאָריסטישן זשורנאַל, איז אים יעדעס מאָל געקומען אויפן זכרון אַ געשיכטע, וואָס ער האָט ערגעץ אַמאָל איבערגעלייענט: אַ געוויסער יונגערמאַן, אַ ריינער און קרבן־פעיקער, האָט ליב געקריגן אַ געפאַלענע פרוי און איר פאָרגעלייגט צו ווערן זיין ווייב, נאָר זי, האַלטנדיק זיך פאַר נישט־ראוי צו אַזאַ גליק, האָט זיך אָפּגעסמט.

וואַסיליעוו האָט געוואוינט אין איינעם פון די געסלעך, וואָס גייען אַרויס אויף טווערער בולוואַר. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב מיט די חברים, איז געווען אַן ערך האַלב 11. ס'איז נאָר־וואָס געהאַט אַראָפּגעפאַלן דער ערשטער שניי און אַלץ אין דער נאַטור האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון דעמדאָזיקן יונגן שניי. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט שניי, ער האָט אונטער די פיס ווייך געסקריפּעט; די ערד, די דעכער, די ביימער, די בענק אויף די בולוואַרן — אַלץ איז געווען ווייך, ווייס, יונג, און דערפון האָבן די הייזער אויסגעקוקט אַנדערש, ווי נעכטן, די לאַמטערנס האָבן געברענט העלער, די לופט איז געווען דורכזיכטיקער, די עקיפּאַזשן האָבן געקלאַפּט געדעמפטער, און צוזאַמען מיט דער פרישער לייכטער פראָסטיקער לופט האָט זיך געבעטן אין נשמה אַריין אַ געפיל, וואָס איז ענלעך געווען צום ווייסן, יונגן, פוכיקן שניי.

— צו דידאָזיקע טרויעריקע ברעגעס נישט־ווילנדיק, — האָט אויפגעזונגען דער מעדיק מיט אַן אָנגענעמען טענאָר — ציט מיך אַן אומבאַוואוסטע קראַפט...

— אָט איז די מיל... — האָט אים אונטערגעהאָלפֿן דער קינסטלער, — זי איז דאָך שוין איינגעפֿאַלן..

— צט איז די מיל... זי איז דאָך שוין איינגעפֿאַלן... — האָט איבערגעחזרט דער מעדיק, אויפֿהייבנדיק די ברעמען און צושאָקלענדיק טרויעריק מיטן קאָפּ.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַ רייב געטאָן דעם שטערן, כּדי צו דערמאָנען זיך די ווערטער, און זיך צעזונגען הויך און אַזוי שיין, אַז די דורכגייער האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט:

— דאָ האָט אַמאָל מיך אַ פֿרייען באַגעגנט די ליבע די פֿרייע...

זיי זענען אַלע דריי אַרײַנגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן און, נישט אויסטוענדיק די פּאַלטנס, האָבן זיי אויסגעטרונקען באַם בופֿעט צו צוויי גלעזלעך בראָנפֿן. פֿאַרן אויסטרינקען דאָס צווייטע גלעזל, האָט וואַסיליעוו באַמערקט באַ זיך אין בראָנפֿן אַ שטיקעלע קאָרק. ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס גלעזל צו די אויגן, לאַנג אַרײַנגעקוקט דערין און קורצזיכטיק זיך געכמורעט. דער מעדיק האָט נישט פֿאַרשטאַנען זײַן מינע און געזאָגט:

— נו, וואָס קוקסטו? כ'בעט דיך, אָן פֿילאָזאָפֿיע! בראָנפֿן איז געגעבן געוואָרן צום טרינקען, פֿיש — צום עסן, פֿרויען — צום פֿאַרברענגען באַ זיי, שניי — צו גיין אויף אים. כאָטש איין אָוונט לעב דורך מענטשלעך!

— כ'זאָג דאָך גאָרנישט... — האָט וואַסיליעוו געזאָגט לאַכנדיק — איך זאָג זיך דען אָפּ?

פֿונעם בראָנפֿן איז אים וואַרעם געוואָרן אין דער ברוסט. ער האָט מיט נחת געקוקט אויף זײַנע חברים, אָנגעקוואָלן פֿון זיי און מקנא געווען. סאַראַ גלײַכגעוויכט אין אַלעם ס'איז באַ די דאָזיקע געזונטע, קרעפֿטיקע, פֿריילעכע מענטשן, ווי אַלץ אין זייערע מוחות און נשמות איז פֿאַרענדיקט און גלאַטיק! זיי קענען זינגען, האָבן ליידנשאַפֿטלעך ליב טעאַטער, זיי מאָלן, רעדן אַ סך, טרינקען, און דער קאָפּ טוט זיי נישט ווי אויפֿן צווייטן טאָג נאָכדעם; זיי זענען אי פּאָעטיש, אי אויסגעלאַסן, אי צערטלעך, אי עזותדיק;

זיי קענען סיי אַרבעטן, סיי אויפגעבראַכט ווערן, סיי לאַכן אָן אַ סיבה, סיי רעדן באַרישקייטן; זיי זענען היציק, ערלעך, קרבן-פּעיק, און ווי מענטשן, זענען זיי מיט גאָרנישט ערגער פון אים, וועלכער האָט יעדן טריט און יעדעס וואָרט זיינס, איז פול מיט חשד צו יעדן, איז פּאָרזיכטיק און די מינדסטע קלייניקייט איז ער גרייט צו דערפירן צו דער מדרגה פון אַ „פּראַגע”. און אים האָט זיך פאַרגלוסט כאָטש איין אָוונט דורכצולעבן אַזוי, ווי ס'לעבן די חברים, פונאַנדערוויקלען זיך, באַפרייען זיך פון אייגענעם קאָנטראָל. מ'וועט דאַרפן טרינקען בראָנפן? ער וועט טרינקען, ס'זאָל אים אפילו מאָרגן פּלאַצן דער קאָפּ פון ווייטיק. מען פירט אים צו פרויען? ער גייט. ער וועט לאַכן, זיך נאַריש מאַכן, פריילעך פאַרטשעפּן די דורכגייער...

פון רעסטאָראַן איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ געלעכטער, ס'זענען אים געפעלן די חברים זיינע — אייבער אין אַ צעקנייטשטן ברייטראַנדיקן קאַפּעלוש מיט אַ פּרעטענזיע אויף קינסטלערישער אומאָרדנונג, דער צווייטער אין אַ פּאָקן היטעלע, אַ מענטש אַ פאַרמעגלעכער נאָר מיט אַ פּרעטענזיע צו געהערן צו דער וויסנשאַפטבאַהעמע; ס'איז אים געפעלן דער שניי, די בלייכע שיין פון די לאַמטערנס, די בולטע, שוואַרצע סמנים, וואָס ס'האָבן איבערגעלאָזט אויפן ערשטן שניי די זוילן פון די פאַרבייגייער; אים איז געפעלן די לופט און באַזונדער יענער דורכזיכטיקער, צאַרטער, נאַיווער, ממש ייִנגפרויִשער טאָן, וועלכן מען קען באַאָבאַכטן אין דער נאַטור נאָר צוויי מאָל אין יאָר: ווינטער, ווען אַלץ איז באַדעקט מיט שניי און אָנהייב פרילינג — אין די ליכטיקע טעג, אָדער לבנה-נעכט, ווען אויפן טייך פּלאַצט דאָס אייז.

— צו דידאָזיקע טרויעריקע ברעגעס נישט ווילנדיק, — האָט ער אויפגעזונגען מיט אַ האַלב קול — ציט מיך אַן אומבאַוווּסטע קראַפט...

און דעם גאַנצן וועג איז איבער עפּעס באַ אים און באַ זיינע חברים נישט אַראָפּ פון די ליפּן דערדאָזיקער מאָטיוו, און אַלע דריי האָבן אים אונטערגעברומט מעכאַניש, נישט האַרמאָניש.

װאַסיליעװס פֿאַנטאַזיע האָט געמאָלט, װי אין אַ צען מינוט אַרום װעט ער און זײַנע חברים אָנקלאַפּן אין אַ טיר, װי זײ װעלן דורך פֿינצטערע פּאָדערהײזלעך און פֿינצטערע צימערן זיך אונטערגנבענען צו די פֿרױען, װי באַנוצנדיק זיך מיט דער פֿינצטערניש, װעט ער פּלוצלינג אַ רײַב־טון אַ שװעבעלע, באַלײַכטן און דערזעען אַ לײַדנדיק פּנים מיט אַ שולדיקן שמײכל. די אומבאַקאַנטע בלאָנדינקע אָדער ברונעטקע װעט אװדאי זײַן מיט צעלאָזטע האָר און אין אַ װײַס נאַכט־בלוזקעלע; זי װעט זיך דערשרעקן פֿאַר דער שײַן, מוראדיק צעמישט װערן און װעט זאָגן: „װאָס טוט איר! למען השם, לעשט־אױס!“ דאָס אַלץ איז שרעקלעך, נאָר אינטערעסאַנט און נײַ.

II

די חברים האָבן פֿון טרובנער פּלאַץ אַראָפּגעדרײט אױף גראַטשעװקאַ און זענען באַלד אַרײַנגעגאַנגען אינעם געסל, װעגן װעלכן װאַסיליעװ האָט געװוּסט נאָר פֿון הערן. דערזעענדיק די צװײ שורות הײַזער מיט די העל־באַלױכטענע פֿענצטער און אױפֿגעפּראַלטע טירן, דערהערנדיק די פֿרײלעכע טענער פֿון פּאַרטעפּיאַנען און פֿידלען — די קלאַנגען, װאָס זענען אַרױסגעפֿלױגן פֿון אַלע טירן און האָבן זיך צונױפֿגעמישט אין עפּעס אַ מאָדנעם פּלאָנטער, װאָס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, װי ערגעץ־װאו אין דער פֿינצטערניש איבער די דעכער װאָלט זיך אײַנגעסטראָיעט אַ נישט געזעענער אָרקעסטער, — האָט װאַסיליעװ זיך פֿאַרװוּנדערט און געזאָגט:

— סאַראַ מאַסע הײַזער!

— דאָס איז גאָרנישט! — האָט געזאָגט דער מעדיק. —

אין לאָנדאָן איז דאָ צען מאָל אַזוי פיל. דאָרטן איז פאַרהאַן בערך אונדערט טויזנט אַזוינע פרויען.

די קוטשערס זענען געזעסן אויף די קעלניעס פונקט אַזוי רויק און גלייכגילטיק, ווי אין אַנדערע געסלעך; אויף די טראָטו-אַרן זענען געגאַנגען אַקוראַט אַזעלכע דורכגייער, ווי אויף די אַנ-דערע גאַסן. קיינער האָט זיך נישט געאיילט, קיינער האָט נישט באַהאַלטן דאָס פנים און קאָלנער קיינער האָט נישט געשאָקלט תרעומותדיק מיטן קאָפּ... און אין דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט, אין דעם קלאַנגען-פּלאָנטער פון קלאַווירן און פידלען, אין די העל באַלויכטענע פענצטער און צעפּראַלטע טירן האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ געוואַלטיקע אָפנקייט, חוצפה, צעלאָזטקייט און אימפּעט. אפנים, אַז אין אַמאָליקע צייטן איז אויף די שקלאַפן-מערק אויך געווען אַזוי פריילעך און רוישיק, און די פנימער און דער גאַנג פון די מענטשן האָבן אויך אויסגעדריקט אַזאַ גלייכגילטיקייט.

— לאָמיר אָנהייבן באַלד פון אָנהויב, — האָט געזאָגט דער קינסטלער.

די חברים זענען אַריין אין אַ שמאָל קאָרידאָר וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ לאָמפּ מיט אַ רעפלעקטאָר. ווען זיי האָבן אויפגעעפנט די טיר, האָט אין פאָרצימער פון אַ געלער סאָפע זיך אויפגעהויבן אַ פאַרשוין אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט אַן אומגעגאָלט לאַקייִש פנים און מיט פאַרשלאָפענע אויגן. דאָ איז געווען אַ ריח, ווי אין אַ וועשעריי, און אַ חוץ דעם האָט זיך נאָך געשפּירט עסיק. פונם פאָרצימער האָט געפירט אַ טיר אין אַ העל-באַלויכטן צימער אַריין. דער מעדיק און דער קינסטלער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דערדאָזיקער טיר און, אויסציִענדיק די העלזער, האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל אַ קוק געטון אין צימער אַריין.

— באָנאַ-סעראַ, סעניאָרינס, ריגאָלעטאָ — הוגענאָטן — טראַוויאַטאַ! — האָט אָנגעהויבן דער קינסטלער, טעאַטראַליש-פאַר-נייגנדיק זיך.

— האַוואַנאַ — וואַנצאַנאַ — פּיסטאָלעטאָ! — האָט געזאָגט דער מעדיק, צודריקנדיק צו דער ברוסט זיין היטעלע און נידעריק זיך בייגנדיק.

וואַסיליעוו איז געשטאַנען הינטער זיי. אים האָט זיך אויך געגלוסט צו פאַרנייגן זיך טעאַטראַליש און זאָגן עפּעס אַ נאַריש־קייט, אָבער ער האָט נאָר געשמייכלט, געפילט אַ פאַרלעגנהייט, ענלעך צו בושה, און מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס ווייטער וועט זיין. אין די טירן האָט זיך באַוויזן אַ קליינינקע בלאָנדינקע פון אַ יאָר 17—18, מיט געשוירענע האָר, אין אַ קורץ בלאָס־בלוי קלייד און מיט אַ ווייסער אַקסלבאַנד אויף דער ברוסט.

— וואָס־זשע שטייט איר אין דער טיר ? — האָט זי גע־זאָגט — טוט אויס די פּאַלטנס און קומט אַריין אין זאַל.

ניט אויפהערנדיק צו רעדן איטאַליעניש, זענען דער מע־דיק און דער קינסטלער אַריינגעגאַנגען אין זאַל. וואַסיליעוו איז נישט אַנטשלאָסן זיי נאָכגעגאַנגען.

— מיינע הערן, טוט־אויס אייערע פּאַלטנס ! — האָט שטרענג געזאָגט דער לאָקיי. אַזוי איז נישט דערלויבט.

אַ חוץ דער בלאָנדינקע איז אין זאַל געווען נאָך איין פרוי, זייער אַ דיקע און אַ הויכע, מיט נישט קיין רוסיש פּנים און מיט נאַקעטע הענט. זי איז געזעסן לעבן פּאָרטעפּיאַן און זיך אויסגע־לייגט אויף די קניען אַ פּאַסיאַנס. אויף די געסט האָט זי נישט געלייגט קיין אַכט.

— וואו־זשע זענען די איבעריקע פריילינס ? — האָט גע־פרעגט דער מעדיק.

— זיי טרינקען טיי, — האָט געזאָגט די בלאָנדינקע. — סטעפּאַן, — האָט זי אַ געשריי געטון : — גיי זאָג די מיידלעך, אַז סטודענטן זענען געקומען.

אין אַ ווילע אַרום איז אין זאַל אַריינגעקומען אַ דריטע פריילין. דידאָזיקע איז געגאַנגען אין אַ העל־רויט קלייד מיט בלאָע פּאַסקעלעך. איר פּנים איז געווען געדיכט און נישט געראָטן אָפּ־געפאַרבט, דער שטערן איז געווען באַהאַלטן אונטער די האָר, די אויגן האָבן געקוקט נישט פינטלענדיק און איבערגעשראָקן. אַזויווי נאָר זי איז אַריינגעקומען, האָט זי באַלד אויפגעזונגען מיט אַ שטאַרקן גראָבן קאָנטראַלט עפּעס אַ ליד. נאָך איר האָט זיך באַוויזן אַ פערטע פריילין, נאָך דער אַ פינפטע. . .

אין דעם אַלעם האָט וואַסיליעוו גאָרנישט געזען קיין נייעס און קיין אינטערעסאַנטס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דעמדאָזיקן זאַל, דעם פּאָרטעפּיאַן, דעם שפּיגל אין דער ביליקער ראַם, די אַקסלבאַנד, דאָס קלייד מיט די בלאָע פּאַסקעלעך און די טעמפּע, גלייכגילטיקע פּנימער האָט ער שוין ערגעץ־ווּ געזען — און נישט איין מאָל. די פינצטערניש אָבער, די שטילקייט, די סודות, דעם שוּלדיקן שמייכל, — דאָס אַלדינג, וואָס ער האָט זיך געריכט דאָ צוּ טרעפן און וואָס האָט אים געשראָקן, — פוּן דעם אַלעם האָט ער נישט געזען קיין שאָטן.

אַלץ איז געווען געוויינטלעך, פּראָזאַיש און נישט אינטערעסאַנט. איינס נאָר האָט לייכט גערייצט זיין נייגעריקייט — דאָס איז די שרעקלעכע, פּוּנקט ווי בכיוון צוּגעטראַכטע געשמאַקלאָזיקייט, וואָס איז געווען קענטיק אין די געזימסן, אין די אוּמגעלוּמפּערטע בילדער, אין די קליידער, אין דער אַקסלבאַנד. אין דערדאָזיקער געשמאַקלאָזיקייט איז געווען עפּעס כאַראַקטעריסטישס, אייגנאַרטיקס.

— ווי אָרים און נאַריש ס'איז אַלץ! — האָט וואַסיליעוו געטראַכט. — וואָס קען אין דערדאָזיקער גאַנצער אוּמגעלוּמפּערטקייט, וואָס איך זע דאָ אַצינד, ברענגען אַ נאָרמאַלן מענטש צוּ אַ נסיון, באַוועגן אים צוּ באַגיין אַ שרעקלעכע זינד — קויפן פאַר אַ רוּבל אַ לעבעדיקן מענטש? איך פאַרשטיי אַ וועלכע ס'איז זינד צוּליב גלאַנץ, שיינקייט, גראַציע, ליידנשאַפט, געשמאַק, אָבער דאָ וואָס איז? פוּנוועגן וואָס זינדיקט מען דאָ? איבעריקנס... מען דאַרף נישט קלערן!

באָרד, — זייט מכבד מיט פּאָרטער! — האָט זיך צוּ אים געווענדט די בלאָנדינקע.

וואַסיליעוו איז פּלוּצלינג צעמישט געוואָרן.

— מיט פאַרגעניגן... — האָט ער געזאָגט, העפלעך פאַרנייגנדיק זיך — נאָר אַנטשוּלדיקט, פריילין, איך... איך וועל מיט אייך נישט טרינקען, איך טרינק נישט.

אין אַ פינף מינוּט אַרוּם זענען די חברים שוין געגאַנגען אין אַן אַנדער הויז אַריין.

— נו, נאָכוואָס האָסטו געהייסן געבן פּאָרטער? — האָט זיך געבייזערט דער מעדיק. — אַ מין מיליאָנער! צרויסגעוואָרפן זעקס רובל סתם אַזוי זיך אויפן ווינט!

— אַז זי וויל, פאַרוואָס־זשע נישט צושטעלן איר דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן? — האָט וואַסיליעוו זיך פאַרענטפערט.

— דו האָסט פאַרשאַפט פאַרגעניגן נישט איר, נאָר דער באַלעבאָסטע. צו פאַרלאַנגען פונדעס פון די געסט הייסן זיי די באַלעבאָסטעס, וואָרום זיי לוינט דאָס.

— אָט איז די מיל... — האָט אויפגעזונגען דער קינסטלער. — זי איז דאָך שוין איינגעפאַלן.

אַרייַנקומענדיק אינם אַנדערן הויז, זייַנען די חברים נאָר אַ ביסל געשטאַנען אינם פאָרצימער, אָבער אין זאַל זענען זיי נישט אַרייַנגעגאַנגען. אַקוראַט, ווי אינם ערשטן הויז, האָט אויך אינם דאָזיקן פאָרצימער זיך אויפגעהויבן פון דער אָטאָמאַנע אַ פיגור אין אַ פראַק און מיט אַ פאַרשלאָפן פנים. קוקנדיק אויפן דאָזיקן לאָקיי, אויף זיין פנים און דעם אָפּגעטראָגענעם פראַק, האָט וואַסיליעוו אַ קלער געטאָן: „וואָס אַלץ דאַרף איבערלעבן אַ געוויינלעכער, פשוטער רוסישער מענטש, איידער דער גורל פאַרוואַרפט אים אַהער פאַר אַ לאָקיי? וואו איז ער געווען פריער און וואָס האָט ער געטאָן? וואָס וואַרט אויף אים? האָט ער אַ ווייב? וואו איז זיין מוטער און צי ווייסט זי, אַז ער דינט דאָ אַלס לאָקיי?"
און אין יעדן הויז האָט שוין וואַסיליעוו קודם כל געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט אויפן לאָקיי. אין איינעם פון די הייזער, דאַכט זיך, אינם פערטן לויטן סדר, איז דער לאָקיי געווען אַ קליינינקער, אַ חלושדיקער, אַן איינגעטרוקנטער, מיט אַ קייטעלע אויפן וועסטל. ער האָט געלייענט אַ „טאָגבלאַט" און נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף די אַרייַנגעקומענע. ווען וואַסיליעוו האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין פנים, האָט ער איבער עפּעס אַ קלער געטאָן, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ פנים איז מסוגל צו באַגנבענען, צו דערהרגענען, און פאַלש שווערן. און דאָס פנים איז באמת געווען טשעקאַווע: אַ גרויסער שטערן, גראָע אויגן, אַ צוגעפלאַטשט נעזל, דראָבנע, צונויפגעפרעסטע ליפן, און דער אויסדרוק אַ טעמפער און

גלייכצייטיק אַ חוצפּהדיקער, אַזוי ווי בײַ אַ ייִנגן יאַגד־הונט, בשעת ער יאָגט נאָך אַ האָז. וואַסיליעוו האָט אַ קלער געטון, אַז ס'וואָלט געלוינט אָנצורירן דעמדאָזיקן לאַקיס האָר: צי זענען זיי האַרטע אָדער ווייכע? מסתּמא האַרטע, ווי בײַ אַ הונט.

# III.

פון די צוויי גלעזער פּאָרטער, וואָס דער קינסטלער האָט אויסגעטרונקען, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן בגילופין און אומנאַטירלעך אויפגעהייטערט.

— לאָמיר גיין אין אַן אַנדערס! — האָט ער געקאָמאַנדעוועט, מאַכנדיק מיט די הענט, — איך וועל אייך פירן אינם סאַמע בעסטן!

ווען ער האָט געבּרענגט די חברים אינם הויז, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען דאָס סאַמע בעסטע, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט צו טאַנצן אַ קאַדריל. דער מעדיק האָט אָנגעהויבן וואָרטשען דערויף, וואָס מען וועט דאַרפן באַצאָלן די מוזיקאַנטן אַ רובל, אָבער ער האָט איינגעשטימט צו זיין אַ וויז־אַ־ווי און מען האָט אָנגעהויבן טאַנצן.

אין דעם סאַמע בעסטן איז געווען אַקוראַט אַזוי נישט־גוט, ווי אינם סאַמע ערגסטן. דאָ זענען געווען פּונקט די אייגענע שפּיגלען און בילדער, פּונקט אַזעלכע פריזורן און קליידער. באַטראַכטנדיק די אויסשטאַטונג און די קאָסטיומען, האָט וואַסיליעוו שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין געשמאַקלאָזיקייט, נאָר דער געשמאַק און סטיל פון ס־ישן געסל; אַז דאָס איז עפּעס גאַנצעס אין זיין העסלעכקייט, נישט קיין צופעליקס, נאָר אַזעלכעס, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער צייט. נאָכדעם, ווי ער איז אויסגעווען אין אַכט הייזער, האָבן אים שוין נישט געחידושט די פאַרבן

פון די קליידער, נישט די לאנגע שלעפ, די העלע בענדער, די מאטראסישע קאסטיומען, נישט די גערדיכטע פיאלעט־פארב פון די באקן; ער האט פארשטאנען, אז דאס אלדינג דארף דא טאקע אזוי זיין, אז ווען אפילו בלויז איינע פון די דזשיקע פרויען זאל זיך אנטון מענטשלעך, אדער ווען מען זאל אויף דער וואנט אויפהענגען אן אנשטענדיקע גראוויור, וואלט דערפון געליטן דער אלגעמיינער טאן פונם גאנצן געסל.

— ווי אומגעראטן זיי פארקויפן זיך! — האט ער געטראכט. — צי קענען זיי טאקע נישט פארשטיין, אז אן עבירה איז נאר דעמאלט רייצנד, ווען זי איז שיין און ווערט געטון געהיים, ווען זי טראגט אויף זיך דעם שלייער פון צניעות? באשיידענע שווארצע קליידער, בלאסע פנימער, טרויעריקע שמייכלען און טונקלקייט ווירקן אן א שיעור שטארקער, ווי דערדזשיקער פושעדישער שעך. נאראנים! אויב זיי פארשטייען דאס אליין נישט, וואלטן זיי די געסט געמעגט דאס אויפקלערן, מיין איך...

א מיידל אין א פוילישן קאסטיום מיט א ווייס־פוטערנער באזומונג איז צוגעגאנגען צו אים און זיך לעבן אים אנידערגעזעצט.

— חנעוודיקער ברונעט, וואס טאנצט איר נישט? — האט זי געפרעגט. — פארוואס זענט איר אזא אומעטיקער?

— ווייל ס׳איז אומעטיק.

— פונדעוועגט מיר לאפיט, וועט נישט זיין אומעטיק.

וואסיליעוו האט גארנישט געענטפערט, ער האט א ווילע געשוויגן און געפרעגט:

— אין וועלכער צייט לייגט איר זיך שלאפן?

— ארום זעקס.

— און ווען שטייט איר אויף?

— אמאל צווייען, און אמאל דרייען.

— און וואס טוט איר, ווען איר שטייט אויף?

— מיר טרינקען קאווע, ארום זיבן עסן מיר מיטאג.

— און וואס עסט איר מיטאג?

— געוויינלעך... זופ אדער בארשט, ביפשטיק, דעסערט,

אונזער מאַדאַם גיט גוטע קעסט די מיידלעך. נאָר נאָכוואָס פרעגט איר דאָס אַלץ?

— סתם, כדי צו רעדן...

וואַסיליעוו האָט זיך געגלוסט צו רעדן מיט דעם מיידל וועגן אַ סך זאַכן. ער האָט געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג געוואויר צו ווערן, פונוואַנען זי שטאַמט, צי אירע עלטערן לעבן און צי זיי ווייסן, אַז זי געפינט זיך דאָ. ווי אַזוי זי איז אַריינגעפאַלן אינעם דאָזיקן הויז, צי איז זי פריילעך און צופרידן, אָדער זי איז טרויריק און ווערט געפּלאָגט פון מרה-שחורהדיקע געדאַנקען, צי האָפט זי אַרויסצוגיין אַמאָל פון איר איצטיקער לאַגע. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקענט צוטראַכטן, פון וואָס אָנצוהייבן און וואָסער פאָרם צוצוגעבן דער פראַגע, כדי נישט אויסצוזוייזן זיך אומבאַשיידן. ער האָט לאַנג געקלערט און אַ פרעג געטון:

— ווי אַלט זענט איר?

— אַכציק, — האָט זיך אַ וויצל געטון דאָס מיידל, קוקנדיק מיט געלעכטער אויף די קונצשטיק, וואָס דער טאַנצנדיקער קינסטלער האָט געוויזן מיט די הענט און מיט די פיס.

פּלוצלינג האָט זי זיך פון עפּעס הילכיק צעלאַכט און אַרויסגעזאָגט הויך, אַזוי, אַז אַלע האָבן געהערט, אַ לאַנגע ציניש פראַזע.

וואַסיליעוו איז צעטומלט געוואָרן און, נישט ווייסנדיק, וואָסערן אויסדרוק צוצוגעבן זיין פּנים, האָט ער אָנגעשטרענגט אַ שמייכל געטון. אַ שמייכל געטון האָט נאָר ער אַליין, ווארים די איבעריקע — זיינע חברים, די מוזיקאַנטן און די פרויען — האָבן אפילו נישט קיין קוק געטון אויף זיין שכנטע, גלייך זיי וואָלטן גאָרנישט געהערט.

— פונדרעוועט לאַפּיט! — האָט די שכנטע נאָכאַמאָל אַ זאָג געטון.

וואַסיליעוו האָט דערפילט אַן עקל צו איר ווייסן פוטערזוים און צו איר קול און איז אַוועקגעגאַנגען פון איר. אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז ס'איז דושנע און הייס, און דאָס

האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן פּאַמעלעך, נאָר שטאַרק, ווי אַ האַמער: איינס-צוויי-דריי!

— לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען! — האָט ער אַ זאָג געטון, אַ שלעפּ געגעבן דעם קינסטלער באַם אַרבל.

— וואַרט-צו, לאָז ענדיקן.

אין דער צייט, וואָס דער קינסטלער און דער מעדיק האָבן געענדיקט דעם קאַדריל, האָט וואַסיליעוו, בכדי נישט צו קוקן אויף די פּרויען, גענומען באַטראַכטן די מוזיקאַנטן. אויפן פּאָרטעפּיאַן האָט געשפּילט אַ פיינער זקן אין ברילן, וואָס איז ענלעך געווען מיטן פּנים צום מאַרשאַל באַזען; אויפן פידל — אַ יינגערמאַן מיט אַ בלאָנדן בערדל, אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע. דעם יינגנמאַנס פּנים איז געווען נישט קיין נאַרישס, נישט קיין אָפּגענוצטס, נאָר פאַרקערט, אַ קלוגס, אַ יינגס, אַ פרישס. אָנגעטון איז ער געווען קאַפּריזמעסיק און מיט געשמאַק, האָט געשפּילט מיט געפיל. שטעלט זיך די פראַגע: וויאַזוי איז ער און דערדאָזיקער אָנשטענדיקער, פיינער אַלטער אַריינגעפאַלן דאָ אַהער? פאַרוואָס איז זיי נישט קיין בושה דאָ צו זיצן? וועגן וואָס קלערן זיי, בשעת זיי קוקן אויף די פרויען?

ווען אויפן פּאָרטעפּיאַן און אויפן פידל וואָלטן געשפּילט מענטשן אָפּגעריסענע, הונגעריקע, מרהשחורהדיקע, שכורע, מיט איבערגעבּרענטע אָדער טעמפּע פּנימער, דאַמאָלס וואָלט זייער אָנוועזנהייט דאָ אפשר געווען פאַרשטענדלעך. אָבער אַצינד האָט וואַסיליעוו גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. אים איז געקומען אויפן זכּרון די געשיכטע פון דער געפאַלענער פרוי, וואָס ער האָט אַמאָל איבערגעלייענט, און ער האָט איצט אײַנגעפונען, אַז דאָסדאָזיקע מענטשלעכע געשטאַלט מיטן שולדיקן שמייכל האָט נישט קיין שום שייכות דערמיט, וואָס ער זעט אַצינד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט דאָ איצט נישט קיין געפאַלענע פרויען, נאָר עפּעס אַן אַנדערע, גאָר באַזונדערע וועלט, וואָס איז אים פרעמד און אומפאַרשטענדלעך; ווען ער וואָלט פריער דערזען דידאָזיקע וועלט אויף דער סצענע אין טעאַטער, אָדער ווען ער לייענט איבער וועגן דעם אין אַ בוך, וואָלט ער נישט געגלייבט...

די פרוי מיטן באַזוימטן ווייסן פּוטער האָט ווידער אַרויסגע־לאַכט און הויך אַרויסגערעדט אַן עקלדיקע פראַזע. אַ געפיל פון עקל האָט אים באַהערשט, ער איז רויט געוואָרן און אַרויסגעגאַנ־גען.

— שטיי, מיר גייען אויך! — האָט צו אים אַ געשריי גע־טון דער קינסטלער.

## IV.

— איך האָב ערשט געהאַט אַ שמועס מיט מיין דאַמע, בשעת מיר האָבן געטאַנצט, האָט דערציילט דער מעדיק, ווען זיי זענען אַלע דריי ארויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. מיר האָבן גערעדט וועגן איר ערשטן ראָמאַן; ער, דער העלד — איז עפּעס אַ בוכהאַלטער אין סמאָלענסק, האָט אַ ווייב מיט פינף קליינע קינדער. זי איז אַלט געוועז 17 יאָר און געלעבט באַם טאַטעשי און דער מאַמעשי, וואָס האַנדלען מיט זייף און ליכט.

— מיט וואָס־זשע האָט ער באַזיגט איר האַרץ? — האָט אַ פרעג געטון וואַסיליעוו.

— דערמיט, וואָס ער האָט איר געקויפט וועש פאַר פופציק רובל... דער טייוול ווייסט עס!

„פונדעסטוועגן, האָט ער דאָך געקענט אַרויסקריגן באַ זיין דאַמע איר ראָמאַן, — האָט וואַסיליעוו אַ קלער געטון וועגן מע־דיק. — און איך קען נישט... — מיינע הערן, איך גיי אַהיים!״ — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס איך קען זיך דאָ נישט האַלטן. אַ חוץ דעם איז מיר לאַנגווייליק און עקלדיק. וואָס איז דאָ פאַר אַ פריילעכ־קייט? ס'וואָלטן, לפחות, געווען מענטשן, אָבער דאָס זענען דאָך

ווילדע ברואים און חיות. איך גיי אַוועק, זאָגט, וואָס איר ווילט.

— נו, גרישאַ, גריגאָרי, ליבער... — האָט געזאָגט מיט אַ ווייגעדיק קול דער קינסטלער, צודריקנדיק זיך צו וואַסיליעוון, — קום מיט אונז! מיר וועלן אַריינגיין נאָך אין איין הויז און — ווערן זיי פאַרברענט... כ'בעט דיך! גריגאָריאַנץ!

וואַסיליעוו האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און מען האָט אים אַרויפגעפירט אינדערהייך אויף טרעפּ. אין דעם דיוואַן און אינם באַגילדטן טרעפּ־אָנלען, אינם שווייצער, וואָס האָט געעפנט די טיר, און אינם פּאַנאַ, וואָס האָט באַצירט דאָס פּאָרצימער, האָט זיך געפילט אַלץ דער אייגענער סטיל פון ס־ישן געסל, נאָר אַ מער פאַרפולקאָמטער, אימפּאָנירנדיקער.

— כ'לעבן, איך וועל גיין אַהיים! — האָט געזאָגט וואַסיליעוו, אויסטוענדיק דעם פּאַלטן.

— נו, נו, ליבער... — האָט געזאָגט דער קינסטלער און אים אַ קוש געטון אין האַלז. — קאַפּריזעווע נישט... גרי־גרי, זיי אַ חבר! מיר זענען איניינעם געקומען, וועלן מיר איניינעם אוועקגיין. סאַראַ בהמה דו ביסט, באמונה.

— איך קאָן אויף אייך צוואַרטן אויף דער גאַס, אויף מיין וואָרט, ס'איז מיר דאָ עקלדיק.

— נו, נו, גרישאַ... ס'איז עקלדיק, אָבער דו אָבסערוויר! פאַרשטייסט? אָבסערוויר!

— מען דאַרף קוקן אָביעקטיוו אויף זאַכן — האָט ערנסט געזאָגט דער מעדיק.

וואַסיליעוו איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל און האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַ חוץ אים און די חברים זענען אין זאַל נאָך געווען אַ סך געסט: צוויי פּיעכאָטע־אָפיצירן, עפּעס אַ גרויער און פליכיקער הער אין גאָלדענע ברילן, צוויי אַנוואַנסיקע סטודענטן פון אַגראָנאָמישן אינסטיטוט און אַ געוואַלטיק שיכורער פאַרשוין מיט אַן אַקטיאָריש פּנים. אַלע מיידלעך זענען געווען פאַרנומען מיט דידאָזיקע געסט און האָבן נישט געלייגט אויף וואַסיליעוון קיין שום אַכט. נאָר איינע פון זיי, אָנגעטון אַלאַ־אַ׳ידאַ, האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף

אים, אַ שמייכל געטון פון עפּעס און אַרויסגעזאָגט, גענעצנ־דיק:

— אַ ברונעט איז געקומען...

וואַסיליעוון האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און געפלאַמט דאָס פּנים. ס'איז אים געווען אַ בושה פאַר די געסט, וואָס ער געפינט זיך דאָ, און עקלדיק און פיינלעך.

אים האָט געפּייניקט דער געדאַנק, וואָס ער, אַן אָרנטלעכער און ליבנדיקער מענטש (פאַר אַזעלכן האָט ער זיך בּיז איצט גע־געהאַלטן), האָט פיינט דידאָזיקע פּרויען און פילט נישט צו זיי גאָר־נישט, אַ חוץ עקל. ער האָט נישט באַדויערט דידאָזיקע פּרויען, נישט די מוזיקאַנטן, נישט די לאָקייען.

„דאָס איז דערפאַר, וואָס איך באַמי זיך נישט זיי צו פאַר־שטיין, — האָט ער געקלערט. — זיי אַלע זענען מער ענלעך צו חיות, ווי צו מענטשן, אָבער זיי זענען דאָך פונדעסטוועגן מענטשן, זיי האָבן דאָך נשמות, מען דאַרף זיי פריער פאַרשטיין און דע־מאָלט ערשט משפּטן"...

— גרישאַ, גיי־זשע נישט אַוועק, וואַרט צו אויף אונז! — האָט צו אים אַ געשריי געטון דער קינסטלער און איז ערגעץ־וואו־נעלם געוואָרן.

אינגיכן איז אויך פאַרשוואונדן געוואָרן דער מעדיק.

„יאָ, מען דאַרף זיך באַמיען צו פאַרשטיין, אַנדערש קאָן מען נישט"... — האָט וואַסיליעוו ווייטער געקלערט.

און ער האָט אָנגעהויבן אָנגעשטרענגט זיך איינקוקן אינם פּנים פון איטלעכער פרוי און זוכן אַ שולדיקן שמייכל, נאָר — אָדער ער האָט נישט געקענט לייענען אין די פּנימער, אָדער קיין איינע פון דידאָזיקע פּרויען האָט זיך נישט געפילט שולדיק — אויף יעדן פּנים האָט ער נאָר געזען אַ טעמפּן אויסדרוק פון אַל־טעגלעכער, טריוויאַלער לאַנגווייליקייט און צופרידנקייט. נאַרישע אויגן, נאַרישע שמייכלען, שאַרפע, נאַרישע קולות, חוצפּהדיקע באַ־וועגונגען — און מער גאָרנישט. אַפּנים, יעדע פון זיי האָט געהאַט אין פאַרגאַנגענהייט אַ ראָמאַן מיט אַ בוכהאַלטער און מיט וועש פאַר־פופציק רובל, און אין דער געגנוואַרט פאַרמאָגן זיי נישט קיין

גרעסערן אידעאַל אין לעבן אויסער קאָזע, אַ מיטאָג פון דריי גאָבן, ווײַן, אַ קאַדריל, שלאָפן ביז צוויי אַ זייגער...

נישט געפינענדיק קיין איין שולדיקן שמייכל, האָט וואַסיליעוו אָנגעהויבן זוכן, צי איז נישט פאַראַן עפּעס אַ קלוג פּנים. און זײַן אויפמערקזאַמקייט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין בלאָסן, אַביסעלע שלעפעריקן, אָפּגעמאַטערטן געזיכט... דאָס איז געווען אַ גישט ייִנגע ברונעטקע, אָנגעטון אין אַ קאָסטיום, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט גאָלד-פליטערלעך; זי איז געזעסן אין אַ פאָטעל, האָט געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע און וועגן עפּעס געטראַכט. וואַסיליעוו איז זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק און האָט אַזויווי אומגערן זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר.

„מען דאַרף אָנהייבן פון עפּעס באַנאַלס, — האָט ער געקלערט — און דערנאָך ביסלעכווײַז איבערגיין צו ערנסטערס"... — סאַראַ שיין קאָסטיומל איר גייט! — האָט ער אַ זאָג געטון און אָנגערירט מיטן פינגער די גאָלדענע פראַנדז אויפן האַלזבאַנד.

— וואָסערס כ'האָב... — האָט פלעגמאַטיש געזאָגט די ברונעטקע.

— פון וואָסער גובערניע זענט איר?

— איך? אַ ווײַטע... פון טשערניגאָווער.

— אַ שיינע גובערניע. דאָרט איז גוט.

— ס'איז גוט דאָרטן, וואו מיר זענען נישטאָ.

„אַ שאָד, וואָס איך קען נישט שילדערן די נאַטור, — האָט אַ קלער געטון וואַסיליעוו. מען וואָלט זי געקענט רירן מיט אַ שילדערונג פון דער טשערניגאָווער נאַטור. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט עס ליב, אויב זי איז דאָרטן געבוירן געוואָרן.

— אײַך איז דאָ לאַנגווײַליק? — האָט ער געפרעגט.

— אוודאי איז לאַנגווײַליק.

פאַרוואָס-זשע גייט איר נישט אַוועק פונדאַנען, אַז ס'איז אײַך לאַנגווײַליק?

— וווהין-זשע וועל איך גיין? בעטן אַ נדבה אפשר?

— אַ נדבה צו בעטן איז גרינגער, ווי לעבן דאָ.

— און פונוואַנען ווייסט איר? איר האָט דען געבעטן?

— כ׳האָב געבעטן, ווען כ׳האָב נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַרן לערנען. ווען כ׳זאָל אפילו נישט האָבן געבעטן, איז אַזוי אויך פאַרשטענדלעך. אַ בעטלער איז על כל פנים אַ פרייער מענטש, און איר זענט אַ שקלאַפין.

די ברוּנעטקע האָט זיך אַ צי געטון און באַגלייט מיט די שלעפּעריקע אויגן דעם לאָקיי, וועלכער האָט געטראָגן אויף אַ טאַץ גלעזער און זעלצער־וואַסער.

— זייט מכבד מיט פאָרטער, — האָט זי געזאָגט און נאָכ־אַמאָל אַ געגעץ געטון.

„מיט פאָרטער... — האָט אַ קלער געטון וואַסיליעוו. — און וואָס וואָלט געווען, ווען ס׳וואָלט דאָ ערשט אַריינגעקומען דיין ברודער אָדער דיין מוטער ? וואָס וואָלסטו עפּעס געזאָגט ? און וואָס וואָלטן זיי געזאָגט ? ס׳וואָלט דאַמאָלס געווען אַ פאָרטער, שטעל איך מיר פאָר“...

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געוויין. פון שכנותדיקן צי־מער, וואוהין דער לאָקיי האָט אַריינגעטראָגן זעלצער־וואַסער, איז שנעל אַרויסגעגאַנגען עפּעס אַ בלאָנדין מיט אַ רויט פנים און בייזע אויגן. נאָך אים איז געגאַנגען די הויכע, דיקע באַלעבאָסטע און האָט געשריגן מיט אַ קוויטשעדיק קול :

— קיינער האָט אייך נישט דערלויבט צו שלאָגן די מיידלעך איבערן פנים ! צו אונז קומען אַריין געסט פון אַ גרעסערן יחוס ווי איר, און שלאָגן נישט פונדעסטוועגן ! שאַרלאַטאַן !

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. וואַסיליעוו האָט זיך דערשראָקן און איז בלאַס געוואָרן. אינם שכנותדיקן צימער האָט מען געוויינט יאָ־מערלעך, אויפריכטיק, אַזויווי ס׳ווייַנען באַעוולטע. און ער האָט תופס געווען, אַז דאָ וואוינען טאַקע אינדערעמתן מענטשן, ווירקלעכע מענטשן, וואָס באַליידיקן זיך, ליידן, וויינען, בעטן הילף, פונקט ווי אומעטום... די שווערע שנאה און דאָס עקלדיקע גע־פיל האָבן אָפּגעטרעטן זייער אָרט פאַר אַ שאַרף געפיל פון רחמנות און כעס אויפן באַליידיקער. ער האָט זיך אַ לאָז געטון אינם צי־מער, וואו מען האָט געוויינט ; דורך די שורות פלעשער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן מאַרמאָרענעם פּלאַט פון טיש, האָט ער

דערזעען אַ ליידנדיק פּנים, נאָס פון טרערן; ער האָט אויסגעצויגן די הענט צום דאָזיקן פּנים, געמאַכט אַ טריט צום טיש, נאָר איז באַלד מיט שרעק אָפּגעשפּרונגען צוריק. די ווייבעדיקע איז געווען שכור.

דורכשטויסנדיק זיך דורך דעם טומלענדיקן עולם, וואָס האָט זיך צונויפגענומען אַרום דעם בלאַנדין, איז ער אָפּגעפאַלן פון מוט, האָט מורא געקריגן, ווי אַ ייִנגל, און אים האָט זיך אויסגעחלומט, אַז אין דער דאָזיקער אים פרעמדער און אומפאַרשטענדלעכער וועלט וויל מען אים נאָכיאָגן, שלאָגן, באַשיטן מיט שמוציקע ווערטער... ער האָט אַראָפּגעריסן פון מלבושים־הענגער זיין פּאַלטן און איז געשווינד אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

## V.

אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּלויט, איז ער געשטאַנען לעבן הויז און געוואַרט, אַז די חברים זאָלן אַרויסגיין. די קלאַנגען פון די פּאַרטעפּיאַנען און פידלען, די פּריילעכע, עזותדיקע, חוצפּהדיקע און טרויעריקע, האָבן זיך צונויפגעפּלאָנטערט אין דער לופט אין אַ מין מיש־מאַש, און דער דאָזיקער פּלאָנטער איז, ווי פריער, ענלעך געווען דערצו, אַזוי ווי אין דער פינצטערניש איבער די דעכער וואָלט פּלומרשט זיך איינגעסטראָיעט אָן אומגעזעענער אָרקעסטער. אַז מען האָט אַ קוק געטון אַרויף צו דער דאָזיקער פינצטערניש, איז דער גאַנצער שוואַרצער פּאָן געווען באַשיט מיט ווייסע באַוועגלעכע פּינטעלעך: ס'איז געפאַלן אַ שניי. זיינע פּלאַטקעלעך האָבן, אַריינפאַלנדיק אין ליכט, זיך פויל געדרייט אין דער לופט, ווי פּוך, און ענען נאָך פוילער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. די שנייעלעך האָבן זיך מאַסנוויייז געדרייט אַרום וואַסיליעוון און זיך אָנגעהאָנגען אויף זיין באָרד, וויעס, ברעמען... די קוטשערס, די פערד און די דורכגייער זענען געווען וויס.

„און וויאַזוי קאָן גאָר פאַלן שניי אין דעמדאָזיקן געסל ! —
האָט וואַסיליעוו געטראַכט. — פאַרשאָלטן זאָלן ווערן דידאָזיקע
הייזער".

דערפון וואָס ער איז אַזוי האַסטיק אַראָפּגעלאָפן פון די
טרעפּ, האָבן זיך באַ אים די פיס אַרונטערגעבויגן פון מידקייט ;
ער האָט געסאַפּעט, גלייך ער וואָלט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ
באַרג, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי, אַז מען האָט געהערט.
אים האָט געמאַטערט דער פאַרלאַנג, וואָס גיכער זיך אַרויסצוקריגן
פונם געסל און גיין אַהיים, נאָר באַכמער האָט זיך אים געוואָלט
צוּוואַרטן אויף די חברים און אויסלאָזן צו זיי זיין שווער גע-
מיט.

ער האָט אַ סך זאַכן נישט פאַרשטאַנען אין די הייזער, די
נשמות פון די זינקענדיקע פרויען זענען פאַרבליבן פאַר אים, ווי
פריער, אַ סוד, נאָר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז די זאַך איז אַ סך
ערגער, ווי מען האָט געקענט מיינען. אויב דידאָזיקע שולדיקע
פרוי, וואָס האָט זיך אָפּגעסמט, האָט געהייסן געפאַלענע, איז פאַר
די אַלע, וואָס האָבן איצט געטאַנצט אונטער דעם קלאַנגען-פּלאַנ-
טער און גערעדט לאַנגע עקלדיקע פראַזן, שווער צוצוקלייבן אַ פּאַ-
סיקן נאָמען. דאָס זענען נישט קיין זינקענדיקע פרויען, נאָר שוין
פאַרזונקענע.

„די זינד איז פאַרהאַן, — האָט ער געטראַכט — נאָר
ס'איז נישטאָ קיין באַוואוסטזיין פון שולד, נישט קיין האָפנונג זיך
אַרויסצוראַטעווען. מען פאַרקויפט זיי, מען קויפט, מען טרענקט זיי
אין וויין און אין געמיינקייט, אָבער זיי זענען ווי שעפּסן,
טעמפּ, גלייכגילטיק און פאַרשטייען נישט. מיין גאָט ! מיין
גאָט !

אים איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַלץ, וואָס מען רופט
מענטשלעכע ווירדע, פּערזענלעכקייט, צלם אלוקים, איז דאָ פאַר-
אומרייניקט געוואָרן ביזן גרונט, „אין טינוף", ווי ס'זאָגן די
שיכורים, און אַז שולדיק דערין איז נישט בלויז דאָס געסל מיט
די טעמפּע פרויען.

אַ חברה ווייס-באַשנייטע סטודענטן איז פאַרביי אים דורכ-

געגאַנגען, רעדנדיק פרייליך און לאַכנדיק. איינער פון זיי אַ הוי־כער און דאַרער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט וואַסיליעוון אין פּנים אַריין און געזאָגט מיט אַ שיכור קול:

— אַן אונזעריקער! האָסט זיך אָנגעקערעט, ברודער? אַ־האַ־האַ, ברודער! נישקשה, הוליע! רודער! נישט געזאָרגט, פּע־טער!

ער האָט אָנגענומען וואַסיליעוון בײַ די אַקסלען און זיך צוגעדריקט צו זיין האַלז מיט נאַסע, קאַלטע וואָנסן, נאָכדעם האָט ער זיך אַ גליטש געטון, זיך אַ וואַקל געטון און, אויסשפּרייטנדיק ביידע הענט, האָט ער אויסגעשריגן:

— פּאַמעלעך! פאַל נישט!

און אַרויסלאַכנדיק, האָט ער גענומען לויפן דעריאָגן די חברים.

דורכן געררויש האָט זיך דערהערט דעם קינסטלערס שטי־מע:

— איר זאָלט זיך נישט וואַגן צו שלאָגן קיין פּרויען, איך זעל עס אייך נישט דערלויבן, דער טייוול זאָל אייך כאַפּן! איר אויסוואורפן אַזעלכע!

אין די טירן פון הויז האָט זיך באַוויזן דער מעדיק. ער האָט אַ קוק געטון אין ביידע זייטן, דערזעען וואַסיליעוון און גע־זאָגט צערודערט:

— דו שטייסט דאָ? הער, אויף מיין וואָרט, מיט יעגאָרן איז פּשוט אוממעגלעך צו גיין ערגעץ. וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז, פאַרשטיי איך נישט. אים איז איינגעפאַלן צו מאַכן אַ סקאַנ־דאַל! הערסט? יעגאָר! — האָט ער אַ געשריי געטון אין דער טיר אַריין: — יעגאָר!

— איך וועל אייך נישט דערלויבן צו שלאָגן פּרויען! — האָט זיך דערהערט אינדערהייך דעם קינסטלערס דורכדרינגלעכע קול.

עפּעס שווערס און נישט מאַסיווס האָט זיך אַ קאַלער געטון אַראָפּ פון די טרעפּ. דאָס האָט דער קינסטלער געמאַכט אַ קאָזשע־

ליק פון די שטיגן אַראָפּ. מען האָט אים, משמעות, אַרויסגעוואָרפן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, אָפּגעשאָקלט דעם קאַפּעלוש און מיט אַ בייז, דערצערנט פּנים האָט ער אַרויפגעדראָט אינדערהייך מיט דער פויסט און אויסגעשריגן:

— פּאָדליעצעס! מענטשנפרעסערס! בלוטצאַפּערס! איך וועל אייך נישט דערלויבן צו שלאָגן! שלאָגן אַ שוואַכע, שיכּורע פרוי! אַך, איר...

— יעגאָר... נו, יעגאָר... — האָט אָנגעהויבן בעטן דער מעדיק. — איך גיב דיר דאָס ערנוואָרט, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל מער נישט גיין מיט דיר, ערנוואָרט!

דער קינסטלער האָט זיך ביסלעכווייז באַרויִקט, און די חברים האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים.

— צו דידאָזיקע טרויעריקע ברעגעס נישט ווילנדיק, — האָט אויפגעזוונגען דער מעדיק — ציט מיך אַן אומבאַוווסטע קראַפט...

— אָט איז די מיל... — האָט אַ ביסל דערנאָך אונטערגעהאָלפן דער קינסטלער. — זי איז דאָך שוין איינגעפאַלן... סאַראַ שנייַ ס'וואַליעט, מוטער הייליקע! גרישקאַ, פאַרוואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען? אַ פּחדן ביסטו, אַ באַבע און מער גאָרנישט!

וואַסיליעוו איז געגאַנגען הינטער די חברים, געקוקט זיי אויף די פּלייצעס און געטראַכט:

„איינס פון דיביידע: אָדער אונדז דאַכט זיך נאָר, אַז פּראָסטיטוציע איז — אַ פּרעניות, און מיר זענען מגזם; אָדער פאַרקערט, אויב פּראָסטיטוציע איז ווירקלעך אַזאַ פּרעניות, ווי ס'איז אָנגענומען צו מיינען, דאַן זענען מיינע ליבע חברים פונקט אַזוינע שקלאַפנהערשער, פאַרגוואַלטיקער, און מערדער, ווי יענע איינוואוינער פון סיריען און קאַיר, וועלכע מען באַשרייבט אין „ניוואַ“. זיי זינגען אַצינד, לאַכן, רעדן פאַרנונפטיק, אָבער צי האָבן ז י י נאָר וואָס נישט עקספּלאָאַטירט הונגער, אומוויסנהייט און טעמפּקייט? — זיי — כ'האָב עס אַליין געזען. ווי־זשע פּאָרט זיך דאָס מיט זייער

הומאַניזם, מעדיצין, מאָלעריי? די וויסנשאַפֿט, די קונסט און די דערהויבענע געפֿילן פֿון דידאָזיקע מענטשן־מערדער דערמאָנען מיך אָן דעם שמאַלץ אין דעם געוויסן אַנעקדאָט, ווי צוויי גזלנים האָבן דערהרגעט אין וואַלד אַ בעטלער; זיי האָבן אָנגעהויבן זיך טיילן מיט זיינע מלבושים און געפֿונען אין טאָרבע אַ שטיק חזיר־שמאַלץ. „פּונקט צוגעטראָפֿן — האָט געזאָגט איינער פֿון זיי — לאָמיר טאַקע פֿאַרבייסן.” — ס'טייטש, ווי מעג מען דען? — האָט זיך איבערגעשראָקן דער צווייטער. — האָסט פֿאַרגעסן, אַז היינט איז מיטוואָך?” און זיי האָבן נישט געגעסן. זיי האָבן נאָר וואָס געשאָכטן אַ מענטש, און פֿון וואַלד זענען זיי אַרויסגעגאַנגען מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי האָבן נישט עובר געווען אויפֿן תּענית. דאָס אייגענע איז דאָ מיט דידאָזיקע. זיי האָבן נאָר וואָס געקויפֿט פֿרויען, און גייען דאַ אַצינד און מיינען, אַז זיי זענען קינסטלער און געלערנטע”...

— הערט נאָר, איר! — האָט ער געזאָגט בייז און שאַרף. — נאָכוואָס גייט איר דאָ אַהער? פֿאַרשטייט איר טאַקע באמת נישט, ווי גרוילעך דאָס איז? אייער מעדיצין זאָגט, אַז יעדע פֿון דידאָזיקע פֿרויען שטאַרבט פּריצייטיק פֿון שווינדזיכט אָדער פֿון עפּעס אַנדערש; די קונסט זאָגט, אַז מאָראַליש שטאַרבט זי אַוועק נאָך פֿריער. יעדע פֿון זיי שטאַרבט דערפֿון, וואָס זי נעמט אויף אין איר לעבן דורכשניטלעך, לאָמיר זאָגן, פֿינף הונדערט מענער. יעדע איינע ווערט דערהרגעט פֿון פֿינף הונדערט מאַן. צווישן דידאָזיקע פֿינף הונדערט — זענט איר! אַצינד, אויב אירביידע וועט אין משך פֿון אייער גאַנץ לעבן קומען אַהער און אין אַנדערע ענלעכע ערטער צו צווייהונדערט און פֿופֿציק מאָל, הייסט דאָס, אַז אויף אייך ביידע וועט אויסקומען איין דערהרגעטע פֿרוי! איז דען דאָס נישט פֿאַרשטענדלעך? צו דערהרגענען זאַלבערצוויי, זאַלבערדריי, זאַלבערפֿינף איין נאַרישע הונגעריקע פֿרוי! אַך, איז עס דען נישט גרוילעך, גאָט מיינער!

— כ'האָב געוואוסט, אַז דערמיט וועט זיך ענדיקן, — האָט פֿאַרקרומענדיק זיך, געזאָגט דער קינסטלער. — מען האָט נישט

באַדאַרפט צונויפשפּאַנען זיך מיט דעמדאָזיקן שוטה און גולם! דו מיינסט, אַז דו האָסט אַצינד אין קאָפּ הויכע געדאַנקען, אידעען? ניין, דער טייוול ווייסט עס, נאָר נישט קיין אידעען! דו קוקסט אויף מיר אַצינד מיט שנאה און פאַראַכטונג, און — לויט מיין מיינונג — וואָלסטו בעסער איינגעאָרדנט נאָך אַזוינע צוואָנציק הייזער, איידער אַזוי צו קוקן. אין דעמדאָזיקן בליק דיינעם איז דאָ מער זינד, ווי אין דעם גאַנצן געסל! לאָמיר גיין, וואָלאָדיאַ, כאַפּט אים דער רוח! אַ שוטה, אַ גולם און מער גאָרנישט...

— מיר, מענטשן, דערהרגענען קעגנזייטיק איינער דעם אַנדערן, — האָט געזאָגט דער מעדיק, — דאָס איז, נאַטירלעך, אוממאָראַליש, — נאָר מיט פילאָזאָפיע וועסטו דאָ גאָרנישט העלפן. זיי געזונט!

אויפן טרובנער פּלאַץ האָבן זיך די חברים געזעגנט און זיך צעגאַנגען. פאַרבלייבנדיק אַליין, האָט וואַסיליעוו גענומען שנעל שפּריינן איבערן בולוואַר. ער האָט געפילט אַ פּחד פאַר דער פינסטערניש, פאַר דעם שניי, וועלכער איז פלאַטקעסווייז געפאַלן אויף דער ערד און, ס'האָט זיך געדאַכט, ער וויל פאַרשיטן די גאַנצע וועלט; אַ פּחד האָבן אויף אים אָנגעיאָגט די לאַמטערן־פייערן, וועלכע האָבן בלייך געצאַנקט דורך די שניי־וואָלקנס. אַן אומדערקלערלעכע קליינמוטיקע מורא האָט באַהערשט זיין נשמה. זעלטן־ווען זענען אים אַנטקייגנגעקומען דורכגייער, נאָר ער האָט זיך שרעקעוודיק געזייטיקט פון זיי. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון אומעטום גייען און פון אומעטום קוקן אויף אים פרויען, בלויז פרויען...

„ס'הייבט זיך שוין אָן בא מיר, — האָט ער געקלערט. — דער אַטאַק הייבט זיך אָן"...

## VI

אינדערהיים איז ער געלעגן אויפן בעט און האָט גערעדט, שוידערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער:

— לעבעדיקע! לעבעדיקע! גאָט מיינער, זיי זענען לעבעדיקע!

ער האָט אויף כּלערליי אופנים צוגעשאַרפט זיין פאַנטאַזיע, פאַרגעשטעלט זיך גופא — דאָ ווי אַ ברודער פון אַ געפאַלענער פרוי, דאָ ווי אירס אַ פאָטער, דאָ אַלס געפאַלענע פרוי אַליין, מיט צוגעשמירטע באַקן, און פון דעם אַלעם האָט אים אַרומגענומען אַ גרויל.

אים האָט זיך איבער עפּעס געדאַכט, אַז ער מוז לייזן די פראַגע תיכף ומיד, אָן אַ שום תירוץ, און אַז דידאָזיקע פראַגע איז נישט קיין פרעמדע, נאָר זיינס אָן אייגענע. ער האָט אָנגעשטרענגט די כּוחות, באַקעמפט אין זיך די פאַרצווייפלונג און, אויפזעצנדיק זיך אין בעט, אַרומנעמענדיק מיט די הענט דעם קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן באַקלערן: וויאַזוי צו ראַטעווען די אַלע פרויען, וואָס ער האָט היינט געזען. דער סדר פון לייזן פאַרשידענע פראַגן איז אים, ווי אַ געבילדעטן מענטש, געווען גוט באַקאַנט. און, ווי אויפגערייצט ער איז נישט געווען, האָט ער זיך שטרענג געהאַלטן אָן דאָזיקן סדר. ער האָט באַוויזן זיך צו דערמאַנען די געשיכטע פון דער פראַגע, איר ליטעראַטור; און אַרום פיר אַ זייגער האָט ער אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק און זיך באַמיט צו דערמאַנען די אַלע עקספּערימענטן, וואָס ווערן אין היינטיקער צייט פּראַקטיצירט, כּדי צו ראַטעווען אַזעלכע פרויען. ער האָט געהאַט אַ סך גוטע חברים און פריינד וואָס האָבן געוואוינט אין מעבלירטע צימערן באַ פאַלצפיין, גאַלאָשקינען, ניעטשאַיעוון, יעטשקינען... צווישן זיי

איז פאַרהאַן נישט ווייניק ערלעכע און קרבן־פעיקע מענטשן. איי־ניקע פון זיי האָבן געפּרוווט ראַטעווען פרויען...

„דידאַקטיקע אַלע נישט פּילצאָליקע פרווון, — האָט וואַסיליעוו געטראַכט — קאָן מען איינטיילן אין דריי גרופּעס. מאַנכע האָבן אויסגעקויפט די פרוי פון שאַנדהויז, האָבן פאַר איר געדונגען אַ נומער, געקויפט אַ ניי־מאַשין, און זי איז געוואָרן אַ נייטאָרין. און דער אויסקויפער האָט, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, געמאַכט זי פאַר זיינס אַ קעפּסווייב; נאָכדעם, ווען ער האָט געענדיקט דעם קורס און איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער זי איבערגעגעבן אונטער דער השגחה פון אַ צווייטן אָרנטלעכן מענטש, ווי עפּעס אַ זאַך. און די געפאַלענע פרוי איז פאַרבליבן אַ געפאַלענע. אַנדערע האָבן, אויס־קויפנדיק, אויך געדונגען פאַר איר אַ נומער, איינגעקויפט דאָס אומפאַרמיידלעכע ניי־מאַשינדל, האָבן נאָך אָנגעווענדט בילדונג, פּראָפּאַגאַנדע, לייענען ביכער. די פרוי האָט אַזוי געלעבט און גע־נייט, כּל־זמן ס'איז איר געווען ניי און אינטערעסאַנט. אָבער נאָכ־דעם, ווען ס'איז איר געוואָרן לאַנגווייליק, האָט זי אָנגעהויבן בסוד פאַר די פּראָפּאַגאַנדיסטן אויפצונעמען מאַנסלייט, אָדער זי איז גאָר אַנטלאָפן צוריק אַהין, וואו מען קאָן שלאָפן ביז דריי אַ זייגער, טרינקען קאַווע און עסן זעטיקע מיטאָגן. די דריטע, די צומייסטנס הייסע און קרבנפעיקע, האָבן געמאַכט אַ דרייסטן, אַנטשלאָסענעם טריט. זיי האָבן חתונה געהאַט מיט די פרויען. און ווען די חוצ־פּהדיקע, צעבאַלעוועטע, אָדער טעמפּע, דערשלאָגענע חיה איז גע־וואָרן אַ ווייב, אַ באַלעבאָסטע און דערנאָך אַ מוטער, האָט דאָס אי־בערגעקערט מיט די פיס קאַפּויער איר לעבן און וועלט אָנשויונג, אַזוי, אַז נאָכדעם איז אין דעם ווייב און אין דער מוטער שווער געווען צו דערקענען די געוועזענע געפאַלענע פרוי. יאָ, נעמען פאַר אַ ווייב — דאָס איז דאָס בעסטע, און אפשר דאָס איינציקע מיטל".

— אָבער דאָס אוממעגלעכע! — האָט וואַסיליעוו אַרויסגע־זאָגט אויפן קול און זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט. — איך וואָלט דער־רשטער נישט געקענט חתונה האָבן מיט אַזעלכער! דערויף דאַרף מען זיין א הייליקער, נישט קענען פיינט האָבן און נישט וויסן פון

עקל. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז איך, דער מעדיק און דער קינסט־לער האָבן זיך גובר געווען און התונה געהאַט. וואָס־זשע איז דער פּועל־יוצא? דער פּועל־יוצא וואָס איז? דער פּועל יוצא איז, אַז אין דער צייט, וואָס זיי וועלן דאָ, אין מאָסקווע, חתונה האָבן, וועט דער סמאָלענסקער בוכהאַלטער פאַרפירן אַ נייע פּאַרטיע, און די דאָזיקע פּאַרטיע וועט אַהערשטראָמען דאָ אויף די וואַקאַנטע ערטער אײַנגענעמען מיט סאַראַטאָווער, ניזשעגאָראָדער, וואַרשעווער... און וואו וועט מען אַהינטון די הונדערטטויזנט לאָנדאָנער? וואו וועט מען אַהינטון די האַמבורגער?

דער לאָמפּ, אין וועלכן ס'האָט זיך אויסגעברענט דער נאַפט, האָט אָנגעהויבן צו טשאַדען. וואַסיליעוו האָט דאָס נישט באַמערקט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן און ווייטער געקלערט. איצט האָט ער שוין אַוועקגעשטעלט די פראַגע אַנדערש: וואָס באַדאַרף מען טון, אַז געפאַלענע פרויען זאָלן מער נישט בייטיק זיין? דערצו איז נויטווענדיק, אַז די מענער, וואָס קויפן זיי און דערהרגענען, זאָלן דערפילן די גאַנצע אוממאָראַלישקייט פון זייער פאַרשקלאַפערישער ראָלע און ס'זאָל זיי דורכנעמען אַ גרויל. מען דאַרף ראַטעווען די מענער.

„מיט וויסנשאַפט און קונסט וועט מען, באַטירלעך, גאָרנישט אויפטון... — האָט וואַסיליעוו געטראַכט. — דאָ איז פאַראַן איין אויסוועג — „מיסיאָנערישקייט“.

און ער האָט אָנגעהויבן פאַנטאַזירן וועגן דעם, ווי שוין מאָרגן אינאָוונט וועט ער שטיין אין ראָג פון געסל און רעדן צו יעדן דורכגייער:

— וואוהין און נאָכוואָס גייט איר? האָט גאָט אין האַרצן!

ער וועט זיך ווענדן צו די גלייכגילטיקע קוטשערס און זיי זאָגן:

— נאָכוואָס שטייט איר דאָ? פאַרוואָס דריקט איר נישט אויס אייער פאַרביטערונג, אייער פּראָטעסט? איר גלייבט דאָך אין גאָט און ווייסט, אַז דערפאַר וועלן מענטשן גיין אין גיהנום אַריין, פאַרוואָס־זשע שווייגט איר? אמת, די פרויען זענען אייך פרעמדע,

אָבער זיי האָבן דאָך אויך פּאָטערס, ברידער, פּונקט אַזעלכע, ווי איר. . .

עמעצער פון די חברים האָט אַמאָל געזאָגט וואַסיליעוון, אַז ער איז אַ טאַלענטירטער מענטש. ס׳זענען דאָ טאַלענטן שרייבערישע, סצענישע, מאָלערישע, ער פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן טאַלענט — אַ מ ע נ ט ש ל ע כ ן. ער באַזיצט אַ פיינעם, גרויסאַרטיקן חוש צו ווייטיק בכלל. ווי אַ גוטער אַקטיאָר שפּיגלט אָפּ אין זיך פרעמדע באַוועגונגען און אַ פרעמד קול, אַזוי קען וואַסיליעוו אָפּשפּיגלען אין זיין נשמה פרעמדן ווייטיק. קוים דערזעט ער טרערן, וויינט ער; לעבן אַ קראַנקן ווערט ער קראַנק און קרעכצט; אויב ער זעט געוואַלט־טאַט, דאַכט זיך אים, אַז דער געוואַלט־טאַט ווערט באַגאַנגען איבער אים, ער קריגט מורא, ווי אַ יינגל אין, מורא האָבנדיק, לויפט ער העלפן. פרעמדער שמערץ צערייצט אים, רודערט אים אויף, ברענגט אים אַריין אין אַ צושטאַנד פון עקסטאַז א. ד. גל.

צי איז גערעכט דער חבר — ווייס איך נישט, נאָר דאָס, וואָס וואַסיליעוו האָט איבערגעלעבט, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז די פראַגע איז געלייזט, איז זייער ענלעך געווען צו עקסטאַז. ער האָט געוויינט, געלאַכט, גערעדט אויפן קול די ווערטער, וואָס ער וועט מאָרגן זאָגן, געפילט אַ הייסע ליבשאַפט צו יענע מענטשן, וואָס וועלן אים פאָלגן און וועלן זיך אַוועקשטעלן צוזאַמען מיט אים אין ראָג פון געסל פירן פּראָפּאַגאַנדע; ער האָט זיך געזעצט שרייבן בריוו, געגעבן זיך שבועות. . .

דאָס אַלץ איז ענלעך געווען צו עקסטאַז שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס האָט נישט לאַנג געדויערט; וואַסיליעוו איז גיך מיד געוואָרן. די לאָנדאָנער, האַמבורגער, וואַרשעווער האָבן אים געדריקט מיט זייער מאַסע, ווי בערג דריקן די ערד; ער האָט זיך געפילט אָפּהענטיק פאַר דערדאָזיקער מאַסע, האָט זיך פאַרלוירן; ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער באַזיצט נישט קיין רעדנערישע פעיקייטן, אַז ער איז פחדנותדיק און קליינמוטיק, אַז די גלייכגילטיקע מענטשן וועלן, מסתמא, נישט וועלן גאָר האָרכן און פאַרשטיין אים, דעם סטודענט־יוריסט פון דריטן קורס, דעם אָפּהענטיקן און נישטיק

מענטש; אַז אמתדיקע מיסיאָנערישקייט באַשטייט נישט בלויז אין פּראָפּאַגאַנדע אַליין, נאָר אויך אין מעשים...

ווען ס'איז שוין געווען ליכטיק און אויף דער גאַס האָבן געקלאַפּט די עקיפּאַזשן, איז וואַסיליעוו געלעגן אומבאַוועגלעך אויף דער אָטאָמאַנע און געקוקט אין איין פּינטל. ער האָט שוין נישט געטראַכט נישט וועגן פּרויען, נישט וועגן מענער, נישט וועגן מיסיאָנערישקייט. זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אויף דעם מאָראַלישן ווייטיק, וואָס האָט אים געפּייניקט. דאָס איז געווען אַ טעמפּער, אַ נישט קאָנקרעטער, אומבאַשטימטער ווייטיק, וואָס איז ענלעך געווען אי צו צער, אי צו שרעק אין העכסטן גראַד, אי צו פאַרצווייפלונג. אָנווייזן, ווו דער ווייטיק איז, האָט ער געקענט: אין דער ברוסט, אונטערן האַרץ; נאָר צו פאַרגלייכן אים איז נישט מעגלעך געווען מיט גאָרנישט. ער האָט שוין אַמאָל געליטן שטאַרקן ציין-ווייטיק, געהאַט פּלעוריט, נעוראַלגיע, אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט געווען אין פאַרגלייך מיט דעם מאָראַלישן ווייטיק. באַ דידאָזיקע יסורים האָט אים דאָס לעבן אויסגעזען אָפּשטויסנדיק. די דיסערטאַציע, דאָס אויסגעצייכנטע ווערק, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן, די געליבטע מענטשן, דאָס ראַטעווען זינקענדיקע פרויען — דאָס אַלץ, וואָס ער האָט נאָך נעכטן ליב געהאַט, אָדער צו וואָס ער איז געווען גלייכגילטיק, האָט אים איצט באַ דער בלויזער דערינערונג אויפגערייצט, אַקוראַט ווי דער גערויש פון די עקיפּאַזשן, דאָס לויפעניש פון דער קאָרידאָר-דינערשאַפט, די שיין פון טאָג... ווען עמעצער וואָלט איצט פאַר זיינע אויגן אויסגעפירט אַ העלדנטאַט פון באַרמהאַרציקייט אָדער אַן אויפרעגנדיקן געוואַלט-טאַט, וואָלט אויף אים דאָס ערשטע, ווי דאָס צווייטע געמאַכט דעם אייגענעם אָפּשטויסנדיקן איינדרוק. פון אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן פויל זיך געדרייט אין זיין קאָפּ, האָבן נאָר צוויי אים נישט אויפגערייצט: איינער — אַז ער קען יעדע מינוט זיך דערהרגענען, דער צווייטער — אַז די יסורים וועלן נישט געדויערן מער, ווי דריי טעג. דאָס צווייטע האָט ער געוווּסט פון דערפאַרונג.

אָפּגעלעגן אַ ביסל, איז ער אויפגעשטאַנען און, ברעכנדיק

די הענט, איז ער זיך דורכגעגאַנגען נישט פֿון ווינקל צו ווינקל, ווי געווײנלעך, נאָר איבערן קוואַדראַט, לענגויס די ווענט. ער האָט אַ רגע געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל. זיין פּנים איז געווען בלייך און אָפּגעצערט, די שלייפֿן איינגעפֿאַלן, די אויגן זענען געווען גרעסער, טונקעלער, אומבאַוועגלעכער, גאָר ווי פֿרעמדע, און האָבן אויסגעדריקט אומפֿאַרטראָגלעכע גייסטיקע ליידן.

אינמיטן טאָג האָט אין דער טיר אָנגעקלאַפּט דער קינסטלער.

— גריגאָרי, ביסט אינדערהיים? — האָט ער אַ פֿרעג געטון.

נישט באַקומענדיק קיין ענטפֿער, האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן אַ מינוט, אַ קלער געטון און זיך אַליין געענטפֿערט אויף כאַלאַצקע:

— נעמאַ. וו ניווירסיטעט פּישאָוו, טרעקלאַטי כלאָפּעץ.*)

און ער איז אַוועקגעגאַנגען. וואַסיליעוו האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפֿן בעט און, באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ אונטערן קישן, האָט ער אָנגעהויבן וויינען פֿון ווייטיק, און וואָס מער ס'האָבן זיך גענאָסן די טרערן, אַלץ מוראדיקער איז געוואָרן דער מאָראַלישער ווייטיק. ווען ס'איז פֿינצטער געוואָרן, האָט ער זיך דערמאַנט וועגן דער פֿיינלעכער נאַכט, וואָס דערוואַרט אים, און ס'האָט אים באַהערשט אַ שרעקלעכער יאוש. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטון, איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון נומער און, איבערלאָזנדיק אויפֿגעפּראַלט זיין טיר, איז ער אָן שום באַדאַרף און ציל אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. ער האָט זיך נישט געשטעלט די פֿראַגע, וואוהין צו גיין, און זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער סאַדאָווער גאַס.

דער שניי איז געפֿאַלן ווי בעכטן; ס'איז געווען אַ לינד וועטער. די הענט פֿאַררוקט אין די אַרבל, ציטערנדיק און שרעקנדיק זיך פֿאַר דעם געקלאַפּעריי און קלימפּעריי פֿון די שליטנס און פֿאַר די דורכגייער, איז וואַסיליעוו דורכגעגאַנגען די סאַדאָווע ביזן

*) נישטאָ. שמעקט אין אוניווערסיטעט, דער פֿאַרשאָלטענער יאַט.

פּיכאַרעווער טורם, נאָכדעם ביז די קראַסנער טויערן, און פּינדאַ־ נען אַראָפּגעדרייט אויף באַסמאַנער גאַס. ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק און האָט אויסגעטרונקען אַ גרויס גלאָז בראָנפן. אָבער דערפון איז אים נישט גרינגער געוואָרן. צוגייענדיק ביז ראַזגו־ ליאַי־גאַס, האָט ער אַראָפּגעדרייט אויף רעכטס און אָנגעהויבן שפּאַ־ נען איבער געסלעך, אויף וועלכע ער איז נאָך קיינמאָל נישט גע־ ווען. ער איז צוגעקומען צו דער אַלטער בריק, ווו ס׳רוישט די יאַוזע און פונוואַנען מען האָט געזען לאַנגע שורות פייערלעך אין די פענצטער פון די קראַסנער קאַזאַרמעס. כדי אָפּצוציען די אויפ־ מערקזאַמקייט פון דעם מאָראַלישן ווייטיק אויף עפּעס אַ נייעם איינדרוק אָדער אַן אַנדערן ווייטיק, נישט וויסנדיק, וואָס צו טון, וויינענדיק און שוידערנדיק, האָט וואַסיליעוו צעשפּיליעט דעם פּאַלטן און דאָס רעקל און אונטערגעשטעלט זיין נאַקעטע ברוסט אונטערן נאַסן שניי און ווינט, נאָר דאָס האָט אויך נישט פאַרקלענערט דעם ווייטיק. דאַמאָלס האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דעם אָנלען פון דער בריק און אַ קוק געטון אַראָפּ אין דער שוואַרצער, ברויזנ־ דיקער יאַוזע, און אים האָט זיך פאַרגלוסט אַראָפּצוּוואַרפן זיך אַהין מיטן קאָפּ אַראָפּ, נישט פון עקל צום לעבן, נישט צוליב זעלבסט־ מאָרד, נאָר כדי כאָטש צו צעשעדיקן זיך און דורך איין ווייטיק פאַרגעסן דעם אַנדערן. אָבער דאָס שוואַרצע וואַסער, די פינצטער־ ניש, די וויסטע ברעגעס, באַדעקטע מיט שניי, האָבן אויסגעזען שרעקלעך. ער האָט אויפגעשוידערט און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער. ער איז זיך דורכגעגאַנגען לענגאויס די קראַסנער קאַזאַרמעס, נאָכ־ דעם צוריק און זיך אַראָפּגעלאָזט אין עפּעס אַ וועלדל, פון וועלדל ווידער אויף דער בריק אַרויס...

— „גיין, אַהיים, אַהיים! — האָט ער געקלערט, — אינ־ דערהיים איז, דאַכט זיך, לייכטער"...

און ער האָט גענומען גיין צוריק. אַהיימקומענדיק, האָט ער אַראָפּגעריסן פון זיך דעם נאַסן פּאַלטן און דאָס היטל, האָט אָנגע־ הויבן אַרומשפּרייזן לענגאויס די ווענט און אומדערמידלעך געשפּאַנט אַזוי ביזן אַנדערן פרימאָרגן.

## VII

ווען אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי זענען צו אים געקומען דער קינסטלער און דער מעדיק, איז ער אין אַ צעריסענער בלוזע און מיט צעביסענע הענט אַרומגעלאָפן איבערן צימער און געקרעכצט פון יסורים.

— אום גאָטס ווילן! — האָט ער זיך צעיאָמערט, דערזעענדיק די חברים. — פירט מיך, וואוהין איר ווילט, טוט וואָס איר קענט, נאָר, למען השם, ראַטעוועט מיך שנעלער! איך וועל זיך דערהרגענען.

דער קינסטלער איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך פאַרלוירן. דער מעדיק האָט אויך זיך שיער נישט צעוויינט, נאָר, האַלטנדיק, אַז מעדיקער זענען מחויב אין אַלע פאַלן פון לעבן צו זיין קאַלטבלוטיק און ערנסט, האָט ער קאַלט געזאָגט:

ס'איז בײַ דיר אַן אַטאַק. נאָר ס'מאַכט נישט אויס. לאָמיר שוין גיין צו אַ דאָקטאָר.

— וואוהין איר ווילט, נאָר למען השם, גיכער!

— דו רעג זיך נישט אויף. מען דאַרף קעמפן מיט זיך.

דער קינסטלער און דער מעדיק האָבן מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעטאָן וואַסיליעוון און אים אַרויסגעפירט אויף דער גאַס.

— מיכאַיל סערגעיטש וויל זיך שוין לאַנג מיט דיר באַקענען, — האָט אויפן וועג געזאָגט דער מעדיק. — ער איז זייער אַ סימפּאַטישער מענטש און קען אויסגעצייכנט זיין פאַך. געענדיקט האָט ער אין 82-טן יאָר און האָט אַן אומגעהייערע פּראַקטיק. מיט סטודענטן האַלט ער זיך אויף אַ חברישן אופן.

— שנעלער, שנעלער... — האָט וואַסיליעוו אינטערגעאײַלט.

מיכאַיל סערגעיטש, אַ דיקער, בלאָנדער דאָקטאָר האָט מקבל-

נים געווען די חברים בכבודיק, סאָליד, קאַלט און אַ שמייכל געטון בלויז מיט איין באַק.

— דער קינסטלער און מאַיער האָבן מיר שוין דערציילט וועגן אייער קראַנקייט — האָט ער געזאָגט. — מיך פרייט זייער אייך צו דינען. נו־ס? זעצט זיך, געפעליק.

ער האָט אָוועקגעזעצט וואַסיליעון אין אַ גרויסן פאָטעל לעבן טיש און צוגערוקט צו אים אַ קעסטעלע פּאַפּיראָסן.

— נו־ס? — האָט ער אָנגעהויבן, גלעטנדיק די קניען. — לאָמיר צוטרעטן צום ענין... ווי אַלט זענט איר?

ער האָט פאַרגעבן פראַגן, און דער מעדיק האָט געענטפערט. ער האָט געפרעגט, צי איז וואַסיליעווס פאָטער נישט קראַנק געווען אויף עפעס באַזונדערע קרענק, צי האָט ער נישט געשיכּורט, צי האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אכזריות אָדער מיט אַנדערע משונהדיקייטן. דאָס אייגענע האָט ער געפרעגט וועגן זיין זיידן, וועגן דער מוטער, שוועסטערן און ברידער. דערוויסנדיק זיך, אַז זיין מוטער האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנט קול און געשפּילט טיילמאָל אין טעאַטער, איז ער פלוצלינג באַלעבט געוואָרן און האָט געפרעגט:

— זייט מוחל, קענט איר זיך נישט דערמאָנען, צי איז דאָס טעאַטער בּאַ אייער מאַמען נישט געווען קיין לײדנשאַפט?

ס'איז אַריבער אַ מינוט צוואָנציק. וואַסיליעון איז נמאס געוואָרן, וואָס דער דאָקטאָר גלעט די קניען און רעדט אַלץ דאָס אייגענע.

— אויף וויפיל איך פאַרשטיי אייערע פראַגן, דאָקטאָר, — האָט ער געזאָגט — ווילט איר וויסן, צי איז די קראַנקייט אַ געירשנטע, אָדער נישט. זי איז נישט קיין געירשנטע.

ווייטער האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, צי וואַסיליעוו האָט אין דער יוגנט נישט געהאַט עפעס קיין באַהאַלטענע זינד, קיין קאָפּ־שעדיקונג, קיין עקזאַלטאַציעס, אויסטערלישע טבעס, אומנאָרמאַלע נייגונגען. אויף אַ העלפט שאלות, וואָס עס שטעלן געוויינלעך פלייסיקע דאָקטוירים, מעג מען נישט ענטפערן אָן אַ שום שאָדן פאַרן געזונט; באַר מיכאַיל סערגעיטש, דער מעדיק און דער

קינסטלער האָבן געהאַט אַזעלכע פּנימער, אַז ווען וואַסיליעוו ענט־פֿערט נישט חלילה אויף איין שאלה, גייט פֿלומרשט אַלץ לאיבוד. די באַקומענע תשובות האָט דער דאָקטאָר צוליב עפּעס פֿאַרנאָטירט אויף אַ פּאַפּירל. ווען ער איז געוואָרן געוויר, אַז וואַסיליעוו האָט שוין געענדיקט דעם באַטאָרוויסנשאַפֿטלעכן פֿאַקולטעט און איז אַצינד אויפֿן יורידישן, האָט זיך דער דאָקטאָר פֿאַרקלערט. . .

— פֿאַראַיאָרן האָט ער אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנט ווערק... — האָט אַ זאָג געטון דער מעדיק.

— זייט מוחל, שלאָגט מיר נישט איבער, איך שטערט מיר צו קאָנצענטרירן זיך, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און אַ שמייכל געטון מיט איין באַק. — יאָ, געוויס, דאָס שפּילט אויך אַ ראָלע אין דער אַנאַמנעזע. אינטענסיווע גייסטיקע אַרבעט, איבערמאַטע־רונג. . . יאָ, יאָ. . . און בראָנפֿן טרינקט איר? — האָט ער זיך געווענדט צו וואַסיליעוון.

— גאָר זעלטן.

ס'זענען אַריבער נאָך צוואַנציק מינוט. דער מעדיק האָט אָנגעהויבן מיט אַ האַלב קול אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן די באַגט־סטע סיבות פּונם אַטאַק און האָט דערציילט, ווי אייערנעכטן איז ער, דער קינסטלער און וואַסיליעוו געגאַנגען אין ס־ישן געסל.

דער גלייכגילטיקער, איינגעהאַלטענער, קאַלטער טאָן, מיט וועלכן זיינע חברים און דער דאָקטאָר האָבן גערעדט וועגן די פֿרויען און וועגן אומגליקלעכן געסל, האָט אים אויסגעזעען אין העכסטן גראַד מאָדנע. . .

— דאָקטאָר, זאָגט מיר נאָר איינס, — האָט ער געזאָגט איינהאַלטנדיק זיך, כּדי נישט צו זיין גראָב: — פּראָסטיטוציע איז — אַ שלעכטס, אָדער נישט?

— מיין ליבער, ווער שפּאַרט זיך דען? — האָט דער דאָק־טאָר געזאָגט מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג גע־האָט געלייזט די אַלע פֿראַגן. — ווער זאָגט דען אַנדערש?

— איר זענט אַ פּסיכיאַטער? — האָט וואַסיליעוו גראָב אַ פֿרעג אַטון.

— יאָ־ס, אַ פּסיכיאַטער.

ס'קען זיין, איר אַלע זענט טאַקע גערעכט! — האָט וואַסיליעוו געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך, און אָנגעהויבן צו גיין הין און צוריק. ס'קען זיין! נאָר מיר זעט דאָס אַלץ אויס וואונדערלעך. אַז איך בין געווען אויף צוויי פאַקולטעטן — זעט מען דערין אַ העלדנטאַט, דערפאַר וואָס איך האָב אָנגעשריבן אַ ווערק, וואָס מען וועט אין דריי יאָר אַרום אַוועקוואַרפן און פאַרגעסן, הייבט מען מיך ביז זיבעטן הימל; נאָר דערפאַר, וואָס וועגן געפאַלענע פרויען קען איך נישט רעדן אַזוי גלייכגילטיק, ווי וועגן דידאָזישטולן, היילט מען מיך, רופט מען מיך משוגענער, באַדויערט מען מיך!

וואַסיליעוו האָט איבער עפּעס פילנדיק דערשפּירט אַ געוואַלטיק רחמנות סיי צו זיך, סיי אויף די חברים, סיי אויף די אַלע, וואָס ער האָט געזען אייערנעכטן, סיי אויף דעם דאָקטאָר, ער האָט זיך צעוויינט און איז אַנידערגעפאַלן אויפן פאָטעל.

די חברים האָבן מיט אַ פרעגנדיקן בליק געקוקט אויפן דאָקטאָר. יענער איז — מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט כלומרשט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען אי די טרערן, אי די פאַרצווייפלונג, ווי ער וואָלט זיך געפילט פאַר אַ ספּעציאַליסט גראָד אינם דאָזיקן געביט, — צוגעגאַנגען צו וואַסיליעוון און אים שווייגנדיק געגעבן צו טרינקען עפּעס אַזעלכע טראָפּנס; נאָכדעם, ווען וואַסיליעוו האָט זיך באַרויקט, האָט ער אים אויסגעטון און אָנגעהויבן אויסצופאָרשן די פילבאַרקייט פון זיין הויט, די קני־רעפלעקסן און אַזוי ווייטער.

און וואַסיליעוון איז לייכטער געוואָרן. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָקטאָר, איז אים שוין נאָר געווען אַ בושה. דער גערויש פון די עקיפּאַזשן האָט אים מער נישט אויפגערייצט און די שווערקייט אונטערן האַרץ איז געוואָרן אַלץ גרינגער און גרינגער, גלייך זי וואָלט צעריבן געוואָרן. אין דער האַנט האָט ער געהאַט צוויי רעצעפּטן: אויף איינעם איז געווען אויפגעשריבן בראָם־קאַלי, אויפן צווייטן מאָרפינע... דאָס אַלץ פלעגט ער איינעמען פריער אויך!

# אויף זומער־וואַקאַציע

„איך האָב אייך ליב. איר זענט מיין לעבן, מיין גליק —
אַלץ! זייט מוחל, וואָס איך בין זיך אייך מודה, נאָר ליידן און
שווייגן איז איבער מיינע כּוחות. כ׳בעט נישט קיין קעגנזייטיקייט,
נאָר מיטלייד. זייט היינט אַכט אַ זייגער אינאָוונט אין דער אַלטער
זאַלטאַנקע... אונטערצושרייבן מיין נאָמען האַלט איך פֿאַר אי-
בעריק, אָבער זאָל אייך דער אַנאָנים נישט שרעקן. איך בין יונג,
זיין... וואָס נאָך דאַרפֿט איר דען?"

איבערלייענענדיק דעמדאָזיקן בריוו, האָט דער זומערוואוי-
נער פּאַוועל איוואַניטש וויכאָדצעוו, אַ בכבודיקער פֿאַמיליען-מענטש,
אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און פֿאַרחידושט זיך אַ קראַץ גע-
געבן איבערן שטערן.

„סאַראַ משוגעת איז דאָס? — האָט ער אַ קלער געטאָן.
איך בין אַ מענטש אַ באַווייבטער און פּלוצלינג נאָר אַזאַ מאָד-
נער... נאַרישער בריוו! ווער האָט דאָס געקענט שרייבן!"

פּאַוועל איוואַניטש האָט איבערגעדרייט דעם בריוו פֿון אַלע
זייטן, אים נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און אויסגעשפּיגן.

„איך האָב אייך ליב״. . . — האָט ער זיך נאָכגעקרומט. — „סאַראַ ייִנגל זי האָט זיך עס געפונען! אָט נעם איך אָקאָרשט און לויף צו דיר אין האַלטאַנקע אַריין! . . . איך, מאַמעניו, האָב זיך שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון אַזעלכע מין ראָמאַנסן און ווינטליבעס. . . הם! משמעות, עפּעס אַ פּלוטעוואַטע, אַ נישט לייטישע. . . נו, אַ מין פאָלק ס'זענען די ווייבער! וואָס פאַר אַ פלאַטערקאָפּ, רחמנא לצלן, מען דאַרף זיין, כדי אָנצושרייבן אַזאַ בריוו צו אַ נישט באַקאַנטן און דערצו באַווייבטן מאַנסביל. ס'אַן אמתע דעמאָראַליזאַציע!״

פאַר די גאַנצע אַכט יאָר פון זיין פאַמיליענלעבן איז פּאַוועל איוואַניטש אָפּגעוווינט געוואָרן פון איידעלע געפילן און ער פלעגט נישט דערהאַלטן קיין שום בריוו, אַ חוץ גראַטולאַציעס, און דעריבער, איז וויפיל ער האָט זיך נישט געפּלייסט צו מאַכן זיך גלייכגילטיק, האָט דאָך דער אויבנגעבערענגטער בריוו שטאַרק אים פאַרחידושט און צערודערט.

אין אַ שעה אַרום נאָכן דערהאַלטן אים איז ער געלעגן אויף דער סאָפע און געקלערט: „געוויס בין איך נישט קיין ייִנגל און וועל נישט לויפן אויפן דאָזיקן נאַרישן ראַנדעוואו, נאָר דאָך וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, ווער ס'האָט דאָס אָנגעשריבן. הם... די האַנטשריפט איז אָן שום ספק פון אַ פרוי... דער בריוו איז געשריבן אויפריכטיק, מיט נשמה, און ס'איז דערום זיכער נישט קיין קאַטאָוועס. . . מסתמא איז עס עפּעס אַ פּסיכאָפּאַטקע אָדער אַן אַלמנה. . . אַלמנות זענען אין אַלגעמיין לייכטזיניק און עקסצענטריש. הם. . . ווער קען עס אָבער זיין?״

צו ענטפערן אויף דער פראַגע איז נאָך שווערער געווען דערפאַר, וואָס אין דער גאַנצער דאַטשע-געגנט האָט פּאַוועל איוואַניטש נישט געהאַט קיין איין באַקאַנטע פרוי, אַ חוץ זיין ווייב. . .

„מאָדנע. . . — האָט ער געגאַפּט, — „איך האָב אייך ליב״. . . ווען־זשע האָט זי עס באַוויזן ליב צו קריגן? אַן אויסטערלישע פרוי! האָט ליב באַקומען עפּעס אַזוי העגדום־פּעגדום, אפילו נישט באַקענענדיק זיך און נישט וויסנדיק, וואָס פאַר אַ מענטש איך בין...

ווייזט אויס, זי איז נאָך גאָר יינג און ראָמאַנטיש, אויב זי איז פעיק זיך צו פאַרליבן פון צוויי-דריי בליקן... אָבער... ווער איז זי?"

פּלוצלינג האָט זיך פּאַוועל איוואַניטש דערמאָנט, אַז נעכטן און אייערנעכטן בשעתן שפּאַציר האָט ער זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט מיט אַ יינגיטשקער בלאָנדינקע אין אַ בלאַס-בלוי קלייד און מיט אַן אַרויפגעריסן נעזל. די בלאָנדינקע האָט דאַן כּסדר געוואָרפן בליקן אויף אים, און ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים.

„זי? — האָט אַ טראַכט געטון וויכאָדצעוו. — ס'קאָן נישט זיין! צי קען אַזאַ סובטעל און לופטיק וועזן ליב קריגן אַזאַ אַלטע אָפּגעגנוצטע פגירה, ווי איך? ניין, דאָס איז אוממעגלעך!

באַם מיטאָג האָט פּאַוועל איוואַניטש טעמפּ געקוקט אויף זיין פרוי און געטראַכט:

„זי שרייבט, אַז זי איז יינג און שיין... הייסט עס, נישט קיין אַלטע... הם... רעדנדיק אויפריכטיק און אָביעקטיוו בין איך נאָך גאָרנישט אַזוי אַלט און מיאוס, אַז מען זאָל זיך נישט קענען אין מיר פאַרליבן. אָט ליבט דאָך מיך מיין פרוי!... איבעריקנס, אויף ליבע איז קיין קשיות נישט צו פרעגן..."

— וועגן וואָס האָסטו עס זיך פאַרטראַכט? — האָט אים געפרעגט די פרוי.

— עט... דער קאָפּ טוט אַביסל וויי... — האָט אָפּגעענטפערט פּאַוועל איוואַניטש.

ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז נאַריש זיך אָפּצושטעלן אויף אַזאַ פּוסטער מעשה, ווי אַ ליבע-בריוו, האָט חוזק געמאַכט פונעם בריוו און פון זיין אויטאָרין, אָבער — נישט געדאַכט זאָל ווערן דער שטאַרקער מענטשלעכער יצר-הרע!

נאָכן מיטאָג איז פּאַוועל איוואַניטש געלעגן באַ זיך אויפן בעט און אָנשטאָט צו שלאָפן האָט ער געטראַכט:

„און זי ריכט זיך דאָך, קאָן זיין, אַז איך וועל קומען! אָט, וואָס ס'הייסט אַ נאַר. איך מאָל מיר, ווי זי וועט זיך עס דענער-

זירן און פלאַטערן מיטן טורניור, ווען זי וועט מיך נישט טרעפן אין דער האַלטאַנקע... און איך וועל נישט גיין... אַן עסק מיט איר!"

אָבער איך חזר־איבער נאָכאַמאָל, דער מענטשלעכער יצר־הרע איז שטאַרק...

„איבריקנס, א גיי טון, סיידן אַזוי, פון נייגעריקייט וועגן...— האָט מיט א האַלבע שעה שפּעטער געקלערט וויכאָדצעו. — צוגיין און אַ קוק טון פונדערווייטנס, סאַראַ סחורה דאָס איז... ס'איז אינטערעסאַנט אַ קוק צו טון! נאַטירלעך, איז עס נישט מער, ווי א געלעכטער! כ'לעבן, פאַרוואָס זיך דען נישט אַביסל אָנלאַכן, אַז ס'איז אונטערגעקומען אַזאַ וואוילע געלעגנהייט?"

פאַוועל איוואַניטש איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער און האָט זיך אָנגעהויבן אָנטון.

— וואוהין שלייערסטו זיך עס אַזוי אויס? — האָט אים גע־פרעגט דאָס ווייב, באַמערקנדיק, אַז ער טוט־אָן א קלאָר אויבער־העמד און אַ מאָדישן קראַוואַט...

— אַזוי סתם... כ'וויל זיך דורכגיין... דער קאָפּ טוט אַביסל וויי... קהם... פאַוועל איוואַניטש האָט זיך אויסגעפּוצט און נאָך איידער ער האָט זיך דערוואַרט אויף אַכט אַזייגער, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

ווען אויף דעם העל־גריגעם פאָן, באַגאָסן פון שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון, האָבן פאַר אים אַ שימער געטון פאַרשידנ־פאַרביקע פיגורן פון אויסגעפּוצטע זומערוואוינער, צווישן וועלכע ס'זענען אויך געווען פרויען — האָט בא אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ.

„וועלכע פון זיי? — האָט ער געקלערט, וואַרפנדיק שעמעוו־דיקע בליקן אויף די פּנימער פון די פרויען. — און די בלאָנדינ־קע זעט מען נישט... הם... אויב זי האָט געשריבן, זיצט זי שוין, מסתמא, אין האַלטאַנקע"...

וויכאָדצעו איז אַריין אין אַן אַלעיע, וואו טיף אין צווייטן עק האָט צווישן די הויכע ליפּעס זיך אַרויסגעזען די „אַלטע האַל־

טאַנקע. . .״ ער האָט שטילערהייט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו איר. . .

„איך וועל נאָר אַ קוק טון פונדערווייטנס. . . — האָט ער געטראַכט, באַוועגנדיק זיך פאָרויס. — אָבער וואָס בין איך אַזוי אָפּהענטיק? איך גיי דאָך נישט אויף קיין ראַנדעוואו! נישט קיין קליינער. . . טיפּוש! דרייסטער גיי! און ווען איך זאָל אפילו אַריינגיין אין האַלטאַנקע, איז — מה רעש? נו, נו. . . נישטאָ נאָכוואָס. . .

באַ פּאַוועל איוואַניטש האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ. נישט ווילנדיק און גאָרנישט אויסן זייענדיק, האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעמאָלט די האַלב-פינצטערקייט אין דער האַלטאַנקע. . . אין זיין דמיון האָט דורכגעשימערט די שלאַנקע בלאָנדינקע אין בלאַס-בלויען קלייד מיטן אַרויפגעריסענעם נעזל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי, שעמענדיק זיך פאַר איר ליבע און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, גייט נישט דרייסט צו צו אים, אָטעמט הייס און. . . פּלוצלינג דריקט זי אים אין אירע אָרעמס.

„וואָלט איך נישט געווען קיין באַווייבטער, איז עס גאָר-נישט. . . — האָט ער געטראַכט, טרייבנדיק פון זיך די זינדיקע מחשבות! — איבעריקנס... איינמאָל אין לעבן וואָלט נישט געשאַדט צו פּרוּוון, אַז נישט — קענסטו אַזוי אָוועקשטאַרבן, נישט וויסנדיק דעם טעם פון אַזאַ מין זאַך. . . און דאָס ווייב. . . נו וואָס וועט דען איר געשען? דאַנקען גאָט, אַכט יאָר צייט בין איך אויף קיין טריט נישט אַוועקגעגאַנגען פון איר. . . אַכט יאָר פאָרוואָרפלאָזע דינסט! גענוג פאַר איר. . . ס'איז זאָגאַר פאַרדראָסיק. . . איך וועל פּשוט אויף להכעיס זי פאַרראַטן!״

ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער און איינהאַלטנדיק דעם קורצן אָטעם, איז פּאַוועל איוואַניטש צוגעגאַנגען צו דער האַלטאַנ-קע, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין בלומען און ווילדע יאַגדעס, און אַ קוק אַריין געטון אינעווייניק. . . אויף אים האָט אַ ווייע גע-טון אַ ריח פון נאַסקייט און שימל. . .

„דאַכט זיך, קיינער נישטאָ...“ — האָט ער אַ קלער געטון, אַריינגייענדיק אין דער האַלטאַנקע, נאָר תּוך כּדי דבור האָט ער דערזען אין ווינקל אַ מענטשלעכן סילועט.

דער סילועט האָט געהערט צו אַ מאַנספּאַרשוין. אייַנקוקנדיק זיך בעסער, האָט פּאַוועל איוואַניטש דערקענט אין איר זיין פרויס ברודער, דעם סטודענט מיטיאַ, וועלכער איז געווען בײַ אים אויף זומער-וואוינונג.

— אַ, דאָס ביסטו... — האָט ער אַ מרוקע געטון מיט אַן אומצופרידן קול, אַראָפּנעמענדיק דעם קאַפּעלוש און זעצנדיק זיך.

— יאָ, איך... — האָט געענטפערט מיטיאַ...

אַ צוויי מינוט זענען אַריבער אין שטילשווייגן...

— אַנטשולדיקט מיר, פּאַוועל איוואַניטש, — האָט אָנגעהויבן מיטיאַ — נאָר איך וואָלט אייך געבעטן צו לאָזן מיך אַליין... איך האַלט אין פאַרקלערן אַ קאַנדידאַטן-ווערק און... און די אַנוועזנהייט פון וועמען ס׳זאָל נישט זיין שטערט מיר...

— דו גיי דיר בעסער ערגעץ אַוועק אין אַ פינצטערער אַלעע... — האָט ווייך באַמערקט פּאַוועל איוואַניטש. — אויף דער פרישער לופט איז לייכטער צו קלערן, און איך... יאָ — מיר וואָלט זיך געוואָלט אַ דרימל כאַפּן דאָ אויף דער באַנק... דאָ איז נישט אַזוי הייס...

— איך ווילט זיך שלאָפן, און איך דאַרף אַ ווערק פאַרטראַכטן... — האָט אַ וואָרטשע געטון מיטיאַ. — דאָס ווערק איז ביליכער.

ווידער איז אַריינגעטרעטן אַ שטילשווייגן... פּאַוועל איוואַניטש, וועלכער האָט שוין געלאָזט זיין פאַנטאַזיע פריי זיך צעשפּילן און אַלץ-אייביקעם געהערט טריט, איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— איך בעט דיך, מיטיאַ! דו ביסט יינגער פאַר מיר און דאַרפסט מיר צוליב טון... איך בין קראַנק און... כ׳וויל שלאָפן... גיי אַוועק!

— דאָס איז אַן עגאָיזם... פאַרוואָס זאָלט איר עס דווקא

דאָ זיין, און נישט איך? איך וועל פּרינציפּיעל נישט אַרויס־גיין...

— נו, איך בעט! זאָל זיין — כ'בין אַן עגאָיסט, אַ דעספּאָט און אַ נאַר... נאָר איך בעט דיך! איינמאָל אין לעבן בעט איך דיך! טו צוליב!

מיטיאַ האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

„אַ נבלה דאָס איז... — האָט אַ קלער געטון פּאַוועל אי־וואַניטש. — מיט אים וועט דאָך דער ראַנדעוואו נישט צושטאַנד קומען! ס'איז דאָך אוממעגלעך!" — הער אויס, מיטיאַ, — האָט ער געזאָגט: — איך בעט דיך דאָס לעצטע מאָל... ווייז, אַז דו ביסט אַ קלוגער, הומאַנישער און געבילדעטער מענטש!

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר האָט זיך צוגעטשעפּעט!... — האָט מיטיאַ אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס. — כ'האָב געזאָגט: איך וועל נישט אַרויסגיין, נו, וועל איך נישט גיין. פּרינציפּיעל וועל איך דאָ פאַרבלייבן.

אין דער צייט האָט אין האַלטאַנקע אַריין אַ קוק געטון אַ פרויען־פּנים מיט אַן אַרויפגעריסן נעזל...

דערזעענדיק מיטיען און פּאַוועל איוואַניטשן, האָט זיך עס אָנגעבלאָזן און איז פאַרשוואונדן...

„זי איז אַוועקגעגאַנגען! — האָט אַ קלער געטון פּאַוועל אי־וואַניטש, קוקנדיק מיטן כעס אויף מיטיען. — זי האָט דערזען דעם־דאָזיקן פּאָדליעץ און איז אַוועקגעגאַנגען! די גאַנצע זאַך איז פאַר־שפּילט!"

אָפּוואַרטנדיק נאָך אַ ביסל, האָט וויכאָדצעוו זיך אויפגע־שטעלט, אָנגעטון דעם קאַפּעלוש און געזאָגט:

— אַ נבלה ביסטו, אַ פּאָדליעץ און אַ מנוול! יאָ! אַ מנוול! ווי געמיין... און נאַריש! צווישן אונז איז אַלץ געענדיקט!

— כ'בין העכסט צופרידן! — האָט מיטיאַ געענטפערט, אויך אויפשטייענדיק און אָנטועענדיק דעם קאַפּעלוש. — ווייסט, אַלזאָ, אַז איר האָט אַצינד מיט אייער אָנוועזנהייט מיר אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל, וואָס איך וועל אייך ביזן טויט נישט מוחל זיין!

פּאַווע אייוואַניטש איז אַרויסגעגאַנגען פון האַלטאַנקע און אויסער זיך פון כּעס האָט ער גענומען שנעל שפּרייזן צו זיין דאַטשע. אים האָט אַפילו נישט באַרויִקט דער טיש, וואָס איז שוין געווען סערווירט צום נאַכטעסן.

„איינמאָל אין לעבן האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, — האָט אין אים געזאָטן — און מען האָט עס געשטערט! אַציִנד איז זי באַליידיקט... דערשלאָגן!"

באַם נאַכטעסן האָבן פּאַוועל אייוואַניטש און מיטיאַ געקוקט צו זיך אין די טעלערס אַריין און אומעטיק געשוויגן... ביידע האָבן מיטן גאַנצן האַרץ געהאַסט איינער דעם אַנדערן.

— וואָס שמייכלסטו עס היינט כּסדר? — איז פּאַוועל אייוואַניטש פּלוצלינג אָנגעפאַלן אויף זיין ווייב. — נאָר נאַראָנים לאַכן אָן שום סיבה!

די פרוי האָט אַ קוק געטון אויפן מאַנס בייזן פּנים און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער...

— וואָס פאַר אַ בריוו האָסטו עס היינט אינדערפרי באַקומען? — האָט זי געפרעגט.

— איך?... קיין שום... — האָט זיך פאַרשעמט פּאַוועל אייוואַניטש. — וואָס פאַלט דיר איין... ס׳האָט זיך דיר געחלומט...

— נו יאָ, דערצייל מעשיות! זיי זיך מודה, האָסט באַקומען! דעם בריוו האָב איך דאָך דיר געשיקט! ערנוואָרט, איך! כאַ־כאַ!

פּאַוועל אייוואַניטש איז מוראַדיק רויט געוואָרן און זיך אָנגעבויגן צום טעלער.

— נאַרישע וויצן, — האָט ער אַרויסגעוואָרטשעט.

— וואָס־זשע דען קען מען טון! זאָג דו אַליין... מיר האָבן היינט באַדאַרפט אָפּוואַשן די פּאָדלאָגעס, און וויאַזוי פּטרט מען אייך אַרויס פון שטוב? נאָר מיט אַזאַ אופן וועסטו אַרויספּטרן... נאָר דו זיי נישט בייז, נאַרעלע... כּדי ס׳זאָל דיר אין האַלטאַנקע

זישט לאַנגווייליק זיין, האָב איך דאָך מיטיען אויך געשיקט אַזאַ בריוו! מיטיאַ, דו ביסט געווען אין האַלטאַנקע?

מיטיאַ האָט זיך באַריש צעשמייכלט און אויפגעהערט קוקן מיט שנאה אויף זיין קעגנער.

# גנבים

דער פֿעלדשער יערגוּנאָוו, אַ פּיסטער פֿאַרשוין, וואָס איז באַקאַנט געווען אין קרייז פֿאַר אַ גרויסן בלאָפֿער און שכּור, האָט אין אַ געוויסן אָוונט, אין די חגאות, זיך אומגעקערט פֿון שטעטל רעפּינאָ, וואוהין ער איז געפֿאָרן איינקויפֿן פֿאַרן שפּיטאָל. כּדי ער זאָל זיך נישט פֿאַרזוימען און באַצייטנס צוריקקומען, האָט אים דער דאָקטאָר געגעבן זיין בעסט פֿערד.

מתּחילת איז דאָס וועטער געווען נישקשה, שטיל, נאָר אַרום אַכט אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער שניי־שטורם, און ווען ס'איז נאָך פֿאַרבליבן אַן ערך זיבן וויאָרסט אַהיים, האָט זיך דער פֿעלדשער אינגאַנצן אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג...

אָנטרייבן מיטן פֿערד האָט ער נישט געקענט, דעם וועג נישט געוואוסט און ער איז געפֿאָרן גלאַט אין דער וועלט אַריין, האָפֿנדיק, אַז דאָס פֿערד אַליין וועט טרעפֿן.

אַזוי איז אַריבער אַ שעה צוויי. דאָס פֿערד האָט זיך פֿאַרמאַטערט, ער אַליין איז דורכגעפֿרוירן געוואָרן, און ס'האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז ער פֿאָרט נישט אַהיים, נאָר צוריק קיין

דעפּינאָ. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך דורכן גערויש פֿון דער זאַוויערוכע דערהערט אַ געדעמפּט הינטיש בילן און אַביסל פּאַרויס האָט זיך באַוויזן אַ רויטער, טריבער פֿלעק. ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעצייכנט אַ הויך טויער און אַ לאַנגער פּלויט, אויף וועלכן ס'האָבן געשטעקט טשוועקעס מיט די שפּיצן אַרויף, דערנאָך האָט זיך פֿון יענער זייט פּלויט אַרויסגעשטרעקט אַ קרומער ברונעם־דראָנג. דער ווינט האָט צעיאָגט פֿאַר די אויגן דעם שניי־נעפּל, און דאָרט, וווּ ס'איז געווען דער רויטער פֿלעק, איז אויסגעוואַקסן אַ קליין, נידעריק הייזל מיט אַ הויכן שטרוי־דאַך. פֿון די דריי פֿענצטער איז איינס געווען באַלויכטן און פֿון אינעווייניק פֿאַרהאָנגען מיט עפּעס רויטס.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אכסניה? דער פֿעלדשער האָט זיך דערמאַנט, אַז רעכטס פֿון וועג, בערך 6 אָדער 7 וויאָרסט ווייט פֿון שפּיטאָל, דאַרף זיך געפֿינען די קרעטשמע פֿון אַנדרעי טשיריקאָוו. ער האָט זיך אויך דערמאַנט, אַז נאָך דעם־דאָזיקן טשיריקאָוון, וועלכן באַלעגאָלעס האָבן נישט לאַנג דערהרגעט, איז פֿאַרבליבן אַן אַלטע מיט אַ טאָכטער ליובקאַ, וועלכע פֿלעגט מיט צוויי יאָר צוריק קומען צו פֿאָרן אין שפּיטאָל אַריין זיך היילן. די קרעטשמע האָט געהאַט אַ שלעכטן שם, און אַריינפֿאָרן אַהין שפּעט אינאָוונט, בפֿרט נאָך מיט אַ פֿרעמד פֿערד, איז געווען נישט אָן סכּנה. אָבער ס'איז נישט געווען קיין ברירה. דער פֿעלדשער האָט אָנגעטאַפּט בײַ זיך אין טאָרבע דעם רעוואָלווער, שטרענג אַ הוסט געטאָן און מיטן בײַטש־שטעקן אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער־רעם.

— העי, ווער איז עס דאָ דאָרט? — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — גאָטספּאָרכטיקע באָבעשי, לאָז אַריין זיך אָנוואַרעמען!

אַ שוואַרצער הונט מיט אַ הייזעריק בילן האָט, איבערדרייענדיק זיך אַ קאָזשעליק, זיך אַרונטערגעקאָלערט אונטער דעם פֿערדס פֿיס, דערנאָך אַ ווײַטער אַ ווייסער, דערנאָך נאָך איינער אַ שוואַרצער — אַזוי אַ שטיק צען! דער פֿעלדשער האָט אָפּגעקוקט דעם גרעסטן כּלב, זיך פֿאַרמאָסטן און מיטן גאַנצן כּוח אים אַ שמיץ געטאָן מיט דער בײַטש. אַ נישט גרויס הינטל אויף הויכע

פיס האָט אויפגעהויבן אינדערהייך זיין שפּיציקע מאָרדע און זיך צעוואָיעט מיט אַ דין, קוויטשעדיק קולעכל.

דער פעלדשער איז לאַנג געשטאַנען באַם פענצטער און געקלאַפּט. ענדלעך האָט הינטערן פּלויט, לעבן הויז, זיך פאַררויטלט דער שניי אויף דיביימער, דאָס טויער האָט אַ סקריפּע געטון און ס'האָט זיך באַוויזן אַן איינגעהילטע פרויען־פיגור מיט אַ לאַמטערן אין האַנט.

— לאָז אַריין, באָבעשי, זיך אָנוואַרעמען — האָט געזאָגט דער פעלדשער — איך פאָר אין שפּיטאָל אַריין און האָב זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג. אַ וועטער, זאָל גאָט אָפּהיטן. דו האָב נישט מורא, מיר זענען היימישע מענטשן, באָבעשי.

— די היימישע זענען אַלע אינדערהיים, און קיין פרעמדע האָבן מיר נישט גערופן, — האָט שטרענג אַ זאָג געטון די פיגור. — און נאָכוואָס קלאַפּן בחינם? דאָס טויער איז נישט פאַרשלאָסן.

דער פעלדשער איז אַריינגעפאָרן אין הויף און האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם גאַנעק.

— הייס, באָבעניו, דעם אַרבעטער, אַז ער זאָל צונעמען מיין פערד — האָט ער געזאָגט!

איך בין נישט קיין באָבע.

און אינדעראמתן איז עס נישט געווען קיין באָבע. ווען זי האָט פאַרלאָשן דעם לאַמטערן, איז איר פּנים באַלויכטן געוואָרן, און דער פעלדשער האָט דערזען אַ פּאָר שוואַרצע ברעמען און דערקענט ליובקען.

— וואָסערע אַרבעטער זענען אַצינד דאָ? — האָט זי געזאָגט, אַריינגייענדיק אין שטוב. — אַ טייל שלאָפט שפּורערהייט, און טייל זענען נאָך אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען קיין רעפּינאָ. דערויף איז דאָך יום־טוב...

אָנבינדנדיק אונטערן אָפּדאַך זיין פערד, האָט יערגונאָוו דערהערט אַ הירזשען און אינדערפינצטער דערבליקט נאָך עמעצנס אַ פערד, אויף וועלכן ער האָט אָנגעטאַפּט אַ קאָזאַקיש זאָטל. הייסט עס, אַז אַ חוץ די באַלעבאַטים איז נאָך עמעצער

פאַרהאַן אין הויז. אויף יעדן פאַל האָט דער פעלדשער אַראָפּגענומען דאָס זאָטל פון זיין פערד און, אַריינגייענדיק אין שטוב, האָט ער מיטגענומען מיט זיך הן די איינגעקויפטע זאַכן, הן דאָס זאָטל.

אין ערשטן צימער, וואו ער איז אַריינגעקומען, איז געווען געדרוים, הייס אָנגעהייצט און אַ ריח פון פריש אָפּגעוואַשענע פּאָדלאָגעס. באַם טיש אונטער די הייליקע בילדער איז געזעסן אַ נישט הויכער, מאָגערער פויער פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ קליין טונקל־בלאָנד בערדל און אין אַ בלויער בלוזע. דאָס איז געווען קאַלאַשניקאָוו, אַ באַוואוסטער שווינדלער און פערד־גנב, וואָס דער פאָטער זיינער און דער פעטער האָבן געהאַלטן אין באַגאַליאָווקע אַ שענק און געהאַנדלט, וואו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, מיט גנבישע פערד. ער פלעגט אויך טיילמאָל קומען אין שפּיטאָל אַריין, אָבער ער איז נישט געקומען זיך היילן, נאָר אַ שמועס טון מיטן דאָקטאָר מכוח פערד: צי איז נישטאָ עפּעס אַ פערד צום פאַרקויפן, אָדער צי וועט נישט וועלן דער הער דאָקטאָר אויסטוישן זיין גניאַדע קאָבילע אויף אַ גראָען מערין. אַצינד איז קאַלאַשניקאָוו קאָפּ געווען פּאָמאַדירט און באַ אים אין אויער האָט געבלישטשעט אַ זילבערן אויערינגל, און בכלל האָט ער געהאַט אַ יום־טובדיק אויסזען. אָנגעכמורעט און אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ, האָט ער אויפמערקזאַם אַריינגעקוקט אין אַ גרויס, צעשיט בוך מיט בילדלעך.

אויף דער פּאָדלאָגע לעבן אויוון איז געלעגן אויסגעצויגן אַ צווייטער פויער; זיין פּנים, די אַקסלען און די ברוסט זענען געווען צוגעדעקט מיט אַ פעלצל — ער איז משמעות געשלאָפן; לעבן זיינע בייע שטיוול מיט די בלישטשענדיקע פּאָדקאָוועס האָבן זיך געשוואַרצט צוויי קאַלוזשעס פון צעגאַנגענעם שניי.

דערזעענדיק דעם פעלדשער, האָט קאַלאַשניקאָוו זיך באַגריסט.

— יאָ, אַ וועטער... — האָט געזאָגט יערגונאָוו, רייבנדיק מיט די הענט די פאַרפרוירענע קניען. — אונטערן האַלז האָט זיך

אָנגעפּאַקט שנײַ, כ'בין דורכגעווייקט געוואָרן ביזן לעצטן פֿאָדעם. און דער רעוואָלווער מײַנער איז, דאַכט זיך, אויך עפּעס...

ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, אים באַקוקט פֿון אַלע זײַטן און אים צוריקגעלייגט אין טאָרבעלע אַרײַן. נאָר דער רעוואָלווער האָט נישט געמאַכט קיין שום אײַנדרוק: דער פֿויער האָט זיך ווײַטער אַרײַנגעקוקט אין בוך.

— יאָ, אַ וועטער... כ'האָב זיך אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג און, ווען נישט די הײַנטיקע הײַנט, וואָלט, דאַכט זיך, געווען אַן אומגליק. ס'וואָלט געווען אַ פֿײַנע געשיכטע. אָבער וואו זענען עפּעס די באַלעבאָסטעס?

— די אַלטע איז געפֿאָרן קיין רעפּינאָ, און דאָס מיידל ברייט-צו נאַכטעסן... — האָט געענטפֿערט קאַלאַשניקאָוו.

ס'איז שטיל געוואָרן. דער פֿעלדשער האָט געציטערט, געבישטשעט, געהויכט אויף די הענט און אײַנגעגאַנצן זיך געקאָרטשעט, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער איז געוואַלטיק פֿאַרפֿרוירן און פֿאַרמאַטערט געוואָרן. מ'האָט געהערט, ווי ס'האָבן געהײַלט אינדרויסן די נאָך נישט אײַנגעשטילטע הינט. ס'איז געוואָרן אומעטיק.

— דו אַליין ביסט פֿון באָגאַליאָווקע, האַ? — האָט דער פֿעלדשער שטרענג געפֿרעגט דעם פֿויער.

— יאָ, פֿון באָגאַליאָווקע.

פֿון נישט האָבן וואָס צו טון האָט דער פֿעלדשער גענומען קלערן וועגן דעמאָזיקן באָגאַליאָווקע. דאָס איז אַ גרויס דאָרף, וואָס ליגט אין אַ טיפֿן טאָל, אַזוי, אַז בשעת דו פֿאָרסט אין אַ לבֿנה-נאַכט מיטן ברייטן וועג און גיסט אַ קוק אַראָפּ אונטן, אין פֿינצטערן טאָל אַרײַן, און נאָכדעם אויפֿן הימל אַרויף, ווײַזט זיך דיר אויס, אַז די לבֿנה הענגט איבער אַ טיפֿן אָפּגרונט און אַז דאָ ענדיקט זיך די וועלט. דער וועג אַראָפּ איז אַ משופּעדיקער, אַ געדרייטער און אַזאַ שמאָלער, אַז ווען ס'קומט אויס צו פֿאָרן קיין באָגאַליאָווקע בײַ אַן עפּידעמיע אָדער צו אימפּן פּאָקן, מוז מען די גאַנצע צײַט זיך רײַסן דעם האַלדז פֿון שרײַען אָדער פֿײַפֿן, וואָרים אַנדערש, אויב ווערסט זיך צונויפֿטרעפֿן מיט אַ פֿור, ווערסטו זיך שוין דערנאָך נישט פֿונאַנדערפֿאָרן. די באָגאַליאָווער פּויערן

האָבן אַ שם פאַר גוטע פאַכמענער אין סעדעריי און אויך אַלס פערד-גנבים. סעדער פאַרמאָגן זיי רייכע: פרילינג טונקט דאָס גאַנצע דאָרף אין ווייסן קערשן-בליעכץ, און זומער קריגט מען קערשן צו דריי קאָפּיקעס אַן עמער. באַצאָל דריי קאָפּיקעס און רייס. די פויערטעס זענען דאָרט שיינע און זאַטע און האָבן זיך ליב צו שלייערן, און אפילו אינמיטן דער וואָך טוען זיי גאָרנישט, נאָר זיצן כסדר צעלייגט און לויזן איינס דאָס אַנדערע די קעפּ.

נאָר אָט האָבן זיך דערהערט טריט. אין צימער איז אַריינגעקומען ליובקאַ, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אין אַ רויט קלייד און באָרוועס... זי האָט זייטיק אַ קוק געטון אויפן פעלדשער און איז זיך דורכגעגאַנגען אַ צוויי מאָל הין און צוריק. געגאַנגען איז זי נישט איינפאַך, נאָר מיט דראָבנע טריטלעך, אַרויסשטופנדיק פאָרויס די ברוסט; איר איז הפנים געפעלן אַרומצוקריכן מיט באָרוועסע פיס איבער דער נישט לאַנג אָפּגעוואַשענער פאָדלאָגע און זי האָט אומישנע צוליב דעם אויסגעטון די שיך.

קאַלאַשניקאָוו האָט פון עפּעס אַ שמייכל געטון און זי צוגערופן צו זיך מיטן פינגער. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, און ער האָט איר אָנגעוויזן אין בוך אויף אליהו הנביא, וועלכער האָט אָנגעטריבן מיט דריי פערד, וואָס האָבן זיך געטראָגן צום הימל. ליובקאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן טיש; איר צאָפּ איז אַריבערגעפאַלן איבערן אַקסל, — אַ לאַנגער צאָפּ, אַ רויטגאָלדיקער, פאַרשלייפט אין עק מיט אַ רויט בענדל, — און ער האָט שיעור נישט אָנגערירט די פאָדלאָגע. און זי האָט אויך אַ שמייכל געטון.

— אַן אויסגעצייכנט, מערקווירדיק בילד! — האָט אַ זאָג געטון קאַלאַשניקאָוו. — מערקווירדיק! — האָט ער איבערגעחזרט און אַ מאַך געטון מיט די הענט אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסכאַפּן פון אליהוס הענט די לייצעס.

אין אויוון האָט געהודזשעט דער ווינט; עפּעס האָט אַ ריטש און אַ פּישטש געטון, גלייך ווי אַ גרויסער הונט וואָלט דערשטיקט אַ שטשור.

— ביסט אַ מבין, ווי די נישגוטע האָבן זיך עס צערודערט! — האָט געזאָגט ליובקאַ.

— דאָס איז דער ווינט — האָט געזאָגט קאַלאַשניקאָוו; ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אויפגעהויבן די אויגן אויפן פעלדשער און געפרעגט: — ווי מיינט איר, אָסיפּ וואַסיליטש, על פּי געלערנטקייט, צי זענען פאַרהאַן שדים אויף דער וועלט, אָדער ניט?

— וויאַזוי זאָל איך דיר, ברודערקע, זאָגן? — האָט געענטפערט דער פעלדשער און אַ קוועטש געטון מיט איין אַקסל. — אויב צו רעדן על פּי וויסנשאַפט, איז נאַטירלעך קיין שדים נישטאָ, ווײַל דאָס איז אַ פאָראורטייל; נאָר אויב רעדן פּשוט, ווי אָט אַצינד איך מיט דיר, זענען שדים יאָ פאַרהאַן, בקיצור גערעדט... איך האָב אין מײַן לעבן אַ סך דורכגעמאַכט... נאָך דער לערע בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס מיליטערישער פעלדשער אין אַ דראַגונער-פּאָלק און בין, נאַטירלעך, געווען אויף דער מלחמה, כ'האָב אַ מעדאַל און אַ צייכן פון אָנערקענונג פון דעם „רויטן קרייץ", און נאָך דעם סאַן-סטעפאַנער אָפּמאַך*) האָב איך זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און אַרײַנגעטרעטן אין אַ שפּיטאָל. און מחמת אַזאַ אומגעהייערער צירקולאַציע פון מײַן לעבן, קען איך זאָגן, אַז איך האָב געזען אַזוי פיל, וואָס אַן אַנדערער זעט אפילו נישט אין חלום. ס'האָט זיך געטראָפן צו זען שדים אויך, ס'פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין שדים מיט הערנער אָדער מיט אַ וויידל — דאָס איז בלויז שטותים, נאָר אַזוי, אייגנטלעך אַזעלכע, ווי שדים.

— וואו? — האָט געפרעגט קאַלאַשניקאָוו.

— אין פאַרשידענע ערטער. וואָס האָב איך ווייט צו גיין, פאַראַיאָרן, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן צו נאַכט-צו, האָב איך געטראָפן אַזאַ איינעם טאַקע אָט דאָ, שטעל דיר פאָר, לעבן דעם הויף. איך בין גראָד געפאָרן, געדענק איך, קיין גאָלישינאָ, כ'בין געפאָרן אימפּן פּאָקן. געווייינטלעך, ווי שטענדיק, אַ גרינגע ברייטשקע, נו — אַ פערד מיטן נייטיקן געשפּאַן, און אַ חוץ דעם האָב איך געהאַט בײַ זיך אַ זייגער און אַזוי ווייטער; הכלל איך פאָר

*) מיטן סאַן-סטעפּאַנער אָפּמאַך האָט זיך פאַרענדיקט די רוסיש-טערקישע מלחמה פון 1877—1878 יאָ.

אין האָב כסדר אין זינען, אַז איך זאָל מיך נישט גראָד אָנטרעפן דאָרטן... ס׳פעלן כלערליי אַרומשלעפער. איך פאָר צו צום שלאַנגען-טאָל, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, איך הייב זיך אָן אַראָפּצולאָזן און פלוצלינג, ס׳קאַצל קומט, ס׳גייט עפּעס עמעצער. די האָר שוואַרץ, די אויגן שוואַרץ און דאָס גאַנצע פּנים איז ממש ווי מיט רויך פאַרקאָפּטשעט... ער גייט צו צום פערד און נעמט גלייך אָן בײַ דער לינקער לייץ: שטיי! באַקוקט דאָס פערד, דערנאָך, הייסט עס, מיך, שפּעטער האָט ער צוועקגעוואָרפן די לייץ און נישט רעדנדיק קיין שלעכט וואָרט: „וווהין פאָרסטו?" די ציין זענען בײַ אים פאַרשטשירעט, די אויגן בייזע... אַך דו, קלער איך, לין איי-בער! „איך פאָר, זאָג איך, אימבן פּאָקן. אָבער וואָס איז דײַן עסק?" „אויב אַזוי, זאָגט ער, אימף זשע מיר אויך אַ פּאָק" ער האָט אָפּגעדעקט די האַנט און שטופּט זי מיר אונטער דער נאָז. פאַרשטייט זיך, כ׳האָב נישט געוואָלט מיט אים אײַנטענהן, כ׳האָב גענומען און געאימפּט אים אַ פּאָק, אַבי זיך אָפּצוטשעפּען. שפּעטער גיב איך אַ קוק אויף מײַן לאַנצעט, איז ער אײַנגאַנצן פאַרשוואַרצט.

דער פויער, וואָס איז געשלאָפן לעבן אויוון, האָט זיך פלוצלינג אַ דריי געטאָן און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פעלצל, און דער פעלדשער האָט, צו זײַן גרויסער פאַרוווּנדערונג, דערזען דעם זעלבן אומבאַקאַנטן פאַרשוין, וואָס ער האָט דעמאָלט באַגעגנט בײַ דעם שלאַנגען-טאָל. די האָר, די באָרד און די אויגן בײַ דעם דאָזיקן פויער זענען שוואַרץ געווען, ווי סאַזשע, דאָס פּנים ברוינלעך, און אַלס צולאָג — איז נאָך אויף דער רעכטער באַק געווען אַ שוואַרצער פלעק, ווי אַ לינדז די גרייס. ער האָט שפּאָטיש אַ קוק געטאָן אויפן פעלדשער און געזאָגט:

— בײַ דער לינקער לייץ האָב איך אָנגענומען — דאָס איז געווען, נאָר וועגן די פּאָקן האָסטו געהאַקט אַ טשייניק, מײַן הער. כ׳האָב אפילו נישט גערעדט מיט דיר וועגן פּאָקן.

דער פעלדשער האָט זיך פאַרלוירן.

— איך רעד נישט וועגן דיר, — האָט ער געזאָגט. — ליג, אַז דו ליגסט.

דער שוואַרצער פויער איז קיינמאָל נישט געווען אין שפּי-

טאָל און דער פעלדשער האָט נישט געוווּסט, ווער און פֿונוואַנען ער איז, נאָר אַצינד, קוקנדיק אויף אים, האָט ער באַשלאָסן, אַז ס'איז געוויס אַ ציגיינער. דער פּויער איז אויפֿגעשטאַנען האָט זיך אויסגעצויגן און, הויך געגעצנדיק, איז ער צוגעגאַנגען צו ליובקען און קאַלאַשניקאָוון, האָט זיך לעבן זיי אַנידערגעזעצט און אויך אָנגעהויבן קוקן אין בוך אַריין. אויף זיין פֿאַרשלאָפֿן געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פֿון נחת און קנאה.

— אָט, מעריק, — האָט ליובקאַ געזאָגט צו אים — ברענג מיר אַזוינע פֿערד, וועל איך פֿאָרן אין הימל אַריין.

— דער הימל איז נישט פֿאַר קיין זינדיקע. . . — האָט געזאָגט קאַלאַשניקאָוו. — מ'דאַרף זיין הייליק.

נאָכדעם האָט ליובקאַ געגרייט צום טיש; זי האָט אַריינגעברענגט אַ שטיק חזיר-שמאַלץ, זויערע אוגערקעס, אַ הילצערנעם טעלער מיט געקאָכט פֿלייש, צעשניטן אויף דראָבנע שטיקלעך, דערנאָך אַ פֿרעגל-פֿאַן, אויף וועלכער ס'האָט געסיקעט קעלבאַס מיט קרויט. ס'האָט זיך אויך באַוויזן אויפֿן טיש אַ געשליפֿענע קאַראַפֿינקע מיט בראָנפֿן, פֿון וועלכן ס'איז, באַם אָנגיסן אין גלעזל, זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטוב אַ ריח פֿון פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ.

דעם פֿעלדשער האָט פֿאַרדראָסן, וואָס קאַלאַשניקאָוו און דער שוואַרצער מעריק האָבן גערעדט צווישן זיך און נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף אים, גלייך ער וואָלט גאָר אינגאַנצן אין שטוב נישט געווען. און אים האָט זיך דווקא געגלוסט צו רעדן מיט זיי, אַ ביסל באַרימען זיך, צוזאַמען אויסטרינקען, עסן און, אויב מ'וועט קענען, איז טאַקע אויך אַ ביסל אַ שטיף טון מיט ליובקען, וועלכע האָט בשעתן עסן עטלעכע מאָל זיך געזעצט לעבן אים און אַלע מאָל, כלומרשט אומגערן, אָנגערירט אים מיט אירע שיינע אַקסלען און בשעת מעשה געגלעט אירע ברייטע היפּטן. דאָס איז געווען אַ געזונט מיידל, אַ לעבעדיקע, אַ רירעוודיקע — אַן אומרו; דאָ זעצט זי זיך אַוועק, דאָ שטייט זי אויף, און זיצנדיק דרייט זי זיך אויס צום שכן דאָ מיט דער ברוסט, דאָ מיט דער פּלייצע און

מוז דערבײַ דורכויס פֿאַרטשעפּען מיטן עלנבויגן אָדער מיט דער קני.

ס'איז אויך נישט געפֿעלן דעם פֿעלדשער, וואָס די פּויערן האָבן נאָר אויסגעטרונקען צו איין גלעזל און שוין מער נישט געטרונקען, און טרינקען אַליין איז אים עפּעס געווען איבער דער טבע. אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָנגעגאָסן אַ צווייטע כּוסה, דערנאָך אַ דריטע און אויפֿגעגעסן דעם גאַנצן קעלבאַס. כּדי די פּויערן זאָלן זיך נישט זײַטיקן פֿון אים, און אים אַרײַננעמען אין דער קאָמפּאַניע, האָט ער באַשלאָסן זיי אונטערצוחנפֿענען.

— דרייסטע יונגען זענען דאָ בײַ אײַך אין באָגאַליאָווקע! — האָט ער געזאָגט און אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

— מיט וואָס זענען זיי דרייסט? — האָט געפֿרעגט קאָלאַשניקאָוו.

— נו אָט, כ'מיין טאַקע כאָטש בײַ פֿערד. זיי גנבֿענען דרייסט!

— נו, שוין איינמאָל דרייסטע יונגען! בלויז שכּורים און גנבֿים.

— ס'איז געווען אַ צײַט, אָבער זי איז אַוועק — האָט געזאָגט מעריק נאָך אַ פּויזע. נישט מער ווי דער איינער אַלטער פֿיליאַ איז בײַ זיי געבליבן, איז ער אויך אַ בלינדער.

— יאָ! בלויז איין פֿיליאַ, — האָט אָפּגעזיפֿצט קאָלאַשניקאָוו. — ער איז שוין אַצינד קרוב זיבעציק יאָר; איין אויג האָבן די דײַטשן די קאָלאָניסטן אים אויסגעשטאָכן, און מיטן אַנדערן זעט ער אויך שלעכט. אַ בעלמע. פֿריִער, אַז דער וואַכמײַסטער, האָט אים נאָר דערזען, פֿלעגט ער שרײַען: „העי, דו שאַמיל*)!“ און אַלע פּויערן דאָס אייגענע — שאַמיל און שאַמיל, און אַצינד האָט ער נישט קיין אַנדערן נאָמען, ווי דער לאָמער פֿיליאַ. אָבער

*) אַ באַרימטער קאַווקאַזער גבור און אָנפֿירער פֿון דער צײַט, וואָס די רוסן האָבן אײַנגענומען קאַווקאַז.

דאָס איז געווען אַ דרייסטער מענטש! מיטן פאַרשטאָרבענעם אַנדרעי גריגאָריטשן, מיט ליובאַס פאָטער, האָט ער זיך איינמאָל באַנאַכט אַריינגעקריגן אונטער ראָזשנאָוואָ, — און דאָרט איז אין יענער צייט אַ פּולק קאַוואַלעריע געשטאַנען, — און זיי האָבן אַרויסגעיאָגט ניין זעלנערישע פערד, די סאַמע בעסטע, און האָבן זיך פאַר דער וואַך נישט אָפּגעשראָקן, און צומאָרגנס האָבן זיי אַלע פערד פאַר צוואָנציק רובל פאַרקויפט דעם ציגיינער אַפּאָנקע. יאָ! און אַ הייַנטיקער קוקט אָפּ צו פאַריאָגן אַ פערד באַ אַ שכורן אָדער אַ שלאָפנדיקן, און אָן שום מורא פאַר גאָט וועט ער נאָך באַם שכורן די שטיוול אַראָפּציִען, און שפּעטער ציטערט ער, פאָרט אַוועק מיטן פערד אויף אַ צוויי־הונדערט וויאָרסט און דינגט זיך נאָכדעם אויפן מאַרק, דינגט זיך, ווי אַ ייִד, ביזוואַנען דער אוריאַדניק פאַרנעמט אים נישט, דעם חמור. ס'איז נישט קיין פאַרווייַלונג, נאָר אַן אמתער בזיון! אַ געמיין פאָלק, נישטאָ וואָס צו רעדן.

— און מעריק? — האָט געפרעגט ליובקאַ.

— מעריק איז נישט קיין אונזעריקער, — האָט געזאָגט קאָלאַשניקאָוו. — ער איז אַ כאַרקאָווער, פון מיזשיריטש. און אַז ער איז אַ העלד, דאָס איז אמת, ס'איז אַן עברה צו קלאָגן זיך, אַ פיינער מענטש.

ליובקאַ האָט ממוריש און פריידיק אַ קוק געטון אויף מעריקן און געזאָגט:

— יאָ, נישט אומזיסט האָבן אים גוטע מענטשן. אין אַן איינ־לאָך געבאָדן.

— וואָס הייסט? — האָט געפרעגט דער פעלדשער.

— אָט אזוי... — האָט געזאָגט מעריק און אַ שמייכל געטון. — פיליאַ האָט פאַריאָגט באַ די סאַמאָילאָווער אַרענדאַרן דריי פערד, און זיי האָבן געקלערט אויף מיר. אַרענדאַרן אין סאַמאָילאָווקע איז פאַראַן אַ מאַן צען, און מיט די אַרבעטער וועט זיין ביז דרייסיק, און אַלץ פעסטע יאַטן... איז אָט זאָגט מיר איינער אויפן מאַרק: „קום צו גיין, מעריק, אַ קוק געבן, מיר האָבן פון יריד געבראַנגט צו פירן נייע פערד". איך בין, נאַטירלעך, געווען נייגעריק, קום איך צו זיי, און זיי וויפיל זיי זענען

געווען, אַ מאַן דרייסיק, האָבן מיר אַרונטערגעדרייט די הענט און מיך אָוועקגעפירט צום טייך. מיר וועלן דיר, זאָגן זיי, ווייזן פערד. אין איינלאָך איז שוין געווען אַ פּאַרטיקס, האָבן זיי דערלעבן, בערך אויף אַ מעטער, אַ צווייט לאָך אויסגעהאַקט. דערנאָך האָבן זיי, פאַרשטייט איך מיך, גענומען אַ שטריק, אים פאַרצויגן מיר אונטער די אָרעמס, און צום צווייטן עק האָבן זיי צוגעבונדן אַ קרומען שטעקן, אַז ס'זאָל, פאַרשטייט איר מיך, דורך ביידע איינלעכער דורכגיין. מילא, האָבן זיי אַדורכגעשטעקט דעם שטעקן און האָבן אַ שלעפּ געטון. איך, ווי איך בין געווען אין פּעלץ און אין די שטיוול — האָב אַ פּאַטש געטון אין לאָך אַריין! און זיי שטייען און שטופּן מיך אונטער, ווער מיטן פוס, ווער מיט אַ אַ דראָנג, דערנאָך האָב זיי מיך אַרונטערגעשלעפּט אונטערן אייז און מיך דורכגעשלעפּט אין צווייטן אייז־לאָך אַריין.

ליובקאַ האָט אַ ציטער געטון און זיך איינגאַנצן איינגעקאָרטשעט.

— אין אָנהויב האָט עס מיך פון קעלט אין היץ געוואָרפן — האָט פאָרגעזעצט מעריק — און ווען מען האָט מיך פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט, איז נישט געווען קיין שום עצה, כ'האָב מיך אָוועקגעלייגט אויפן שניי, און די חברה־לייט שטייען דערלעבן און שלאָגן מיט די שטעקנס איבער די קניען און עלנבויגנס. ס'האָט מוראדיק וויי געטון. זיי האָבן מיך געקיילט און אַוועק... און אויף מיר פרירט אַלץ, דאָס אָנטועכץ — איינגאַנצן אייז, כ'בין אויפגעשטאַנען — און נישטאָ קיין כוח. אַ מערכה — דורכגעפאָרן אַ פוריערטע, האָט זי מיך צוגעפירט.

דערווייל האָט דער פעלדשער אויסגעטרונקען אַ פינף אָדער זעקס גלעזלעך; באַ אים איז הייטער געוואָרן אויף דער נשמה און ס'האָט זיך אים אויך פאַרגלוסט צו דערציילן עפּעס אומגעווינלעכס, וואונדערלעכס און צו ווייזן, אַז ער איז אויך אַ העלדישער יונג און האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא.

— אָט אַזוי ווי באַ אונז אין פּענזענער גובערניע... — האָט ער אָנגעהויבן.

מחמת ער האָט אַ סך געטרונקען און באַקומען אַ שיכורע

צורה, און אפשר דערפֿאַר, וואָס ער איז שוין צוויי מאָל געכאַפּט
געוואָרן באַ אַ ליגנט, האָבן די פּויערן נישט געלייגט אויף אים
קיין שום אַכט און האָבן אַפּילו אויפֿגעהערט אים צו ענטפֿערן
אויף זיינע שאלות. נאָכמער, זיי האָבן אין זיין אָנוועזנהייט זיך
אַריינגעלאָזט אין אַזעלכע אָפֿנהאַרציקייטן, אַז אים איז אַוש גע-
וואָרן אומהיימלעך און קאַלט, און דאָס האָט באַטייט, אַז זיי באַ-
מערקן אים נישט.

קאַלאַשניקאָווס מאַנירן זענען געווען סאָלידע, ווי באַ אַ
מענטש אַ געזעצטן און איבערגערעכנטן; גערעדט האָט ער זאַכ-
לעך, און בשעת ער האָט געגענעצט, האָט ער יעדעס מאָל זיך
פֿאַרדעקט מיט דער האַנט דאָס מויל. און קיינעם וואָלט נישט איינ-
געפֿאַלן, אַז דאָס איז אַ גנב, אַן אומדערבאַרמיקער גנב, וואָס באַ-
רויבט אָרעמע לייט און וועלכער איז שוין צוויי מאָל געזעסן אין
תפֿיסה. מעריק אָבער האָט זיך געהאַלטן מעשה כוואַט. ער
האָט בפֿירוש געזען, אַז ליובקאַ און קאַלאַשניקאָוו שעפּן נחת
פֿון אים, און ער אַליין האָט זיך אויך געהאַלטן פֿאַר אַ העלדישן
יונג. דאָ האָט ער אָנגעשפּאַרט די האַנט אויף די לענדן, דאָ האָט
ער אַרויסגערוקט די ברוסט דאָ זיך אויסגעצויגן אַזוי, אַז די באַנ
האָט אַוש געקנאַקט. . .

נאָכן עסן האָט קאַלאַשניקאָוו, נישט אויפֿשטייענדיק, אָפּגע-
זאָגט אַ תּפֿילה פֿאַרן הייליקן בילד און אַ דריק געטאָן די האַנט
מעריקן; מעריק האָט אויך אָפּגעזאָגט די תּפֿילה און אַ דריק גע-
טאָן די האַנט קאַלאַשניקאָוון. ליובקאַ האָט אַראָפּגערוימט פֿון נאַכט-
עסן און אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש מיעטאָווע קיכעלעך, געטרוקנ-
טע ניס, באַניע-קערן און אַרויפֿגעשטעלט צוויי פֿלעשער מיט זיסן
וויין.

— דעם גן-עדן, אייביקע רו זאָל ער האָבן, אַנדרעי גריגאָ-
ריטש, — האָט געזאָגט קאַלאַשניקאָוו, טרינקענדיק לחיים צו מע-
ריקן. — ווען ער האָט געלעבט, פֿלעגן מיר זיך דאָ צונויפֿקלייבן,
אָדער באַם ברודער מאַרטין און — גאָט מיינער, גאָט מיינער! —
סאַרע מענטשן, סאַרע שמועסן! אינטערעסאַנטע שמועסן! ס'איז דאָ
מאַקע געווען מאַרטין, פֿיליאַ, סטוקאָטעי פֿעדאָר. . . אַלץ איז גע-

זען אײדל, לײטיש... און װי אַזױ האָט מען געהוליעט! אַ מין געהוליעט, אַ מין געהוליעט!

ליובקאַ איז אַרױסגעגאַנגען און נישט לאַנג װאַרטנדיק צוריקגעקומען אין אַ גרין טיכל און אין קרעלן.

— מעריק, גיב אַ קוק, װאָס קאַלאַשניקאָװ האָט מיר הײנט געבראַכט! — האָט זי געזאָגט.

זי האָט זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל און עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ס'זאָלן אַ קלימפּער טאָן די קרעלן. נאָכדעם האָט זי געעפנט דעם קופערט און אָנגעהױבן אַרױסנעמען פון דאָרטן: דאָ אַ סיטצן קלײד מיט רױטע און העל־בלױע אײגעלעך, דאָ אַן אַנדערס — אַ רױטס, מיט פאַלדן, װאָס האָט געשאָרכט און געררױשט, װי פּאַפּיר, דאָ אַ נײ טיכל, אַ בלױעס, מיט בונטע קאָלירן דורכגעשלאָגן — און דאָס אַלץ האָט זי געװיזן און, לאַכנדיק, געפּאַטשט מיט די הענט, גלײך זי װאָלט זיך געחידושט, װאָס בײַ איר זענען פאַרהאַן אַזעלכע אוצרות.

קאַלאַשניקאָװ האָט אָנגעסטראָיעט די באַלאַלײַקע און אױפגעשפּילט, און דער פעלדשער האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטײן, װאָס פאַר אַ מאָטיװ ער שפּילט, אַ פרײלעכן, צי אַ טרױעריקן, װײל דאָ איז עס געװען זײער טרױעריק, ס'האָט זיך אַזש אײַנגעלוסט צו װײנען, דאָ איז עס געװאָרן פרײלעך. מעריק איז פּלוצלינג אױפגעשפּרונגען און אָנגעהױבן טופּען אױף אײן אָרט מיט די אָפּצאַסן, און דערנאָך, צעשפּרײטנדיק די הענט, זיך דורכגעגאַנגען אױף די בלױזע אָפּצאַסן פון טיש צום אױװן, פון אױװן צום קופערט, נאָכדעם האָט ער אַ שפּרונג אױף געטאָן, װי אַן אָפּגעבריטער, אַ קלימפּער געטאָן אין דער לופט מיט די פּאָדקאָװעס און געלאָזט זיך אין אַ האָפּקע אַראָפּגעזעצטערהײט. ליובקאַ האָט אַ פאָך געטאָן מיט בײדע הענט, מוראדיק אַ קװיטש אַרױס געטאָן און זיך געלאָזט נאָך אים; אין אָנהײב איז זי זיך דורכגעגאַנגען זײטיק־זײטיק, פאַרביסן, אַקוראַט װי זי װאָלט געװאָלט זיך אונטערגנבענען צו עמעצן און אַ קלאַפּ טאָן פון הינטן, זי האָט צוגעקלאַפּט דראָבנע מיט די פּיאַטעס, װי מעריק מיט די אָפּצאַסן, דערנאָך זיך װילד אַ דרײ אַרום געטאָן און זיך אַראָפּגעזעצט, און איר רױט

קלייד האָט זיך אויפגעבלאָזן ווי אַ שירם; בייז קוקנדיק אויף איר און מיט פאַרשטשירעטע ציין האָט זיך מעריק אַ טראָג געטון צו איר אַראָפגעזעצטערהייט, וועלנדיק פון איר אַ תּל מאַכן מיט זיינע שרעקלעכע פיס, אָבער זי איז אויפגעשפרונגען, האָט פאַרוואָרפן אַ הינטער דעם קאָפּ און, פאָכענדיק מיט די הענט, ווי אַ גרויסער פויגל מיט די פליגל, גענומען שוועבן איבער דער שטוב, קוים אָנרירנדיק די פּאָדלאָגע...

„אַך, וואָס פאַר אַ פייער אַ מיידל, — האָט געקלערט דער פעלדשער, אַוועקזעצנדיק זיך אויפן קופערט, פדי צו קוקן אויפן טאַנץ. — סאַראַ פלאַם-פייער! אַלץ איז כדאי אַוועקצוגעבן...“

ער האָט באַדויערט: נאָכוואָס איז ער אַ פעלדשער, און נישט קיין פּראָסטער פויער? נאָכוואָס איז ער אָנגעטון אין אַ רעקל, אין אַ קייטעלע מיט אַן אָפּגעגילדט שליסעלע, און נישט אין קיין בלויער בלוזע מיט אַ געשטריקט גאַרטעלע? דאַן וואָלט ער געקאָנט דרייסט זינגען, טאַנצן, טרינקען, אַרומכאַפּן מיטביידע הענט ליובקען, אַזוי ווי עס טוט מעריק...

פון דעם האַסטיקן קלאַפּן, שרייען און היקען האָט אין אַלמער געקלימפּערט דאָס געפעס, דאָס פייער פון ליכטל איז אונטערגעשפרונגען.

ס'האָט זיך צעריסן דער פאָדעם און די קרעלן האָבן זיך צעשאָטן איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע, ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ דאָס גרינע טיכל און אַנשטאָט ליובקען האָט נאָר בלויז געשימערט אַ רויטער וואָלקן, ס'האָבן געפינקלט די שוואַרצע אויגן, און באַ מעריקן — אָקאָרשט דו זעסט נישט, רייסן זיך באַ אים אָפּ די הענט און די פיס.

— נאָר אָט האָט מעריק צום לעצטן מאָל אַ קלאַפּ-צו געטון מיט די פיס און געבליבן שטיין, ווי אַן איינגעמויערטער... אַ פאַרמאַטערטע, קוים עטעמענדיק, האָט זיך ליובקאַ אַ בייג געטון צו אים אויף דער ברוסט און זיך צוגעדריקט, ווי צו אַ סלופּ, און ער האָט זי צערומגענומען און, קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין, צאַרט און ליבלעך געזאָגט, אַזוי ווי אין שפּאַס:

— כ'וועל שוין געווויר ווערן, וו באַ דיין אַלטער איז באַ-

האַלטן דאָס געלט, איך וועל זי דערהרגענען, און דיר וועל איך איבערשניידן דאָס גערגעלע מיט אַ מעסערל, און נאָכדעם וועל איך פאַרברענען די קרעטשמע... מענטשן וועלן מיינען, אַז איר זענט אומגעקומען פון דער שרפה, און איך וועל מיט אייער געלט אַוועקגיין קיין קובאַן, וועל דאָרט טרייבן טאַבונען, האָדעווען שעפסן...

ליובקאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר בלויז שולדיק אַ קוק געטאָן אויף אים און געפרעגט:

— מעריק, ס׳איז גוט אין קובאַן?

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר איז צוגעגאַנגען צום קיפערט, זיך אַוועקגעזעצט און זיך פאַרטראַכט; מסתמא האָט ער גענומען טרוימען וועגן קובאַן.

— נו, איך דאַרף שוין פאָרן — האָט געזאָגט קאַלאַשניקאָוו, זיך אויפהייבנדיק. — פיליאַ וואַרט שוין מסתמא. זיי געזונט, ליובאַ!

דער פעלדשער איז אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טאָן: זאָל נאָר קאַלאַשניקאָוו צומאָל נישט אַוועקפאָרן מיט זיין פערד. די זאַווערוכע האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. ווייסע וואָלקנס, פאַרטשעפענדיק זיך מיט זייערע לאַנגע עקן אָן ווילדן גראָז און אָן די קושאַקעס, האָבן זיך געטראָגן איבערן הויף, און אין יענער זייט פלויט, אויפן פעלד, האָבן גיגאַנטן אין ווייסע קיטלען מיט ברייטע אַרבל זיך געדרייט און געפאַלן, און ווידער זיך אויפגעהויבן, כדי צו פאָכען מיט די הענט און זיך ממיתן. און ערשט דער ווינט, דער ווינט! די נאַקעטע בעריאָזעלעך און קערשן-ביימלעך, נישט קענענדיק פאַרטראָגן זייערע גראָבע צערטלענישן, האָבן זיך נידעריק געבויגן צו דער ערד און געוויינט: — גאָט, פאַר וואָסערע זינד האָסטו אונדז צוגעפעסטיקט צו דער ערד און לאָזסט אונדז נישט אויף דער פריי?

— טפרר! — האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן קאַלאַשניקאָוו און זיך געזעצט אויף זיין פערד; איין האַלב טויער איז געווען געעפנט און לעבן אים איז געווען אָנגעשאָטן אַ הויכער באַרג שניי. — נו, געגאַנגען זאָל ווערן! — האָט אַ געשריי געטאָן קאַלאַשניקאָוו.

זיין קליינגעוויקסיק, קורצפיסיק פערדל האָט אַ ריר געטאָן און איז אַריינגעקראָכן ביז איבערן בויך אינם שניי־באַרג. קאַלאַשניקאָוו איז אויס געוואָרן פון שניי און איז באַלד צוזאַמען מיטן פערד פאַרשווונדן געוואָרן אויף יענער זייט טויער.

ווען דער פעלדשער איז צוריק אַריינגעקומען אין שטוב, איז ליובקאַ אַרומגעקראָכן איבער דער פּאָדלאָגע און צונויפגעקליבן די קרעלן. מעריק איז נישט געווען.

„אַן אוצר אַ מיידל! — האָט געטראַכט דער פעלדשער, זיך לייגנדיק אויף דער באַנק, און אונטערלייגנדיק אונטערן קאָפּ דאָס פעלצל. — אַך, ווען דאָ וואָלט נישט געווען מעריק!"

ליובקאַ האָט אים גערייצט, קריכנדיק איבער דער פּאָדלאָגע לעבן דער באַנק, און ער האָט אַ קלער געטאָן, אַז ווען מעריק וואָלט דאָ נישט געווען, וואָלט ער אומבאַדינגט אַצינד אויפגעשטאַנען און זי אַרומגענומען, און וואָס ווייטער, וואָלט מען שוין דעמאָלט געזען. אמת, זי איז נאָך אַ מיידל, נאָר אַן אָרנטלעכע — זיכער נישט; און אויב אַפילו יאָ אַן אָרנטלעכע, איז דען כדאַי צו צערעמאָניען זיך אין אַ גזלנים־נעסט?

ליובקאַ האָט צונויפגעקליבן די קרעלן און איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס ליכטל האָט שוין געהאַלטן בײַ אויסגיין, און דאָס פייער האָט שוין אָנגעכאַפּט דאָס פּאַפּירל אין לייכטער. דער פעלדשער האָט אַנידערגעלייגט לעבן זיך שוועבעלעך און דעם רעוואָלווער און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. דאָס אייל־לעמפּל האָט שטאַרק געציקט, אַזוי, אַז ס'האָט ווי געטאָן דערפון די אויגן, און פלעקן זענען אַרומגעשפּרונגען איבערן סופיט, איבערן אַלמער און צווישן זיי האָט זיך אויסגעמאָלט ליובקאַ, אַ פעסט־געבויטע, אַ פולברוסטיקע: דאָ ווי זי דרייט זיך ווילד, דאָ ווי זי האָט זיך פאַרמאַטערט פון טאַנץ און סאַפּעט...

„אַך, ווען מעריקן זאָל דער רוח אַוועקטראָגן!" — האָט ער געקלערט.

דאָס אייל־לעמפּל האָט צום לעצטן מאָל אַ ציק געטאָן; ס'האָט אַ קנאַק געטאָן און ס'איז פאַרלאָשן געוואָרן. עמעצער, אפנים מעריק, איז אַריינגעקומען אין שטוב און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן

קופערט. ער האָט אַ צי געטון פון דער לולקע, און אויף אַן אויגנ-בליק איז באַלויכטן געוואָרן די ברוינע באַק מיטן שוואַרצן פלעק. פון דעם איבלדיקן טיטון-רויך האָט דעם פעלדשער אָנגעהויבן רייסן אין האַלז.

— האָסטו עס אַ פּאַסקודנעם טיטון — אַז דער טייוול זאָל אים נעמען! — האָט געזאָגט דער פעלדשער. — ס'כאַפּט אַן אַ חלשות.

— איך מיש דעם טיטון מיט האָבער-בליעכץ — האָט גע-ענטפערט מעריק נאָך אַ קורצן שטילשווייגן. — ס'איז לייכטער פאַר דער ברוסט.

ער האָט אויסגערייכערט, אויסגעשפּיגן און איז ווידער אַרויס-געגאַנגען. ס'איז אַריבער באַ אַ האַלבער שעה, און אין פאָדער-הויז האָט פּלוצלינג אַ בליץ געטון ליכט; ס'האָט זיך באַוויזן מע-ריק אין פעלצל און אינעם היטל, דערנאָך ליובקאַ מיט אַ ליכט אין דער האַנט.

— בלייב איבער, מעריק! — האָט ליובקאַ געזאָגט מיט אַ בעטנדיק קול.

— ניין, ליובאַ, פאַרהאַלט מיך נישט.

— הער מיך אויס, מעריק — האָט געזאָגט ליובקאַ און איר קול איז געוואָרן צערטלעך און ווייך. — איך ווייס, דו וועסט אויסזוכן דער מאַמעס געלט, וועסט זי אומברענגען און מיך, און וועסט גיין קיין קובאַן ליבן אַנדערע מיידלעך, נאָר טו, ווי דו ווילסט. איך בעט דיך בלויז איינס, האַרץ: בלייב איבער!

— ניין, כ'וויל אַ הוליע טון... — האָט געזאָגט מעריק, זיך אונטערגאַרטלענדיק.

— און הוליען האָסטו אויך נישט אויף וואָס... דו ביסט דאָך געקומען צו פוס, אויף וואָס-זשע וועסטו אַוועקפאָרן?

מעריק האָט זיך אָנגעבויגן צו ליובקען און איר עפּעס איינ-גערוימט אין אויער; זי האָט אַ קוק געטון אויף דער טיר און זיך צעלאַכט דורך טרערן.

— און ער שלאָפט, דער אַנגעבלאָזענער אשמדאי... — האָט זי געזאָגט.

מעריק האָט זי אַרומגענומען, אַ שטאַרקן קוש געטון און איז

אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן. דער פעלדשער האָט אַריינגערוקט דעם רעוואָלווער אין קעשענע אַריין, איז שנעל אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפן נאָך אים.

— לאָז אַדורכגיין! — האָט ער געזאָגט צו ליובקען, וועלכע האָט שנעל אין פאַרעהויז פאַרמאַכט די טיר אויפן ריגל און זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל. — לאָז! וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט?

— נאָכוואָס דאַרפסטו דאָרט?

— אויפן פערד אַ קוק טון.

ליובקאַ האָט אַ קוק געטון אויף אים פון אונטן אַרויף גנביש און ליבלעך.

— וואָס דאַרפסטו קוקן אויפן פערד? דו גיב בעסער אַ קוק אויף מיר... — האָט זי געזאָגט. דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן און אָנגערירט מיטן פינגער דאָס גאָלדענע שליסעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין קייטעלע.

— לאָז, אַ נישט וועט ער אַוועקפאָרן מיט מיין פערד! — האָט געזאָגט דער פעלדשער. — לאָז, טייוול! — האָט ער אַ געשריי געטון און, אַ קלאַפּ געבנדיק איר מיט כעס אין אַקסל אַריין, האָט ער מיטן גאַנצן כוח זי אַ שפּאַר געטון מיט דער ברוסט, כּדי זי אָפּצושטופּן פון דער טיר, נאָר זי האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט אָן ריגל און איז געווען ממש ווי אויס אייזן. — לאָז! — האָט ער אַ געשריי געטון, פאַרמאַטערנדיק זיך. — ר'וועט אַוועקפאָרן, זאָג איך!

— וואָס רעדסטו? ער וועט נישט אַוועקפאָרן.

שווער עטעמענדיק און גלעטנדיק דעם אַקסל, וואָס האָט וויי געטון, האָט זי ווידער אַ קוק געטון אויף אים פון אונטן אַרויף, האָט זיך פאַררויטלט און זיך צעלאַכט.

— גיי נישט אַוועק, האַרץ... — האָט זי געזאָגט. — ס'איז מיר איינער אַליין אומעטיק.

דער פעלדשער האָט איר אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין, האָט אַ קלער געטון און זי אַרומגענומען, זי האָט זיך נישט געווערט.

— נו, מאַך נישט קיין קונצן, לאָז! — האָט ער אַ בעט נעטון.

זי האָט געשוויגן.

— איך האָב געהערט, — האָט ער געזאָגט, — ווי דו האָסט אַקאָרשט געזאָגט מעריקן, אַז האָסט אים ליב.

— ס'איז נאָך ווייניק... ווען איך האָב ליב, דאָס ווייסט נאָר מיין קעפּל.

זי האָט ווידער אָנגערירט מיטן פינגער דאָס שליסעלע און שטיל געזאָגט:

— גיב מיר דאָס...

דער פעלדשער האָט אָפּגעטשעפּעט דאָס שליסעלע און עס איר אַוועקגעגעבן. זי האָט פּלוצלינג אויסגעצויגן דעם האַלז, זיך צוגעהערט און געמאַכט אַן ערנסט פּנים, און איר בליק האָט זיך אויסגעוויזן דעם פעלדשער קאַלט און שעלמיש; ער האָט זיך דער־מאָנט אָן פערד, און שוין לייכט זי אָפּגעשטופּט און איז אַרויסגע־לאָפן אויפן הויף. אונטערן אָפּדאַך האָט גלייכמעסיק און פויל גע־כראָמקעט אַן איינגעשלאָפן חזיר און ס'האָט געקלאַפּט מיט די הער־נער אַ קו... דער פעלדשער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערזען אי דאָס חזיר, אי די קו, אי די הינט, וואָס האָבן פון אַלע זייטן זיך געוואָרפן אויף אים איבערן פייער, נאָר פון פערד איז אַפילו קיין זכר נישט געבליבן.

שרייענדיק און פאָכענדיק מיט די הענט אויף די הינט, אָנ־שלאָגנדיק זיך און אַריינפאַלנדיק אין די בערג שניי, איז ער אַרויס־געלאָפן אויף יענער זייט טויער און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אין דער חשכות. ער האָט אָנגעשטרענגט די ראיה און געזען בלויז, ווי ס'איז געפלויגן דער שניי און ווי די שנייעלעך האָבן בפירוש זיך צונויפגעלייגט אין פאַרשידענע פיגורן: דאָ גיט פּלוצלינג אַ קוק אַרויס פון דער פינצטערניש אַ ווייסע לאַכנדיקע צורה פון אַ מת, דאָ לויפט דורך אַ ווייס פערד, און ס'זיצט דערויף אַן אַמאַזאָנקע אין אַ מושלין־קלייד, דאָ פליט אַדורך איבערן קאָפּ אַ טשאַטע ווייַ־סע שוואַנען...

דער פעלדשער האָט געציטערט פון צאָרן און קעלט און,

גישט ווימנדיק, וואָס צו טוּן, האָט ער אויסגעשאָסן פֿון רעוואָל־ווער אויף די הינט און קיין איינעם נישט געטראָפֿן. ענדלעך איז ער צוריק אַריינגעלאָפֿן אין שטוּב.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין פֿאָדערהויז, האָט ער דייטלעך דערהערט, ווי עמעץ האָט אָפּגעצויגן פֿון צימער און אַ קלאַפּ געטוּן מיט דער טיר. אין צימער איז געווען פֿינצטער; דער פֿעלדשער האָט אַ שטוּפּ געטוּן די טיר: פֿאַרשלאָסן; דעמאָלט איז ער, רייבנדיק אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע, צוריק אַרויסגעלאָפֿן אין פֿאָדערהויז, פֿון דאָרטן אין קיך אַריין, פֿון קיך אין אַ קליין צימער אַריין, וואו אַלע ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט ספּאָדניצעס, קליידער און ס׳האָט געשמעקט מיט קאָרנבלימלעך און קאָפּער, און אין ווינקל לעבן אויוון איז געשטאַנען עמעצנס אַ בעט מיט אַ גאַנצן באַרג קישנס; דאָ האָט, אַפּנים, געוואוינט די אַלטע, ליובקעס מוטער; פֿונדאַנען איז ער אַריבערגעגאַנגען אין אַ צווייט צימער אַריין, אויך אַ קליינס, און דאָ האָט ער דערזען ליובקען. זי איז געלעגן אויפֿן קופּערט, צוגעדעקט מיט אַ קאָליר־טער, געשטעפּטער קאָלדרע, פֿון שטיקלעך סיטץ צוזאַמענגענייט, און האָט זיך געמאַכט שלאָפֿן. איבער איר צוקאָפּנס האָט געברענט אַן איילּ־לעמפּל.

— וואו איז מיין פֿערד? — האָט שטרענג געפֿרעגט דער פֿעלדשער.

ליובקאַ האָט זיך נישט קיין ריר געטוּן.

— וואו איז מיין פֿערד, פֿרעג איך דיך? — האָט נאָך שטרענגער איבערגעחזרט דער פֿעלדשער און אַראָפּגעריסן פֿון איר די קאָלדרע. — איך פֿרעג דאָך דיך, כּלבטע! — האָט ער אַ געשריי געטוּן.

זי איז אויפֿגעשפּרונגען, געבליבן שטיין אויף די קניען און, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט דאָס העמד, און מיט דער אַנדערער זיך באַמיענדיק אָנצוכאַפּן די קאָלדרע, האָט זי זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט... זי האָט געקוקט אויפֿן פֿעלדשער מיט עקל, מיט שרעק, און אירע אויגן האָבן, ווי בײַ אַ געפֿאַנגענער חיה, גנבֿיש נאָכגעפֿאָרשט זיין מינדסטע באַוועגונג.

— זאָג, וואו איז דאָס פערד, וואָרים איך וועל דיר די לונ־גען אָפּהאַקן! — האָט אַ געשריי געטון דער פעלדשער.

— גיי אַוועק, פּאַסקודניק! — האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ הייזעריקער שטימע.

דער פעלדשער האָט זי אָנגעכאַפּט באַם העמד לעבן האַלז — און אַ ריס געטון; אָבער דאָ האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און מיטן גאַנצן כּוח אַרומגענומען דאָס מיידל. זי האָט, סיקענדיק פון כּעס, זיך אַ קאַרטשע געטון אין זיינע אָרעמס און, באַפרייענדיק איין האַנט — די אַנדערע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין צעריסע־נעם העמד, — האָט זי אים אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט איבערן שאַרבן.

ס'האָק זיך אים אַ מיש געטון אין קאָפּ פון ווייטיק, ס'האָט אָנגעהויבן קלינגען און קלאַפּן אין די אויערן, ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון אויף צוריק און אין דעם מאָמענט באַקומען אַ צווייטן קלאַפּ, נאָר שוין אין דער שלייף.

וואַקלענדיק זיך און אָנכאַפּנדיק זיך אין די טיר־רעמען, כּדי נישט אַנידערצופאַלן, האָט ער זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין צימער, וואו ס'זענען געלעגן זיינע זאַכן, און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק. אָפּליגנדיק אַ ביסל אַזוי, האָט ער אַרויסגענומען דאָס שעכטעלע מיט שוועבעלעך און גענומען צינדן איין שוועבע־לע נאָכן אַנדערן, אָן שום באַדאַרף: צינדט אָן, לעשט אויס און וואַרפט אַוועק אונטערן טיש — אָט אַזוי, ביז וואַנען ער האָט נישט אויסגעריבן אַלע שוועבעלעך.

דערווייל האָט הינטערן פענצטער אָנגעהויבן זיך בלויען די לופט, ס'האָבן זיך צעקרייעט די הענער, נאָר דער קאָפּ האָט אַלץ וויי געטון און אין די אויערן איז געווען אַזאַ גערויש, אַקוראַט ווי יערגעצוואָו וואָלט געלעגן אונטער אַ באַן־בריק און געהערט, ווי אי־בער זיין קאָפּ גייט דורך די באַן. ער האָט ווי ס'איז אָנגעטון דאָס פּעלצל מיטן היטל; דאָס זאַטל מיטן פּעקל איינגעקויפטע זאַכן האָט ער נישט געפונען, די טאָרבע איז געווען ליידיק: נישט אומ־זיסט האָט עמעץ אָפּגעצויגן פון צימער אַרויס, ווען ער איז פריער אַריינגעגאַנגען פון הויף.

ער האָט אין קיך גענומען אַ קאָטשערע, כּדי זיך צו באַשיצן פון די הענט, און ער איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, איבערלאָזנ־דיק צעפּראַלט די טיר. די זאַוויערוכע האָט זיך שוין געהאַט איינ־געשטילט, און אינדרויסן איז געווען רויק. . . ווען ער איז אַרויס־געקומען אויף יענער זייט טויער, האָט דאָס ווייסע פעלד אויסגעזע־זען טויט, און קיין איין פויגל איז נישט געווען אויף דעם פרי־מאָרגנדיקן הימל. אויף ביידע זייטן פון וועג און דאָרט אינדער־ווייטנס האָט געבלויעט דראָבנער וואַלד.

דער פעלדשער האָט געוואָלט אָנהייבן קלערן וועגן דעם, ווי מען וועט אים באַגעגענען אין שפּיטאָל און וואָס וועט אים זאָגן דער דאָקטאָר; מען האָט דורכויס געמוזט קלערן וועגן דעם און באַצייטנס צוגרייטן ענטפערס אויף די שאלות, אָבער די דאָזיקע געדאַנקען זענען צערונען און אַוועקגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען און געטראַכט בלויז וועגן ליובקען, וועגן די פויערן, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט; ער האָט זיך אויך דערמאַנט, ווי ליוב־קאַ, דערלאַנגענדיק אים דעם צווייטן קלאַפּ, האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער פּאָדלאָגע נאָך דער קאָלדרע און ווי איר צעלאָזטער צאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

באַ אים אין קאָפּ האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט און ער האָט געקלערט: צו וואָס איז אויף דער־דאָזיקער וועלט פאַרהאַן דאָק־טוירים, פעלדשערס, סוחרים, שרייבערס, פויערן, און נישט איינ־פאַך פרייע מענטשן? זענען דאָך פאַרהאַן פרייע פייגל, פרייע חיות, אַ פרייער מעריק, און זיי האָבן פאַר קיינעם נישט קיין מורא, און זיי איז קיינער נישט נייטיק! און ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, ווער האָט עס געזאָגט, אַז אויפשטיין דאַרף מען אינדערפרי, מיטאָג עסן אין מיטן טאָג, לייגן זיך אינאָוונט, אַז אַ דאָקטאָר איז גרעסער פון אַ פעלדשער, אַז מען דאַרף וואוינען אין אַ שטוב און מען מעג ליב האָבן נאָר דאָס אייגענע ווייב? און פאַרוואָס טאַקע נישט פאַרקערט: עסן מיטאָג באַנאַכט און שלאָפן באַטאָג? אָך, ווען מ׳קאָן אַ שפּרינג טון אויף אַ פערד אַרויף, נישט פרעגן וועמענס ס׳איז, טראָגן זיך ווי אַ שד אין גע־

יעג מיטן ווינט, איבער פעלדער, וועלדער און טאָלן, ליבן זיך מיט מיידלעך, לאַכן פון אַלע מענטשן. . .

דער פעלדשער האָט אַוועקגעוואָרפן די קאָטשערע אין שניי אַריין, איז צוגעפאַלן מיטן שטערן צום חייסן קאַלטן שטאַם פון אַ בעריאָזע און זיך פאַרטראַכט ; און זיין גרוי, איינטאָניק לעבן, זיין שכירות, זיין אונטערטעניקייט, די אַפּטייק, דאָס אייביקע האָבן צו טון מיט סלאָיקלעך און שמירעכצן האָט אים אויסגעזען איבל־דיק, חלשותדיק.

— ווער זאָגט עס, אַז הוליען איז אַ זינד ? — האָט ער זיך געפרעגט מיט פאַרדראָס. — אָט די וועלכע זאָגן דאָס, זיי האָבן קיינמאָל נישט געלעבט אויף דער פריי, ווי מעריק אָדער קאַלאַשניקאָוו, און האָבן נישט ליב געהאַט ליובקען ; זיי זענען זייער גאַנץ לעבן דורכגעקראָכן, האָבן געלעבט אָן שום הנאה און ליב געהאַט בלויז זייערע ווייבער, די זשאַבעס.

און וועגן זיך האָט ער איצט געקלערט אַזוי, אַז אויב ער אַליין איז נאָך ביז אַצינד נישט געוואָרן קיין גנב, קיין שווינדלער, אָדער אַפילו אַ גזלן, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער קען נישט, אָדער וואָס ער טרעפט אַליין נישט קיין גינסטיקע געלעגנ־הייט,

---

ס'איז אַריבער אַ יאָר דערטהאַלבן. איינמאָל פרילינגס־צייט, נאָך חגא, איז דער פעלדשער, וועלכער איז שוין לאַנג גע־ווען אָפּגעזאָגט פון שפּיטאָל און אַרומגעגאַנגען ליידיק, שפּעט אינ־אָווענט אַרויסגעגאַנגען אין רעפּינאָ פון אַ שענק און געגומען אָן אַ שום ציל בלאָנקען איבער דער גאַס.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן פעלד. דאָרט האָט געשמעקט מיט פרילינג און ס'האָט געבלאָזן אַ וואַרים ליב ווינטל. אַ שטילע, אויסגעשטערנטע נאַכט האָט אַראָפּגעקוקט פון הימל אויף דער ערד. גאָט מיינער, ווי טיף איז דער הימל און ווי אָן אַ שיעור

From the Library of
H. ZEMELMAN

בּרייט האָט ער זיך צעלייגט איבּער דער וועלט! די וועלט איז שיין באַשאַפן געוואָרן, נאָר נאָכוואָס און איבּער וואָסער טעם, האָט געטראַכט דער פעלדשער, טיילן די מענטשן איינער דעם אַנדערן אויף ניכטערע און שיכּורע, אויף אַרבּעטנדיקע און אַרבּעטלאָזע א. אַז. וו.? פאַרוואָס שלאָפט דער ניכטערער און דער זאַטער רויק בּאַ זיך אינדערהיים, און דער שיכּורער און הונגעריקער מוז זיך אַרומבּלאָנקען אויפן פעלד, נישט האָבּנדיק קיין מקום־מנוחה? פאַרוואָס מוז דער, וואָס אַרבּעט נישט און בּאַקומט נישט קיין שכירות, דווקא זיין הונגעריק, נישט אָנגעטון, נישט בּאַשיכט? ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט? פאַרוואָס זשע זענען פייגל און וואַלד־חיות נישט אויף קיין שטעלעס און בּאַקומען נישט קיין פּענסיעס, און לעבּן פונדעסטוועגן אין פאַרגעניגן?

פונדערווייטנס אויפן הימל האָט זיך צעשפּרייט איבּערן האָריזאָנט און געציטערט אַ רויטער פּורפּור־פלאַם. דער פעלדשער איז געשטאַנען, האָט לאַנג געקוקט אויף אים און אַלץ געקלערט: פאַרוואָס, אַז ער האָט נעכטן אַוועקגעלקחנט אַ פרעמדן סאַמאָוואַר און אים פאַרהוליעט אין שענק, איז דאָס אַן עבירה? פאַרוואָס?

פאַרבּיי אים אויפן וועג זענען דורכגעפאָרן צוויי וועגענער. אין איינעם איז אַ פוערטע געשלאָפן, אין אַנדערן איז געזעסן אַ זקן אָן אַ היטל...

— זיידע, וואו בּרענט עס? — האָט געפרעגט דער פעלדשער.

— אַנדרעי טשיריקאָווס קרעטשמע... — האָט געענטפערט דער זקן.

און דער פעלדשער האָט זיך דערמאַנט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט מיט אַן אַנדערטהאַלבּן יאָר צוריק, ווינטער, אין דער אייגענער קרעטשמע, און ווי מעריק האָט זיך דעמאָלט געריממט; און ער האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי ס'בּרענען די דערקוילעטע זקנה מיט ליובּקען, און ער האָט מקנא געווען מעריקן. און ווען ער איז געגאַנגען צוריק אין שענק אַריין, האָט ער געקוקט אויף

די הייזער פון די רייכע שענקערס, קיילערס און קאַ[illegible]לעס און געטראַכט : ס'וואָלט געווען אַ יושר זיך אַריינצוקריגן באַנאַכט צו עפּעס איינעם אַ רייכערן !